STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08629

# SHTILE TRIT

Lotty F. Malach

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לאָטי פֿידלער מלאַך

# שטילע טריט

דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן

# SOFT FOOTSTEPS

## "SHTILLE TRIT"

STORIES *and* MINIATURES
*by*
LOTTY F. MALACH

*Title Page by the Artist,* ARTHUR KOLNIK
(PARIS, FRANCE)

Copyright 1955
*by the Author:*
LOTTY F. MALACH
4277 Beethoven Street
Los Angeles 66, Calif.

ATLAS TYPESETTING CO.
406 South Main Street

*Printed in* U.S.A.
108

Printed by
A. & G. PRESS, INC.

לאָטי פ. מלאך

אינהאַלט פאַרצייכענונג — זייט 132

פאַרלאַג: „אַרבעט"
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.
1955

# פרילינג

(אויסן טאָג־בוך פון אַ לערערין)

## במקום הקדמה

מאָנטיק, אַ וואָכנדיקער טאָג. אָן אייזאַמע שפּאַן איך מיין טעגלעכן וועג איבער וואַן קאָרטלאַנד פּאַרק. דריי וועוועריקלעך שפּרינגען איבער שטאָק און שטיין און לויפן מיר נאָך. איינס, אַ דרייסטס, פאַרלויפט מיר דעם וועג; גורט זיך אָן די לענדן, ווישט זיך אָפּ מיט די פאָדערשטע לאַפּ־קעלעך די וואָנצעס און בלייבט שטיין אויף די אונטערשטע פיסלעך: „גיב ניסלעך, מיר זיינען הונגעריק!" (איך קאָן שווערן—אַזוי האָט עס געזאָגט)· איך הויב זיך אָן צו פאַרענטפערן:—פאַרגעסן, וועוועריקל, פאַר־געסן די ניסלעך היינט. קוקט עס מיך אָן און גלויבט זיך נישט. ס'גיט אַ פינטל צו מיר מיטן אויג: נאַרסט?

שפּאַן איך ווייטער מיט ליידיקע הענט אויף דער סטעטשקע אין פּאַרק. שטייט אַ פייגעלע און באָדט זיך אין שטויב; וויל עס דווקא איך זאָל אים אַרויסגיין פון וועג. טראַכט איך זיך: ס'איז דאָך פרילינג היינט, זאָל מיינס איבערגיין... יאָ, פרילינג: פרילינג אין געטאָ, פרילינג אין קיינעמס לאַנד, פרילינג איבער שוצלאָזע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. ליגן בלאַטיקע מענטשן מאַסן, ווי טשערעדעס פאַר דער שחיטה. רויען זיך פאַרוואַרלאָזטע קינדער, ווי ווערים אין די זומפּן. וואָס טראַכט די דאָזיקע מענטשן־מאַסע אין אַ פרילינגדיקן טאָג? איז זי בכלל נאָך מסוגל עפּעס צו טראַכטן?

גיי איך, אַן עלנדער מענטש, איבער אַ לויטערן טאָג און טראָג זיך מיט מיין אייגענעם פיין, ווי מיט אַן אבן־טוב. פּלוצלינג דערזע איך זיך נעבן די שלום־עליכם הייזער און ווער מיטאַמאָל אַ באַלעבאָס פון שליסלען. אָט יענע שול, מיט די פיר אותיות אויף איר שילד—איז מיין שול. איך שליס אויף, גיי אַריין. אויסגעוואַשן שטייט פאַר מיר דאָס קלאַסצימער. גלאַנציק און אויסגעצוואָגן הענגט דער טאָוול. לעבעדיק ווינקען די ביכער צו מיר פון דער שאַפע. שלום־עליכם גיט אַ שמייכל פון דער וואַנט. ווי היימלעך ס'איז דאָ אין מיין קלאַסצימער. איך צעעפן די פענצטער. די זון צעלייגט איר גאָלד אויף אַלע שול־בענק.

ס'איז דריי אַזייגער נאָכמיטאָג. אַ געפּילדער דערהערט זיך פון דרויסן. אין גאַס לויפן קינדער, צו צוויי, צו דריי, און צו פינף, ווי בוקעט־לעך, נאָר וואָס אַרויס פון בלומען־גאָרטן. טומלען און רייסן אויף די שטיל־קייט דאָ אַרום. איך נעם זיך צוגרייטן—שרייב אָן אויפן טאָוול: „פרילינג." אַ שווער וואָרט פאַר קליינע קינדער. ווער האָט עס אויסגעטראַכט צו שרייבן פרילינג מיט אַ „ר"? ווען מען זאָגט, למשל: „פילינג", וואָלט דאָך פונקט אַזוי גוט געווען און ס'וואָלט לייכטער געווען פאַר די קינדער.

די ערשטע שוואַלב באַווייזט זיך—ראובעלע: „האַלאָ, חבר לערער!" (חברטע, איז ווידער אַ שווער וואָרט פאַר אָנפאַנגער, רופן זיי מיך: חבר). ער האָט גלייך אויסגעשאָסן דריי פראַגן אויף אַמאָל און איין „פאַרוואָס" יאָגט זיך נאָכן צווייטן:

— פאַרוואָס האָסטו אויפגעמאַכט אַלע פענצטער?

— פאַרוואָס האָסטו זיך היינט אַזוי אויסגעפּוצט?

— פאַרוואָס „בינסטו" אַזוי בלאַס?

ראובעלע איז אַ יינגל פון זיבן יאָר. ער איז איבערגעוואַקסן זיין עלטער. אַ פאַר גרויסע ברילן באַשאָטענען זיינע ליכטיק־גרויע אויגן, און אַ גאָלדענע טשופּרינע איז די קרוין אויף זיין שטאָלצן קאָפּ. ווי איך קוק אַזוי אויף אים, דאַכט זיך מיר, אַז דאָס גאַנצע יינגל איז בלויז מויל און אויגן...

דער זייגער שטייט אויפן פענצטער. קומט יעדע מינוט צו אַנאַנדער קינד, גיט אַ קוק צי ס'איז שוין צייט, און כאַפּט נאָך דערווייל אַריין אַ באַל.

צוואַנציק מינוט צו פיר. ביכלעך פליען, מאַנטלען הענגען, דער בליישניצער אַרבעט מעשים.

ס'ערשטע קומט אַריין באַרבאַראַ. זי איז מיט עטלעכע חדשים צוריק פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן דאָ אַהער. געקומען אַ קוק טאָן, פאַר טשיקאַוועס, אויף אַ יידישער שול און האָט זיך שוין דאָ צוגעקלעפּט. אַ שמאָל גע־שטעלכל איז זי, באַרבאַראַ, דאָס עלטסטע קינד אין קלאַס. פילט זי זיך ווי אַ גאַנצע פאַרזאָרגערין פון דער שול. זי זיצט אין צענטער; אירע קלוגע, ברוינע אויגן קוקן אַריבער אַלע קינדער. זי האָט גיך אָנגעיאָגט די אַנדערע קינדער אין לימוד און איצט וואַכט זי איבער יעדן וואָרט:

— לערערין, ער האָט געמאַכט אַ גרייז.

פאַר איר זיצט רותי, אַן אָנגעטאָפּטשעט מיידעלע מיט צוויי שטייפע צעפּעלעך. אירע פּיסקעלעך ברעכן זיך: פּ־פּ־פּאַ־פּרילינג. זי האָט באַ־וויזן אויסצוכאַפּן נאָך איידער באַרבאַראַ איז אַרויסגעקומען מיטן „גרייז".

אויף רעכטס זיצט מאַרעק און געניצט. ער האָט שוין אַלץ אָפּגע־שריבן פונעם טאַוול און איצט וואַרט ער אויף אַ „שטאָך אַרבעט".

מאַרעק איז דאָס שנעלסטע קינד אין קלאַס. נאָך איידער די אַנדערע קינדער צעוויגן זיך, האָט ער שוין אַלץ אָפּגעטאָן און ס'בלייבט אים נאָך צייט צו מאַכן אַן עראָפּלאַן פון פּאַפּיר און אים אַרויסלאָזן דורכן פענצטער.

הינטער מאַרעקן זיצט לעאָן, אַ פּיצל ייִנגל. ווען נישט די גרויסע אויגן, וואָלט מען אים בכלל ניט אָנגעזען. אויף לינקס, דאָס לעצטע בענקל, זיצט פּרץ. אין אָנפאַנג האָט ער ניט געוואָלט גיין אין שול אַריין, נאָר איצט קאָן ער שוין לייענען און שרייבן, געפעלט עס אים זייער. לייענט ער איבער אַ פּראַגראַף, דערציילט עס נאָך און זעצט גלייך איבער אויף ענגליש. ביי יעדן זאַץ גיט ער זיך אַ קלאַפּ אין בייכל: „איט טייקס מי״ („נאָר איך בין אַזאַ בריה״).

דבורהלע איז זיך אַ קליין דאַמעלע: שלאַנק און בויגיק און שיין, ווי נאָר גאָט קאָן אַזוינס באַשאַפן. האָט זיך אַ שטראַל פאַרגנבעט אין אירע לאָקן און שפּילט זיך דאָרט אַרום. אַ שטיפער—אַ שטראַל!

— לערערין, איך קאָן לייענען ייִדיש, נאָר כ'ווייס ניט וואָס ס'מיינט. מיין מאַמע „האַרדלי עווער" (כמעט קיינמאָל נישט) רעדט צו מיר אויף ייִדיש.

נעמי איז ערשט עטלעכע טעג אין שול: שרייבט זי פון לינקס אויף רעכטס, אַזוי ווי ענגליש. (זאָלן מיר אַלע לערער מוחל זיין, ס'האָט דעם זיבעטן חן).

בעני איז אַ ייִנגל אַ פּעמפּיק. גרויסט זיך מיט זיין טאַטנס געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט: — לערערין, אַ יאָ מיין טאַטע איז „באָס" איבער דער שול?

און טייבעלע? אָ, טייבעלע איז איצט פאַרנומען:

— לערערין: פּרילינג שרייבט מען מיט אַ לאַנגער „פ"?

צו טייבעלען קען איך ניט רעדן גלייכגילטיק. מיין האַנט גנבעט זיך אַליין אַוועק און גיט איר אַ גלעט איבערן קעפּל. יאָ, מיין האַנט מוז זיך אַוועקגנבענען, ווייל ראובעלע וויל ניט ליידן איך זאָל גלעטן טייבעלען. ער זאָגלט אָן די ברילן און איז שוין גרייט אויסצושיסן אויף מיר אַ האַלבן טוץ „פאַרוואָסן". נעמי פילט זיך אויך געקרענקט צוליב דעם. זי בלאָזט אָן אירע ליפּעלעך און נעמט ווידער שרייבן פון לינקס אויף רעכטס. ווייל „אַל די טיטשער קערס פּאָר" איז טייבעלע. די איינציקע ווען ס'אַרט נישט, איז באַרבאַראַ. זי פילט זיך אַזויפיל איבערגעוואַקסן

זיי אַלעמען. גאַנצע צען יאָר איז זי אַלט. רותין אַרט איך ניט, נאָר אירע צעפּעלעך גיבן זיך אַ שטעל אין דער ברייט. דבורהלע באַשליסט ביי זיך, אַז מער וועט זי ניט גיין אין שול אַריין, ווייל די לערערין האָט בלויז ליב טייבעלען און ווייטער קיינעם ניט: „סאָ אַי קוויט." זי „קוויט" ביז מאָרגן אין דער צייט, ביז איך וועל ווידער אָוועקשטעלן דעם זייגער אויפן פענצטער...

ווער־זשע איז טייבעלע?

אַ מיידעלע פון זעקס יאָר, מיט אַ מלאכיש פּנימל און הימלישע בלויע אויגן. האָט טייבעלע ליב די שול און נאָך ליבער די לערערין. טראָגט טייבעלע אין שול אַריין אַלץ, וואָס זי קאָן נאָר קריגן: אַ מעקער, אַ בלייער, קרייד, פאַרב, צאַצקעס; אפילו מיט אַ גראַגער אויף איבעראַיאָר פורים האָט זי שוין אויך פאַרזאָרגט די שול. ווייס איך ניט וואָס מיך ציט אַזוי צו דעם דאָזיקן קינד. נאָר איך פיל, ווי זי שטראַלט אַריין אין מיר און שטראַלט צוריק אַרויס; וואַרעמט מיך און טרייסט, און היילט מיר אויס מיין צעוואונדיקטע נשמה.

גיי איך, אַן איינזאַמער מענטש, אין אַ פרילינגדיקן טאָג איבערן פּאַרק און טראַכט: אפשר, אפשר וועלן די קינדער אונדזערע מער נישט דערלאָזן, אַז די געשיכטע זאָל זיך אַזוי גרויזאַם איבערחזרן. און אפשר, אפשר וועט נאָך אַמאָל אויפבליען אַן אמתער פרילינג אויף דער וועלט; אַ פרילינג פון יושר און גערעכטיקייט; אַ פרילינג פון שלום און מנוחה; אַ פרילינג אויך פאַר אונדז יידן. און אויב שוין נישט פאַר מיר און אויב שוין נישט פאַר מיין דור, זאָל בליען פאַר אוינדזערע טייבעלעך און ראובעלעך...

# דערציילונגען

## ציע, ציעטשקע

פרייטיק: דער סדר פון טאג הויבט זיך אן פריער ווי געוויינלעך ביי דעם בינטל יידן אין דארף. די זון איז נאר וואס אויסגעוואקסן אויפן שפיץ פון העכסטן בארג. האט ציע, א בלאסע, א ניט־דערשלאפענע, שוין ארויסגעטריבן די שטאלצע טיראלא און איר שטיפקינד—א מאגער קעלבל, איז איר פויל און טשוכעדיק נאכגעגאנגען.

דער פרימארגן איז געווען א לויטערער. א קילער ווינט האט גע־טריבן פארבלאנדזשעטע שטיקער וואלקן, וואס האבן געוואנדערט איבערן אומענדלעכן בלויען הימל. די גרינע לאנקע איז געלעגן אויסגעשפרייט אונטער א געדיכטער דעק פון פערלדיקן טוי, וואס האט אין שיין פון פייערדיקן זונאויפגאנג געשפילט אין א לייכטער דרייפארביקייט.

ציע איז געשפרונגען ווי א העזל. דער קאלטער טוי האט געשניטן אירע בארוועסע פיסלעך און דער ווינט האט זי דורכגענומען. זי איז אראפגעלאפן פון נאסן גראז אויפן שמאלן זאמדיקן וועג, וואס האט זיך באגעגנט מיטן מורמלענדיקן טייכל ווי אין א קרייץ און צעשניטן די לאנקע אין פירן.

ציע האט צענויפגעלייגט דאס אפגעשאסענע, ציצענע טיכל אין א דרייעק, האט עס אנגעטאן אויפן קאפ, ארומגענומען אונטער די ארעמס און פארבונדן אויפן רוקן מיט א קנופ. זי האט זיך אנידערגעזעצט אויפן ערשטן בעסטן שטיין. אך, ווי זי איז נאך געווען שלעפעריק. די אויגן האבן זיך איר געקלעפט. א טראפעלע, א רגע שלאף, אפילו אט־דא אויפן שטיין. זי האט צענויפגעקארטשעט איר דין קערפערל און איז לייכט אנטדרימלט געווארן.

איינציקוויז זיינען ארויסגעקומען די אנדערע בהמות. און מאמעס האבן זיי צוגעהיטן פון דערווייטנס, ניט וועלנדיק אויפוועקן די קינדער אזוי פרי.

די קי, די אויסגעכאוועטע, אויסגעצאצקעטע פרנסה־געבער, זיי פאשען זיך ניט אבי וואו. און דא, אויף דער אפגעגריזשעטער לאנקע, וואס אלץ קריכט אויף איר ארום—פון א גענדזל ביז א פערד—וועלן זיי,

די גרעסטע מיוחסים פון דאָרף, זיך נישט פּאַשען. זיינען זיי געבליבן שטיין מיט ליידיקע באַקעס, ווי די ברעטער, און זיך אָנגעקוקט.

די מאַמעס האָבן דאַן שנעל אויפגעוועקט די קינדער, זיי צענויפ־גענומען און אויסגעריכט מיט די בהמות אויף די בערג פאַר בעסערער פּאַשע.

מעכל בלומעס האָט זיך ערשט איבערגעדרייט אויף דער לינקער זייט. נאָר די קו, בלומעס ליסע, האָט זיך ווינציק וואָס געקימערט נאָך אים. זי האָט זיך געהאַט איר חברותא: די טשעבאַנע, די באַלאַיאַ, די טיראָלאַ, און נאָך אַזעלכע בכבודיקע קי, און איז מיטגעגאַנגען מיט זיי. בלומע איז נישט געווען פון די קבצנישע באַלעבאָסטעס, וואָס ציטערן איבער איעדער זאַך. ביי איר האָט זיך געפירט אַ ווירטשאַפט פון זיך אַליין: זי האָט געוואוסט, אַז אפילו איר קו וועט אַריין אין אַ שאָדן, איז אויך אַ קליינער שאָדן...

די פּאָר שעה וואָס די קינדער גייען אַוועק מיט די בהמות, דאָס איז זייער בעסטע צייט: דאָרט שרייט נישט דער טאַטע, דאָרט שילט נישט די מאַמע; דאָרט אויפן באַרג, אַבי די זון שיינט נאָר צו, גייען פאַרלוירן אַלע זאָרגן פון דער וועלט...

דאָרטן ווערן קינדערשע געמיטער צוגלייך מיטן ווינט, פלאַטערנדיק און דורכגעלויכטן. און טאָמער עס טרעפט, אין שפּיל פאַרגעסט מען זיך און איינעמס אַ קו פאַרקריכט דערוויל אין אַ שאָדן, שטעלן זיך אַלע פאַר איינעם איין אויף לעבן און טויט!

דאָרטן לערנט מען זיך שרייבן, שניצן, שטריקן. דאָרטן אויפן וועג צווישן באַרג און טאָל, גייען אויף יונגע ליבעלעך, ווי די שוועמעלעך. דאָרטן דערציילט מען זיך פאַנטאַסטישע מעשהלעך פון ברויט צו דער זעט, פון פלייש אויף שבת, פון סמעטענע מיט קעז, וואָס די מאַמע דאַרף נישט אַוועקטראָגן פאַרקויפן, פון אַן אָפּגעקאָכט איי, און נאָך אַזעלכע וואונדער...

ציעס הונגעריקע אויגן שפּרינגען שיר ניט אַרויס פון קאָפּ. די פאַנטאַזיע צעשפּילט זיך אין זיי און אַ וועלט מיט רחבות פּראַלט אַרויס פון אירע בליקן. ווען עס קומט צו די דאָזיקע מעשהלעך, איז זי, ציע, מיטן אייביק צעשראָקענעם פּנים, די העלדין פון טאָג. זי ווייסט אפילו צו דערציילן פון שטיבער מיט הילצערנע דילן און הויכע פענצטער. קינדער וואָס האָבן שיך און מאַנטלען אויפן ווינטער. און קליידלעך— אָ, אויף דעם איז ציע אַ מייסטערין. זי שטעלט אויס אירע חברטעס אָרום

צעבליטע קרעלן־ביימלעך, און וועבט פאַר זיי קליידלעך פון נעפּל און זון־שטראַלן...

די קינדער קוקן איר אין מויל אַריין מיט גרויס באַוואונדערונג. אַמאָל איז ציע דערגאַנגען מיט איר פאַנטאַזיע ביז צו דער... „ווירקלעכ־קייט". זי האָט מיטגענומען אַ בלייפעדער און האָט אויסגעמאָלן און פאַר־צייכנט די אַלע גוטע זאַכן, וואָס יעדעס קינד דאַרף קריגן—גלייך אויף גלייך, זי האָט קיינעם ניט פאַרפעלט:

... דיר אַ פּאָר הייזקעלעך, מיר אַ קליידל, יענעם אַ פּאָר שיך; מעכל בלומעס—כאָטש ער איז נישטאָ דערביי—אים אַן אנצוג, זוליען אַ מאַנטל; חלה מיט פּוטער, האָלץ אויפן ווינטער, אַ קו וואָס זאָל זיך שטענדיק מעלקן...

אויף ציעס קליין שטיקל פּאַפּיר איז געוואָרן אַ שפע פון אַלדאָס גוטס. זי איז ביזן לעצטן אָטעם פאַרכאַפּט געוואָרן פון איר „פאַרטיילונג". אַזוי ווייט, אַז זי איז פאַרבליבן איינע אַליין מיט דער טיראַלאַ, בלומעס ליסע, און דעם פוילן קעלבל הינטערן וואַלד. די אַנדערע קינדער זיינען מיד און הונגעריק געוואָרן און האָבן אַהיים געטריבן די בהמות.

ס'איז שוין געווען שפּעט אין האַלבן טאָג אַריין, ווען די צוויי קי מיטן קעלבל זיינען, שווער אָנגעפּאַשעטע, אַראָפּגעגאַנגען טריט ביי טריט פונם באַרג צום וואַסער, אָנצוטרינקען זיך. די צוויי קי האָבן צופרידן זיך אָנגעקוקט און אַוועקגעגאַנגען יעדע צו זיך אין שטאַל אַריין. ציע איז נאָכגעגאַנגען אַ פאַרטרוימטע איר טיראַלאָן, מיטן בלייפעדער אין איין האַנט און עפּעס אַ באַמאָלן שטיקל פּאַפּיר אין דער אַנדערער און האָט קיינעם נישט געזען און נישט געהערט. ערשט פאַר דער שטוב האָט אַ קללה, וואָס האָט זיך מיט פייער אַראָפּגעריסן פונם פאָטערס מויל און זיך אַרויסגעקייקלט דורך אַן אויסגעבראָכענער שויב, זי געטראָפן ווי אַ פייל אין האַרץ אַריין און זי אויסגעניכטערט.

זי איז אַריין אין דער טוכלער, און לויט אירע זון־פאַרבלענדעטע אויגן, פינצטערער שטוב.

אין אַ מולטער אין קיך איז געשטאַנען אַן איבערגעווירעגע ראַשטשענע ניט פאַרקנאָטן. דער פאָטער, אַ צעהיצטער, אַ בייזער, איז געזעסן ביים פיר־עקיקן טיש לעבן פענצטער. זיינע גרינלעכע אויגן זיינען משוגע געוואָרן פון כעס. די מאַמע, אַ דערשלאָגענע, איז געזעסן צוגע־טוליעט צו דער הרובע און געווישט מיט אַן עק פון פאַרטוך אירע פאַר־וויינטע אויגן. קענטיק, נאָך אַ ביטערן קריג אין שטוב.

ציע האָט דאָס אַלץ מיט איין קוק אַרומגענומען און אַ ווייטאָג האָט זיך אַ דריי געטאָן פון האַרץ אין בויך אַריין. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער מוטערס זייט, ווי זי צו באַשיצן. אירע פּחד׳פולע אויגן האָבן געהיט דעם פּאָטערס יעדן קער און ריר. ס׳האָט איר גענומען קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן. דער פּאָטער האָט אַ בייזן שפּיי געטאָן און שיקנדיק די רויט־צעפּלאַמטע באָרד פּאָראויס, האָט ער אַ זעץ געטאָן מיט דער טיר הינטער זיך.

ציען איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ. זי איז אַרויסגעגאַנגען פאַר דער שוועל זיך אָנוואַרעמען אין דער זון. זי האָט געציטערט ווי אַ בלאַט אין ווינט.

פונעם באַרג איז אַראָפּגעקומען פּייוול מיט ליימיקע הענט און פאַרשאַרצטע הויזן. קענטיק אַז ער האָט געזען דעם פּאָטער אַוועקגיין. ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט מיט זיין הויך־אויפגעשאָסענעם וואוקס פאַר ציען און געצויגן מיט די שמאָלע פּלייצעס. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן טרויעריק אונטערגעשמייכלט:

— ציעטשקע, וואָס זיצסטו עפּעס אַזוי אָנגעדרודלט? — האָט ער זיך ניט ווילנדיק געמאַכט און געפרעגט. ציע איז שיר ניט צעפּלאַצט געוואָרן פון געוויין. אָט־דער פּייוול, איר ברודער טאַקע, ער דערפילט עס נאָך די צו־גרויסע מאָס פון אירע קינדערשע יסורים. ער מאַכט פון איר שטענדיק חוזק. אַלע לאַכן פון זיינע חכמות אויף איר חשבון און ציע בלייבט תמיד אַ פאַרשעמטע. טאַקע ער האָט עס איר אַ נאָמען געגעבן ציע, אַזוי ווי אַ שיקסל. אויף אַן אמת הייסט זי: ציפּע. דאָס איז דערפאַר וואָס זי שפּילט זיך מיט די גויאישע קינדער. און זי קען זיך עפּעס נישט אָפּגעוואוינען פון דעם פעלער. עס ציט זי צו איוואַן קוזיקס קינדער ווי אַ מאַגנעט. און אַז זי הערט דאָס קליינע קוזיקל וויינען, לויפט זי איבער שטאָק און שטיין און כאַפּט עס אויף די הענט. זי האָט שוין נישט איינמאָל „אַריינגעכאַפּט״ דערפאַר פונעם פּאָטער. נאָר ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. אַז דאָס קליינע גיט אַ שמייכל, פאַרגעסט זי אָן אַלץ.

פּייוול פאַרציט עס נאָך און רופט זי: „ציעטשקע״.

פון דער טוכלער שטוב איז אַרויסגעקומען די מאַמע. דאָס טיכל אויפן קאָפּ אַראָפּגערוקט טיף איבערן פּנים. די טראַכאָן־פאַרוויינטע אויגן האָבן נישט געקאָנט פאַרליידן די זון. זי האָט זיך צוגעבויגן און אַריינגעקוקט די צוויי קינדער אין פּנים אַריין:

— איר זייט שוין נעבעך גוט הונגעריק, וואָס? ציעטשקע, ווייסטו וואָס, מיין קינד, לויף צו צו בלומען און זאָג איר, כ'האָב זי געבעטן זי זאָל מיר לייען אַ מעסטל מעל. זאָג, כ'האָב זיך היינט פאַרשפּעטיקט מיטן באַקן...

ציעס דין געשטעלכל האָט געשוועבט מיט דער שמאָלער סטעזשקע איבערן פעלד. די גרינלעכע הונגער אויגן זיינען צעשראָקענע געלאָפן פאַראויס, און די צעשויבערטע, פלאַקסענע האָר—פליענדיק אין ווינט נאָך איר.

, אַרויפגעקומען דאָס שיפּע בערגל צו בלומעס שטוב, האָט ציע געטראָפן די טיר אויפגעפּראַלט. די היינער, וואָס האָבן דאָ אין שטוב בייגעריקע אַרומגעשמייעט, זיינען זיך צעפלויגן דורך די אָפענע פענצטער. נאָר אַ שוואַרצער האָן מיט גלאַנציקע פעדערן און אַ פלאַמיקן קאַם אויפן קאָפּ איז אַ געוואַגטער געשטאַנען אויפן טיש און דרייסט געדזשאָבעט פונעם פריש-געבאַקענעם מאַלאַי (ברויט פון קוקורוזע מעל). ציע איז אים שטאַרק מקנא געווען. זי האָט פונדעסטוועגן געמאַכט אַ טריט אויף צוריק, כדי אים ניט צו שטערן די אַכילה.

אין אויוון האָבן זיך געררויטלט באַקנדיקע קוילישן און אויף דער קיך ביי די קוילן אַרויסגעשאַרטע פון אויוון, האָט געזאָטן אַ מיט גרינס פאַרבראָקטע יויך און עס האָט אַרויסגעשמעקט אַ ראָסל-פלייש. ציען האָט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ. זי האָט ווי דורך אַ חלום דערזען, אַז דאָס קליינע קוילישל פאַרנט אין אויוון קען מען דערלאַנגען מיט דער האַנט. זי איז אויף גיך אַרויסגעלאָפן פון שטוב און זיך צעשריגן אויפן קול: בלומע, בלומע! נאָר קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. איז זי צוריק אַריין אין שטוב און... נישט אויסגעהאַלטן. זי האָט אַריינגעשטעקט דאָס דינע הענטל אין הייסן אויוון אַריין און אַרויסגעכאַפּט דאָס בריענדיקע קוילישל. זי האָט עס באַהאַלטן אונטערן אָרעם און זיך, גאַלאָפּ, געלאָזט צו דער טיר. אויף דער שוועל פון פאַרהויז איז אָנגעקומען בלומע מיט אַ פול פאַרטוך פריש אויסגעגראָבענע קאַרטאָפל און גרינעם קריפּ אין האַנט. מעכל, דאָס בעל-גופישע, פעטע יינגל איז איר נאָכגעגאַנגען פון הינטן מיט צוויי אָנגעשטאָפּטע קעשענעס באַרן.

ציען האָט פלוצלונג באַשלאָגן אַ שוויים. זי האָט געשלונגען די ווערטער און רויטע פלעקן זיינען אַרויס אויף איר בלייכן פנים. דאָס בריענדיקע קוילישל האָט חנעוודיק אָפּירגעקוקט פון אונטער איר דין אָרעמל און בלומע האָט דערצו גוטמוטיק, אָבער חוזקדיק געשמייכלט.

— די מאַמע׳ט געבעטן איר זאָלט איר לייען אַ מעסטל מעל. ט׳זיך היינט פאַרשפּעטיקט מיטן באַקן...— האָט ציע שוין צום דריטן מאָל איבערגעחזרט און ביי די לעצטע ווערטער האָט אַלץ פאַרפּעלט אָטעם.

בלומע האָט צוגעשטעלט אַ לייטער צום בוידעם און כיטרע שמייכ־לענדיק האָט זי געהייסן ציען אַרויפקריכן און זיך נעמען אין פאַס אַ מעסטל מעל. דאָ האָט זיך ציע גאָר איינגאַנצן פאַרלוירן. זי האָט געפילט, ווי די ערד עפנט זיך אונטער אירע פיס און זי ווערט איינגעזונקען פון בושה. ווי קאָן זי קריכן אויפן לייטער, האַלטנדיק ס׳קוילעטשל אונטערן אָרעם? דערצו איז געשטאַנען מעכל און האָט געגלאָצט מיט די אויגן און זיין שמאָלער שטערן האָט זיך טעמפּ געחידושט.

באין ברירה האָט זיך ציע, ציטערנדיק, גענומען קריכן אויפן לייטער. זי האָט זיך אָנגעהאַלטן בלויז מיט איין הענטל און דאָס אַנדערע—שטייף צוגעפּרעסט צום קערפּער. אַרויפגעקומען אויבן, איז זי געוועזן גליקלעך ערגעץ איינצושטעקן און פּטור צו ווערן פון קוילעטשל. אַראָפּ איז זי שוין געקראָכן פלינק און פריי. מעכל איז איר אונטערגעקומען און האָט ביי איר צוגענומען ס׳מעסטל פון די הענט. בלומע האָט איר אַריינגע־שאָטן ס׳מעל אין שירצל אַריין, וואָס זי האָט צוגעהאַלטן מיט איין האַנט און די אַנדערע האָט זי נערוועז געהויבן, ווייזנדיק אַז זי האָט גאָרנישט אונטערן אָרעם. זי איז אַרויס.

אַראָפּגייענדיק פון באַרג איז איר מעכל פאַרלאָפן דעם וועג. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער זי איז נישט שטיין געבליבן. ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ באַר פון קעשענע און עס קוים באַוויזן איר אַריינצו־שטעקן אין האַנט. זי האָט נישט גענומען, און די באַר האָט זיך אַראָפּ־געקייקלט פון באַרג און צעקלאַפּט די גרינע הויט אָן די שטיינדלעך. ציע איז אַוועק פייל פון בויגן.— מאָרגן וועל איך קומען מיט דער ליסע — האָט איר מעכל נאָכגעשריגן.

ציע האָט אין איין אָטעם דערלאַנגט דער מאַמען ס׳מעסטל מעל, אויסטועענדיק פון זיך דאָס שירצל. פּייוול האָט זיך נאָך געבייזערט אויף איר:

— וואָס ביזטו דאָרט געזעסן אַזוי לאַנג?

— כ׳בין דאָך נישט דעזעסן, כ׳בין דעשטאַנען.—האָט ציע באַהאַלטן ס׳פּנים.

אומזיסט האָט די מאַמע אַרומגעזוכט ציען, ווען די מאַמעליגע איז פאַרטיק געוואָרן ציע האָט זיך פאַרקליבן צווישן די הויכע גראָזן, העט

ווייט הינטער דער שטוב, און זיך דאָרט געוואַלגערט אין קאַנוואולסיעס. זי האָט געהערט די מאַמע שרייען און האָט זיך נישט אָפּגערופן. פאַר אירע אויגן האָבן זיך געמישט דעם פאָטערס צעפלאַמטע באָרד און מעכלס שמאָלער שטערן, און איבער זיי בײדע האָט געשוועבט בלומעס כיטרע שמייכעלע, וואָס ווייסט און פאַרשטייט אַלץ... און קען נאָך דערציילן דעם פאָטער.

זי איז לאַנג געלעגן מיטן רוקן צו דער פייכטער ערד און די שרעקלעך מאָנענדיקע אויגן אין הימל אַריין. אין קעפּל האָבן זיך געפלאָנטערט מוראדיקע געדאַנקען. זי האָט נישט געוואוסט וואו זיך אַהינצעטאָן, אַז זי זאָל זיך מער נישט דאַרפן ווייזן פאַר קיינעם. עפּעס האָט זי דערמאָנט אָנעם „לאַגון", זי האָט געטראַכט פונעם טייך, נאָר דער מאַמעס פאַרטרעטע אויגן האָבן אַזוי טרויעריק געקוקט אויף איר, אַז עס האָט איר נאָך מער פאַרקלעמט ביים האַרץ. דאָס קינדערשע געמיטל איז געלעגן צעטראָטן אין סאַמע שטויב פון דער ערד...

ערשט ווען די זון האָט שוין געהאַלטן אין אונטערגיין און האָט אַרומגענומען די באַרג־שפּיצן אין פלאַמען, האָט אַ בייסיקע ניכטערקייט זי אויפגעוועקט פונעם פינצטערן קאָשמאַר. זי האָט אָנגעהויבן טראַכטן: עפּעס מוז מען דאָך קאָנען אויפטאָן. זי האָט אפילו נישט געוואוסט גענוי וואָס, נאָר געפילט האָט זי מיט אַ מאָדנער זיכערקייט, אַז—עפּעס, עפּעס מוז דאָך אַמאָל געשען, אַז ס'זאָל מעגלעך זיין אַ טאָג איבערצולעבן...

# אַ תּכלית

**דער האַרבסט** איז געווען אַ דויערהאַפטער, מיט גאַנצענע וואָכן גאָלדענע טעג. דאָס האָט ס׳דאָרף אויפגעהאַלטן ביים מוט. די זון האָט זיך אין די פריע פאַרנאַכטן אַראָפּגעלאָזט מיט אַ צוזאָגנדיקן טאָג אויף מאָרגן. טיילמאָל האָט זיך דער הימל אָנגעצונדן און האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע דאָרף איז פלאַמען.

די פּויערים האָבן פּרי געמאַכט נאַכט. אַ האַרבסטיקע קעלט האָט געפרוירן די ביינער. קיין הרובע האָט מען נאָך ניט געהייצט און ס׳קאָפּ נאַפט איז געווען מיט גאָלד צו גליך. האָבן שכנישע פּויערטעס געטראָגן איינע פון די אַנדערע אַ פּאָר ברענענדיקע קוילן אין געלעכערטע טעפּלעך, צעלייגט אויפן פּריפּעטשיק מיט אַ פּאָר שפּענדלעך אין אַ פייער און אָפּגעקאָכט: ווער אַביסל קאַרטאָפל, ווער אַ שטיקל מאַמעליגע און ווער אַביסל „זאַטערקע״ (אַ שיטערס פון מעל). די פּויערים האָבן פאַר־שפּאַרט די בהמות, זיי דערלאַנגט ס׳ביסל היי אין דעם לייטער אַריין און אויסגעמאָלקן—ווער עס האָט געהאַט וואָס צו מעלקן. זיך אָפּגעפּאַרעט, האָט מען אַרויסגעקוקט דורך די פיר־שייבלדיקע פענצטער צו דער אונטערגייענדיקער זון מיט אַ פראַגע און געבעט אין די פאַרזאָרגטע פּנימער: צי וועט גאָט רחמנות האָבן—ס׳זאָל כאָטש זיין שיין ביז נאָך די חגאות.

ביסלעכווייז האָבן זיך אָנגעהויבן שפּרייטן ווייסע פּרעסטלעך אויף די פעלדער. ס׳דאָרף האָט ניט געזינדיקט; ס׳האָט פון טיפן האַרצן גע־דאַנקט גאָט: אַבי ניט קיין רעגנס, אַבי ניט קיין סלאָטעס (רעגן מיט שניי). מען איז נאַקעט־הויל; אין דער טריקענישט גיט מען זיך אַן עצה: איז נאָך אַ פּאָר שמאַטעס אַרומגעוויקלט.

סוף־כל־סוף האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ קאַלטער רעגן, באַגלייט מיט אַ קויטיקן שניי. ס׳דאָרף האָט אַ ציטער געטאָן. אַ פּחד האָט אַרומגענומען יעדע כאַטע באַזונדער. קיינער איז האַיאָר ניט געווען פאַרגרייט. אַ חוץ אַ פּאָר געציילטע בעלי־גופים, האָט קיינער ניט פאַרמאָגט מיט וואָס זיך דעם ווינטער אַדורכצושטופּן.

אין די גוטע צייטן איז אין צווייטן דאָרף, אין לוקאָוועץ, געווען אַ גרויסע זעג־מיל, וואָס האָט באַאַרבעט די געהילצן פון די וועלדער. די

סירענע פלעגט בלאָזן פינף אַזייגער פאַרטאָג און צענויפרופן די פויערים פון די אַרומיקע דערפער, און ערשט זיבן אַזייגער, אין די ווינטערדיקע אָוונטן, האָט מען זיי אָפּגעלאָזט אַהיים. נאָר דעם ווינטער, נאָך דער מלחמה, איז די סירענע פאַרשטומט געוואָרן און די זעג — פאַרגליווערט.

נאָך מער ווי פאַר זיך האָט געשראָקן דער מאַנגל אין פּאַשע פאַר די בהמות: —„באָזשע פּאָמאָזשע" (גאָט זאָל זיך מרחם זיין) דאָס איינציקע שטיקל קו מיר זאָלן כאָטש קאָנען דערהאַלטן.

איוואַן קוזיק איז פון דעם אַלעמען געווען אויסגעזאָרגט: ער האָט ניט געהאַט קיין קו, קיין פערד, קיינע שאָף און קיינע רינדער. אַ חוץ אַ צווילינג געלע הינדלעך, צוויי פאַרגרינטע קינדער און אַ ווייב, האָט ער גאָרניט פאַרמאָגט וואָס זאָל בעטן עסן. אפילו באַיען, דעם אַלטן געטרייען הונט, האָט ער אויך אָפּגעפּירט צו דער „גראַלניע" (ברויערײ) און האָט אים דאָרטן „פאַרגעסן"... נאָר באַיע איז ניט געווען קיין פוילער און האָט זיך אויף מאָרגן אומגעקערט צוריק אַהיים. דאָס איז שוין קוזיק ניט שולדיק געווען: —ער וויל פּגרן פון הונגער—זאָל ער. אָבער די ווייב מיט די צוויי קינדער זיינען אים געלעגן ווי אַ ביטערער עול אויף זיין קאָפּ, אַן עול וואָס איז אים אי שווער, אי נמאס.

מ'דאַרף וויסן, אַז איוואַן קוזיק איז ניט פון די פּראָסטע פויערים. ערשטנס, איז ער גאָר ניט קיין פויער: אַז קיין פעלד האָט ער ניט, קיין וואַלד, קיין בהמות; איז ניט מער וואָס ער וואוינט אין דאָרף. דער־פאַר איז ער אָבער דער סאַמע ראָדנער אינטעליגענט צווישן די הוצולן־גייט אָפּט צום „הויף", חברט זיך מיט יידן און רעדט דייטש. מ'זאָגט אפילו אויף אים, אַז ער שטאַמט, אויף אַ ניט גענעצלעכן אופן, פון די פּריצים. איוואַן קוזיק נעמט זיך זייער שטאַרק איבער מיט דער סברה. ביים מיליטער האָט ער עס אפילו אַנגעגעבן אין יחוס. דערפאַר האָט מען אים טאַקע געמאַכט פאַר אַ קאָרפּאָראַל, און ווען די מלחמה ענדיקט זיך ניט אַזוי גיך, וואָלט ער נאָך געוואָרן צוגספירער אויך.

איוואַן קוזיק איז זייער אומצופרידן מיט די צוויי פּרעסערס—די קינדער און דער ווייב. אַ פּראָסטע פויערטע, די ווייב זייבע, אַ הוצלקע פון די בערג. ווי קומט זי צו אים? זי האָט אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן ליבן זומער ביי די פּריצים און האָט אפילו ניט פאַרזאָרגט גענוג קאַרטאָפל אויפן ווינטער. דערפאַר גייט ער, קוזיק, טאַקע ניט אַרבעטן. פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג קאָן ער ניט שטיין אונטער יענעמס בייטש—שיקט ער זי מיט די קינדער.

פונדעסטוועגן, ווען ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער ערשטער נאַסער שניי און דער באַרג איז געשטאַנען אַ ליימיקער, ווי אַ קויטיקער בעטלער פאַר די פענצטער, און האָט געוויינט מיט גרויסע ריטשקעס אויף זיין האַרבסטיקן גורל, האָט זיך איוואַן קוזיק אויך אַביסל דערשראָקן. ער האָט אַ זייטיקן קוק געטאָן אויף דער ווייב, וואָס איז געזעסן אַ פינצטערע ביי דער קאַלטער הרובע, און אויף די צוויי קינדער, מיכאַיליק און סופיע. אין מיכאַיליקס אויגן האָט געברענט אַ מאַנענדיקער הונגער. און סופיעס איינגעפאַלענע בעקעלעך האָבן געצאַנקט, ווי בלויע פלעמלעך פון אַן אויסגייענדיק ליכט. קוזיק האָט אַ כאַפּ געטאָן דער קוזיטשקעס סערדאַק און די פּאָר גראָשן וואָס ער האָט פאַרמאָגט, די ווייב זאָל ניט וויסן, איז אַוועק צו אָשר דעם מילנער, פאַרזעצט דעם סערדאַק און צוגעצאָלט, האָט ער איינגעהאַנדלט אַ פערטל צענטער הרעטשקע. ער האָט עס גלייך אָפּגעמאָלן צוזאַמען מיט דער שאָלעכץ און געבראַכט צו טראָגן אַהיים:

— נאַט, דאָס דאַרף „סטייען" (קלעקן) אויף אַ גאַנצן ווינטער. עסט אָדער קוקט עס אָן. דער קוזיטשקע מיט די קינדער איז איינגעפאַלן דאָס האַרץ. זיי האָבן זיך ניט צוגערירט דערצו. זיי האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן, ווי נישט באַפעדערטע הינדלעך. די קוזיטשקע האָט אַרויפגעשיקט איר פינצטערן בליק צו דער סטעליע, פון וואַנען ס'האָט אַריינגערעגנט. דערמיט האָט זי געוואָלט בעטן דעם מאַן, קוזיקן, אפשר קאָן ער צושלאָגן אַ פּאָר ברעטלעך אונטערן דאַך. זי האָט דאָס אָבער ניט געוואַגט אַרויסצוזאָגן אין ווערטער.

צו הונגער זיינען הוצולישע קינדער געוואוינט. די קאַרפּאַטן בערג גיבן אַפּעטיט, פרישע לופט, שטימונג, פלאַמענדיקע האָריזאָנטן, נאָר נישט קיין ברויט. די צוויי קינדער, מיכאַיליק און סופיע, האָבן נאָך אין זייער לעבן ניט געפילט דעם טעם פון זעט. יאָ, ס'האָט שוין געטראָפן, אַז די קליינע סופיע זאָל קוקן מיט הונגעריקע אויגן אויף דעם ראָזעווע הרעטשקע־ברויט און זאָל עס ניט קאָנען עסן. דאָס טרעפט אפילו זייער אָפט. דערפאַר קוקט זי טאַקע אויס ווי אַ העלפט פון אירע זעקס יאָר...

איוואַן קוזיק האָט אַ בייזן קוק געטאָן אויף זיי פון דער זייט:— ווען נישט די צוויי שרצים, וואָס וואָלט אים געפעלט? ער כאַפּט זיך אַמאָל אַריין צו אַ שכן און עסט אַ מאָלצייט; אַמאָל אין הויף, ביי דער יונגער פּריצה—ער איז דאָך ניט קיין פאַרשלאָפענער; נאָר די דאָזיקע צוויי פּאָר אויגן שטעכן אים אויס דאָס האַרץ. ער האָט פון העלער הויט אַ זעץ געטאָן מיט דער טיר און איז אַרויס. די צוויי קינדער האָבן אָפּ־

געאָטעמט, ווי אַ שטיין וואָלט זיי אַראָפּ פון האַרצן. זיי האָבן גענומען אַרומשפּרינגען מיט די דאַרע פיסלעך אויף דער פייכטער ערד. מיכאיליק האָט זיך אָנגעהויבן גליטשן און סופיע—גלייך נאָך אים. מ׳איז געפאַלן, זיך אויפגעהויבן און ווייטער געלאָזט מיטן גליטש פון דער טיר ביז צום טיש.

נאָר די קוזיטשקע איז געזעסן ווי פאַרשטאַרט און האָט צוגעהאַלטן די הרובע. איר פינצטערן בליק האָט זי אָנגעהאנגען אָנעם אַלטן באַרג, וואָס האָט אַריינגעשפּאַרט מיט זיין האַרב אין פענצטער אַריין. צוויי קויטיקע טרערן האָבן זיך געצייכנט אַ וועג אויף אירע באַקן אַראָפּ צו די ווינקלען פון מויל. זי האָט געטראַכט, אַז דאָס מאָל וועט זי ניט באַוויזן אַריבערצוברענגען די צוויי קינדער דעם לאַנגן, שווערן ווינטער, וואָס האָט זיך אָקאָרשט געשטעלט. מיט זעקס יאָר צוריק, געדענקט זי, ווען די פריע סלאָטעס האָבן אויסגעפוילט די קאַרטאָפל אין פעלד, האָט זיך אויך געשטעלט אַזאַ ביטערער ווינטער. נאָר דעמאָלט האָט נאָך סופיע געזויגן, האָט מען זי געקאָנט דערהאַלטן מיטן אייגענעם בלוט. זי געדענקט נאָך ווי היינט, ווי סופיע, אַ פּיצעלע, פלעגט מיד ווערן ציענדיק די ליידיקע ברוסט, פלעגט זי אַרויפקוקן צו איר מיט אַ פּאָר גרויסע פרעגערס אין די טונקעלע אויגן. די קוזיטשקע האָט אַ שמייכל געטאָן. זי האָט נאָך קיינמאָל אין איר לעבן ניט געהאַט אַזאַ גרויסע הנאה, ווי דאָס זייגן דאָס דאָזיקע קינד. זי האָט געקוקט אויף די צוויי נאַרישע קינדער, וואָס האָבן זיך געגליטש אין דער בלאָטע און זע — וואונדער איבער וואונדער! אויף סופיעס איינגעפאַלענע בעקעלעך שוועבט אַ ראָזעווע הויך. זי האָט זיך אַליין געשטעלט די האַרבע קשיא: ווער, ווער פון זייביידן?.. עס האָט זי פּלוצלונג אַרומגעכאַפּט דאָס געפיל פון אַ וועלפעכע, בעת די שנייען דעקן איין די וועלדער. אַ גרויזאַמער פּחד האָט אָנגעקלאַפּט אין איר האַרץ און האָט איר מער קיין רו ניט געלאָזט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין אַ שפּעטער מיטן־נאַכט שעה, ווען קוזיק איז ניט געווען אין דער היים האָט זי גענומען וועקן מיכאַליקן פון שלאָף:

— מיכאַליק, מיכאַליק, דו שלאָפסט?

מיכאַליק איז געלעגן איינגעקאָרטשעט אין דרייען. דער שלאָף האָט געטריפט מיט האָניק פון זיינע גלידער. ער האָט זיך קוים געכאַפּט אַז ער איז אַליין אויפן געלעגער, אָנעם פאָטער, און האָט זיך אויסגע־שטרעקט.

— האַ, וואָס? כ׳שלאָף ניט.

— דער טאַטע איז אייגענטלעך געררעכט—האָט זי אָנגעהויבן ריידן אין דער שטיל.

— ס׳טאָגט נאָך ניט, מאַמע — האָט זיך מיכאַיליק געבעטן און האָט ווייטער גענומען דרימלען.

— טאַקע, וואָס פאַר אַ לייט וועט עס וואַקסן פון דיר דאָ, אין דעם אָרעמען דאָרף? דער טאַטע זאָגט, אין שטאָט איז אַ סך בעסער. אין אַנדערע דערפער איז אפילו בעסער ווי דאָ. דאָס איז דען אַ דאָרף? דאָס איז דאָך אַ העק! . . .

— וואו איז דער טאַטע?

— דער טאַטע דערציילט, אַז אין אונגאַרן עסן די פויערים ווייס ברויט מיט שמאַלץ. מילא, דאָס איז שוין אַ גוזמא. נאָר אפילו ווייס ברויט מיט אָן שמאַלץ... שטעל זיך נאָר פאָר, ווייס ברויט . . .

דערהערט ווייס ברויט, האָט זיך מיכאַיליק אויפגעכאַפּט.

— איך האָב שוין געזען ווייס־ברויט. ווען איך בין געגאַנגען אונטער־טרייבן זיידע דייטש׳ס קעלבל צום הויף, איז אַרויסגעקומען וואַרוואַרע, די דינסט, און האָט מיר געגעבן אַ שטיקל ווייס ברויט אַז קיינער זאָל ניט זען. זי האָט עס נאָך אָנגעשמירט אויף דער לינקער זייט מיט פּוטער. האָב איך עס באַהאַלטן אין „פּאַזוכע" (בוזים) און אויפן וועג אַהיים האָב איך עס געגעסן. אָך, מאַמע, איז דאָס געווען גוט! פּונקט ווי אונדזערע בולקעס אין פּסח. ס׳איז מיר בלויז אַ שאָד געווען עס אויפצועסן...

— דו הערסט, מיכאַיליק — האָט די קוזיטשקע ווייטער גענומען ריידן — ס׳איז אַ רחמנות אויפן קינד. זי וואַקסט אויף צוריק. דערצו איז עס נאָך אַ שלאַק אויך. אפילו דער ביסן וואָס איז פאַראַן אַמאָל, עסט זי אויך ניט. נעכטן, כ׳גיב אַ קוק: עסט, כלומרשט, עסט און גיט אַ גנבע אַראָפּ אַ שטיק מאַמעליגע פאַרן הונט. אַזאַ שרץ! די אויגן קריכן איר פון קאָפּ אַרויס און דאָס גיט נאָך אַוועק דעם הונט! נאָר די אויגן, דו הערסט, מיכאַיליק, איך האַלט עס ניט אויס . . . וואָלסט געוואָלט פאָרן אין שטאָט אַריין? — האָט די קוזיטשקע פּלוצלינג געפרעגט.

מיכאַיליק האָט אַ ציטער געטאָן. דער מאַמעס נאָגנדיק קול האָט זיך שמערצלעך צעגאָסן איבער זיין קינדעריש הערצל.

— טשערנאָוויץ איז זייער אַ שיינע שטאָט, מיט אַ סך גוטע מענטשן. שראַליק משה מענדלס האָט זיך דאָרט אַרויפגעאַרבעט — ער איז געוואָרן אַ קעלנער אין אַ וויין־קעלער. וועסט אים אויפזוכן, וועסטו האָבן אַ שטיקל

אָנשפּאַר. זיי זיינען גוטע זשידעס, די מענדלעראָווצעס. געדענקסט ווי ער פלעגט דיך לערנען שרייבן? מ׳זאָגט אַז טאַקע דערפאַר וואָס ער האָט געקאָנט אַזוי גוט שרייבן און לייענען איז ער דאָרטן געוואָרן אַ גאַנצער קנאַקער... דו וואָלסט אויך געקאָנט עפּעס טאָן, ניט?

עפּעס האָט זיך מיכאַיליקן צעגויפגעדרייט אין האַלדז, און ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט ענטפערן. נאָר אַז די קוזיטשקע האָט ווייטער גערעדט און האָט אַלץ כסדר געפרעגט צי ער שלאָפט, האָט ער זיך אַ גרויסן כוח אָנגעטאָן און האָט אַראָפּגעשלונגען אַן „אַהאַ״.

— ביזט טאַקע נאָך אַ קליינער, נאָר ס׳קאָן זיין, אַז גראַד דערפאַר זאָל וועה אויף דיר רחמנות האָבן און דיך גוט באַהאַנדלען; אַז מ׳זאָל דיר כאָטש געבן אַביסל וואַרעם געקעכטס און אַ טרוקן געלעגער. מיר דאָ, אויב די סלאָטעס וועלן אַזוי אָנהאַלטן, וועלן אונטערגעשווענקט ווערן. איך האָב שוין ניט אַזויפיל טעפּלעך אויף אונטערצושטעלן, וואו ס׳רעגנט אַריין. דאָ ביים אויוון טרוקנט נאָך אַביסל צו; נעבן פענצטער, נעבן דער טיר—ווייקט. און דער מיטלסטער באַלקן ברעכט זיך. האָסט געזען?

די קוזיטשקע איז שוין יענע נאַכט ניט געשלאָפן. ווי נאָר ס׳האָט גענומען זשאַרען אויף טאָג, איז זי אַראָפּ פון בעט, זיך אָנגעטאָן, אַרומ־געוויקלט דעם קאָפּ מיט אַ טיכל מיט אויסגעריבענע קווייטן און איז אַרויס פון שטוב. אין דרויסן, דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט. דער צעגאַנגענער שניי איז געווען פאַרפרוירן און די גרינע לאַנקע איז געלעגן ווי אונטער אַ גלאָז. זי איז געגאַנגען מיט דער סטעטשקע, נעבן טייכל, אַרויף צו דער מיל. דאָס וואַסער האָט זיך אָפּגעשלאָגן מיט אַ ווייסן שוים אָנעם אָפּגעשטעלטן ראָד. פון ערגעץ איז אָנגעלאָפן אַ היימ־לאָזער הונט און האָט געשמעקט צו אירע פיס. זי האָט געקוקט אויף דעם זוכנדיקן הונט און געטראַכט, אַז אַזוי קאָן זיך אַמאָל איר מיכאַיליק אַרומ־בלאָנקען אין דער פרעמדער, אומבאַקאַנטער שטאָט.

אין אָשר דעם מילנערס פענצטער האָט זיך באַוויזן אַ שוואַך ליכטל. די קוזיטשקע האָט אָנגעקלאַפּט און געוואַרט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. אָשר, מיט איין האַנט אין אַרבל פון אויסגעשטעפּטן שפּענצער, האָט איר געעפנט די טיר. די קוזיטשקע האָט זיך ווי אַ שאָטן אַריינגע־שלייכט אין שטוב. דאָ איז נאָך יעדער געשלאָפן. אַ געדיכטער, וואַרעמער ריח האָט זיך געטראָגן פון די געלעגערס און ס׳האָט זיך געהערט דאָס צמאָקען פון אַ זויג־קינד ביי דער מאַמעס ברוסט. אָשר איז געשטאַנען

אויסגעדרייט צו דער קוזיטשקע מיט דער פּלייצע און האָט זיך פּאַרקנעפּלט די הויזן. בלויז דאָס שוואַרצע בערדל האָט אַ שיקל געטאָן אויף איר זייט.

— וואָס ווערסטו עפּעס זאָגן אַזוי פרי, קוזיטשקע ? ביסט אפשר געקומען מאָלן ?

— איר פּאַרט אפשר די טעג אין שטאָט אַריין ?— האָט די קוזיטשקע שטיל געפרעגט, ניט ענטפערנדיק אויף זיין פראַגע.

— די אַנדערע וואָך, אם ירצה השם. אַנטקעגן וואָס פרעגסטו ?

— אַשר סערצע, ווערסט מיר מוזן מיטנעמען מיין יינגל אין שטאָט אַריין אויף אַרבעט.

— פּאַר געלט, מהיכא־תיתי, אָבער וואָס, רעכנסטו פאַר אַן אַרבעט קאָן דיין מיכאַליק טאָן? איך, למשל, וואָלט אים ניט געהאַלטן, ווען דו צאָלסט מיר צו.

— ער וועט מוזן געפינען עפּעס. אָט האָט ער דאָך שוין געאַרבעט מיט מיר אויפן פעלד ביים קוקורוזע שיילן... קיין געלט האָב איך ניט.— אַשר האָט אויף איר אַ בייזן קוק געטאָן. — ווערסט מיר אים מוזן מיטנעמען אָן געלט — האָט די קוזיטשקע מיט דער לעצטער זיכערקייט אַרויסגערעדט;—מיר זיינען שכנים שוין אַזויפיל יאָרן. איך וועל דיר אָפּאַרבעטן. אָט וועלן זיך מיינע „קערעצעס" (בראָונע הינדלעך) אָנהויבן לייגן, ברענג איך דיר יעדעס איי...

— איהי— האָט זיך אַשר צעבייזערט — נאַ דיר אַ פּיטשעטיק אויפן ניכטערן מאָגן.

מרים, אַשרס ווייב, האָט זיך איבערגעדרייט אין בעט און האָט איבערגעלייגט דאָס קינד פון דער רעכטער ברוסט צו דער לינקער. דאָס קינד האָט זיך געקווענקלט. מרים האָט פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף זיך מיט דער ערלה ניט איינרייסן.

— לאָז אָפּ, אַשר, מ׳עט שוין זען. מ׳שטיינס געזאָגט, ס׳ילד אירס, גרויס ווי אַ פּלוי.

—דערווייל איז נאָך נישטאָ קיין שניי פאַרן שליטן און דעם וואָגן וועל איך איצט ניט שפּאַנען — האָט אַשר געפּונען אַ תירוץ.

נאָר דער שניי האָט אויף זיך לאַנג ניט געלאָזט וואַרטן. שבת פאַר־נאַכט, ווען די אונטער־גייענדיקע זון האָט ווידער געצונדן די באַרג־שפּיצן און אין דרויסן האָט גענומען אַ קנאַקנדיקער פראָסט, האָט שוין דער שניי געבלענדט אין די אויגן און געסקריפּעט אונטער די פיס.

אָשר איז געשטאַנען און האָט באַקוקט דעם שליטן, וואָס איז געלעגן מיט די שינעס אַרויף. בעת מעשה האָט ער צונויפגערעכנט זיינע פאַרשוינען: לאה מיט באבעלען פאָרן נאָך חתונה־קליידער; בלומע פאָרט צום רבין; דבורה רייזלס פאָרט זיך גלאַט אַביסל איבער—זי האָט עפּעס מער וואָס צו זאָרגן? און פּיוויש לייב פאָרט נאָך אַ מלמד. איין גאָט ווייסט ווען ער וועט זען פון אים די פּאָר גראָשן פאַר דער נסיעה.

אָשר איז אַריין אין שטאַל. דאָס פערד האָט אַרויסגענומען דעם קאָפּ פון דער קאָרעטע, האָט אים אָנגעקוקט מיט די קלוגע פערדישע אויגן און האָט צופרידן אַ הירזשע געטאָן. אָשר האָט אים דערלאַנגט אַ קאַרגע פּאָרציע האָבער פון אַ זאַק אַרויס און האָט אים דערביי ליבלעך אַ שמיר געטאָן איבער דעם ווייסן פלעק אויפן פּנים. דאָס פערד האָט אים פון גרויס גדולה אַראָפּגעשמעקט דאָס שטריימל פון קאָפּ, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ נישט־זויבערן אָרט.

— אַ ניכפּה אויף דיר, דו הינטישע שקאַפּע! — האָט ער איר דערלאַנגט איבערן גלאַנציקן הינטער־חלק אַזוי, אַז אַלע פינגער האָבן זיך אָפּגעצייכנט. נאָך הבדלה האָט ער זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין.

ביי קוזיקן אין שטוב האָבן זיך אַלע דריי שטום געזעגנט. איוואַן קוזיק, ווי ס'טרעפט אָפט, איז ניט געווען אין דער היים. ער האָט זיך אין גאַנצן עסק ניט געמישט. וואָרעם ער קען זייך וויב, די הוצולקע. צוליב די צוויי שרצים טראָגט זי אויף אים אַ האָס דאָס גאַנצע לעבן.

— דאָס איז דען אַ טאַטע?—פלעגט זי זאָגן מיט ביטערקייט—דאָס איז אַ טאַטלעריו!...

די קוזיטשקע איז געזעסן אויפן פּירעקיקן טיש נעבן פענצטער. זי האָט געהאַלטן סופיען אויפן שויס און מיכאַיליקן נעבן זיך. אַנטקעגן האָט דער ריזיק ווייסער באַרג געליכטיקט אין שטוב אַריין. זיי האָבן גראַד געהאַט אָפּגעגעסן אַביסל שיטערס פון הרעטשעגע מעל. אין שטוב איז נאָך געווען וואַרעם פונעם ביסל פייער, וואָס ס'האָט געברענט. ביסלעכוויז האָט אויסגעקילט און ס'איז פינצטער געוואָרן. איצט האָבן זיך פון סופיעס באַקן אַראָפּגעגליטשט צוויי הייסע טרערן, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג געריסן אַרויס, נאָר סופיע האָט זיי מיט גוואַלד איינגעהאַלטן אין האַלדז. קיינער האָט ניט געוואַגט אַרויסצורײדן אַ וואָרט, וואָרעם דאָס מינדסטע קול פון איינעם פון זיי, וואָלט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין פון אַלע דריי.

מיכאַיליק האָט געטראַכט: ס'איז גאָרניט אַזוי שלעכט אין דער היים.

אַט האָט ער נאָך היינט אָפּגעריסן אַ פּאָר עפּלעך פון דאָדיקס בוים. זיי זיינען געווען זייער גוט. די זויערקייט איז געווען אינגאַנצן אויסגע־פרוירן. ער האָט דייטלעך געזען דעם עפּלבוים, וואָס שטייט אַזוי איינ־זייטיק אויפן משופּעדיקן בערגל און די שמאָלע סטעטשקע, וואָס פירט אַהין איבער מאַקיקעס פעלד. ער האָט געזען דאָס גראָז ווי עס זעט אויס אין פרילינג, ווען די ביימער צוויטען און די פייגעלעך בויען זיך נעסטן. ס׳וועט דאָך נאָך זיין אַמאָל פרילינג, נאָר ער, מיכאַיליק, וועט שוין דאָ ניט זיין. ער האָט אַ קוק געטאָן אין דער מאַמעס פינצטערן פּנים אַריין און אַ גרויסע ליבשאַפט האָט אָנגעפילט זיין האַרץ, אַ ליבשאַפט צו אַלץ און אַלעמען דאָ. אפשר, ווען די מאַמע זאָגט איין וואָרט, וואָלט ער מאָרגן ניט געפאָרן. און ווי גוט וואָלט אים געווען, ווען ער דאַרף ניט אַוועק־פאָרן. נאָר די קוזיטשקע האָט גאָרניט געזאָגט און ביי מיכאַיליקן איז הערצל האָט זיך באַצייטנס באַזעצט אַ הייסע בענקשאַפט צו דער אָרעמער היים.

זונטיק גאַנץ פרי, האָט די קוזיטשקע אָפּגעשניטן מיט אַ פאָדעם עטלעכע שטיקלעך „ק ע ל ע ש ע״ (פאַרקאָכטס פון מעל) האָט עס באַשמירט מיט ערדע־קעז, וואָס מרים האָט איר געגעבן, אַשר זאָל ניט זען, און האָט עס אַריינגעלייגט אין אַ ווייס האַנטוכל צוזאַמען מיט אַ קורץ, אָבער אויסגעגנייט העמדל. זי האָט דעם ציטערדיקן מיכאַיליק איינגעהילט אין אַלע שאַליקעס. אויף די פיס האָט זי אָנגעוויקלט שמאַטעס און פון אויבן אַ פּאָר גרויסע, צעריסענע פּאַסטעלעס (היימיש־געמאַכטע שיך). מיכאַליק איז ערגעץ אינגאַנצן פאַרלוירן געוואָרן אין דעם בינטל שמאַטעס וואָס מען האָט אָנגעטאָן אויף אים. אַרויסגעזען האָט מען בלויז די אויגן, אין וועלכע ס׳האָט געברענט איין גרויס געבעט:

— לאָז מיך בלייבן אין דער היים. שיק מיך ניט אַוועק אין דער פרעמד. ער האָט געפאָרשט דער מאַמעס יעדן קער און ריר און געהאָפט, אפשר, אפשר וועט נאָך עפּעס פאַסירן און ער וועט ניט דאַרפן אַוועקפאָרן.

די מאַמע האָט אויסגעמיטן זיינע בליקן און האָט זיך געמאַכט האַרץ.

— אַט אַזוי, ס׳איז קאַלט אין דרויסן. וועסט קומען אין שטאָט אַריין, וועסטו אַראָפּוואַרפן דעם אַלטן שאַליעק און וועסט זיך אָנטאָן דאָס העמדל. ס׳נאָך אַ גאַנץ שיין העמדל, וועסט עס אַריינלאָזן אין די הויזן, וועט מען ניט זען אַז ס׳איז קורץ. פאַרגעס ניט, אַז שראַליק, משה מענדלס, געפינט זיך אויף דער רוסישער גאַס. אין שטאָט מוז מען וויסן אַ גאַס. —

זי האָט געהאַלטן אין איין ריידן, נאָר מיכאַיליק האָט ניט געהערט קיין וואָרט. ווען ס׳האָט איר אָנגעהויבן אויספעלן אָטעם און אין האַלדז האָבן

זיך געבומען קנוילן די ווערטער, האָט זי אַ פּראַל אויף געטאָן די טיר און האָט אָנגענומען מיכאַליקן ביים הענטל. ערשט ווען דער לעצטער סקריפּ פון זייערע פיס האָט זיך אויסגעלאָשן, האָט זיך סופיע ביטער צעוויינט. באַיע, דער הונט, איז געלעגן אַ פאַרשולדיקטער ביי אירע פיס.

אַשר האָט זיי באַגעגנט מיט אַ בייזן היקען און סטיקען: — ביסט שוין דאָ ? כ'האָב געמיינט, מ'וועט דיך דאַרפן זוכן. איהי! מיינע גליקן... נאָר מרים האָט זיך פון ערגעץ אָפּגעזוכט און האָט זיך אָפּן געשטעלט אויף זייער זייט: — הער שוין אויף, אַשר, מיט דיינע שטיק. זע נאָר ס'נפש, וועמען מען שיקט עס אַוועק פון דער היים! ס'אַ גאָטס רחמנות און ער צאַפּט נאָך ס'בלוט. זי האָט דערביי אַריינגעשטופּט מיכאַליקן צוויי שטיקלעך ברויט אין הענטל אַריין. — הער אים ניט, מיכאַליק — האָט זי געגלעט דעם יינגל — דער שקאָפּע 'עט ניט אַראָפּפאַלן פונם פעטן הינטן, אין וואָס ער שפּיגלט זיך אַזוי.

אַשר האָט אים פלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן ביי די שמאַטעס און האָט אים אַריינגעוואָרפן צווישן די צוויי געזעסן־פאַרשוינען. די איינגעהילטע ווייבער, ווי די קוואָקעס, האָבן זיך צעקוויטשעט:—וואָס איז דאָס? זע נאָר, אויף די פיס גאָר!—דאָ האָט מיכאַליק נישט געקאָנט שטיין, נישט זיצן, נישט ליגן, נאָר אַזוי זיך האַלטן האַלב אין דער לופטן, האַלב אויף די פיס פון די פאַרשוינען.

אַשר האָט אַ בייזן קוק געטאָן הינטער זיך און האָט אַ צי געטאָן די לייצעס. דאָס פערד, וואָס איז שוין מיד געווען פון שטיין אין שטאַל אַזויפיל וואָכן, האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט אימפּעט. מיכאַליק האָט זיך איבערגעקערט. די צוויי שטיקלעך ברויט זיינען אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. דער שליטן מיט די פאַרשוינען האָט זיך אַוועקגעגליטשט אויפן ווייסן, זילבערנעם וועג און דער בלויער שאָטן איז נאָכגעלאָפן ביי דער זייט. פון אונטער אַ גראָב טיכל, ווי אַ זאַק, האָבן זיך אַרויס־ געקוקט אַ פּאָר האַרטע, אָבער וואַרעמע פּרויאישע הענט, און האָבן איינגענומען מיכאַליקס פאַרלוירענעם כליפּ.

די קוזיטשקע איז געבליבן שטיין, ווי צוגעפרוירן צו דער ערד. אירע שאַרפע שטריכן אויפן פּנים זיינען געוואָרן פאַרשפּיצט, ווי ביי אַ מת. עפּעס האָט ווער אויסגעשיילט דאָס האַרץ פון איר לייב און האָט עס אָפּגעטיילט פון איר.

פון אונטערן באַרג, אויפן הויכן מזרח ראַנד, האָט זיך געררויטלט דער הימל.

# ער וועט קומען

**די לערערין** האָט עס זיך געמוזט מודה זיין, אַז זי באַנעמט ניט דאָס צעשפּליטערטע געמיט פון דעם הויכן, בלאָנדן יינגל מיטן אָנגעכמורעטן שטערן. פון איין זייט, אַזאַ לויטערע שטיפערישקייט ביי אים, אַזש זיינע האָר כוואַליען זיך אין אַ גאָלדן גלעכטער. פון דער אַנדערער זייט הענגט איבער אים אַ שטענדיקער וואָלקן. אָט גייט ער איבער פון התפעלות — ער וועט ברענגען אַלע זיינע שפּילצייגן אַהער אין שול אַריין. ער דאַרף זי שוין מער ניט. זיין „דעדי" (טאַטע) וועט... — און אָט פאַלט ער אַראָפּ אין טיפן שווייגן.

אָן אַנדערש מאָל ווידער איז ער צערייצט: גלייך ווי נאָר אים שטעלט די לערערין אַזעלכע שווערע פראַגעס; ווי נאָר ער האָט אַזעלכע לאַנגע פיס; ווי נאָר ער האָט ניט געמאַכט די היימאַרבעט...

אין סקול איז אַנדערש, בעסער. דאָרטן איז ער איינער פון אַלע, אַ „גאַי" פון די „גאַיס". דאָ אָבער, אין דער יידישער שול, איז ער סיימאָן.

די לערערין איז אומגעגעאַנגען מיט אים ווי מיט אַ ווייך איי. דאָך קיין צופיל פריינדשאַפט האָט מען אים ניט געטאָרט אַרויסווייזן, וואָרעם ער האָט עס גלייך אָנגענומען פאַר רחמנות און איז געוואָרן ביי זיך אַ פאַלנער יתום. און נאָך אַלעמען, זיין פאָטער איז דאָך בלויז „מיסינג אין עקשאָן" (פאַרלוירן געגאַנגען בעת אַ שלאַכט), ער איז דאָך ניט חלילה...

אַ טעמפּער וויטאָג האָט זיך שטיל געקנוילט ביי דער לערערין אונטערן האַרצן. זי קאָן זיך קיין עצה ניט געבן. דער יינגל בלייבט איר פרעמד. זי קאָן אים גאָרניט העלפן, ווייל זי האָט ניט קיין צוטריט צו אים.

איינמאָל האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און —

— סיימאָן, דו דענקסט איך וואָלט געקאָנט עפּעס קויפן ביי דיין מאַמען אין שאַפּ, זי אַרבעט דאַכט זיך ביי...?

— קלאָוקס — האָט סיימאָן פאַרענדיקט איר פראַגע.

— יאָ, איך וואָלט זיך וועלן קויפן אַ נייעם ווינטער־מאַנטל. אין שאַפּ וואָלט איך מסתמא געקאָנט קויפן בעסער און ביליקער. מיין מאַנטל איז אָפּגעקראָכן ווי אַן אַלטער קאָטער — האָט זי אים פאַרטרויליך אָנגעוויזן אויף איר מאַנטל.

סיימאָן האָט אַ ציִ געטאָן מיט די אַקסלען און מיט פאַרדריסלעכקייט אין טאָן געענטפערט:—איך וויס ניט. ער האָט אָבער דערפילט בחוש אַז די לערערין האָט ניט פאַרדינט מען זאָל איר אַזוי אָפּענטפערן און האָט עטוואָס ווייכער צוגעגעבן:—„מייבי״, אפשר, דו קאָנסט איר פרעגן.

דאָ האָט אים די לערערין געכאַפּט ביים וואָרט. זי האָט שוין לאַנג געזוכט אַ געלעגנהייט אַרויסצוציִען צו זיי אין שטוב אַריין און זען ווי עס לעבט זיך דער מאַמען מיט דעם קאַפּריזנעם ייִנגל.

— גוט — האָט זי געזאָגט מיט אַ מינדערוויכטיקייט אין טאָן.—איך וועל זיך אַרויפכאַפּן ווען עס איז נאָך דער אַרבעט. און אויף סיימאָנס שטערן, אונטער דער הויכער, בלאָנדער „גזשיווע״, האָט זיך אויסגעלייגט אַ טיפער שאָטן. ער איז דאָס מאָל ניט פאַרבליבן לענגער אין שול ווי ער פלעגט עס געוויינטלעך טאָן. ער האָט אויף זיך געגעבן אַ ציִ אַרויף דעם קורצן, געוואָנטענעם אויבער־מלבוש, פון וועלכן ס'האָבן אַרויסגעשטעקט זיינע אויסגעוואָקסענע הענט, און איז אַוועק, לאָזנדיק די טיר אָפן.

ס'איז גראָד געווען נאָכן לימוד יידיש, דאָס הייסט שפּראַך. די לערע־רין האָט גענומען איבערקוקן די זאַצן וואָס די קינדער האָבן אויפגעבויט מיט די הויפּט־ווערטער וואָס זיינען געווען אָנגעצייכנט פאַר זיי אויפן טאָוול. איך: „איך בין אַן אַמעריקאַנער ייִד. איך בין אַן אינגל (אַ ייִנגל). איך בין אַן אַמעריקאַן (אַמעריקאַנער). איך בין אַ גרויסע מיידל. איך בין אַ קינד פון מיין פאָלק.״ די לערערין האָט זייער געוואָלט אַ פרעג טאָן ריטאַ סאָקאָלאָוו, דאָס מיידעלע מיטן חן־באַשפּרינקלטן פּנימל און די צווייַ פליִענדיקע צעפּעלעך, וועלכע האָט דעם זאַץ אָנגעשריבן.—פון וועלכן פאָלק? נאָר אין אַמעריקע לערנען קינדער אויף דער שעה, אַזויווי מען אַרבעט, בפרט נאָך יידיש, אַריבער די צייט און זיי זיינען דיר נישט קיין משה מחויב צו ענטפערן. דער טאַקטפולער לערער ווייסט דאָס און באַלעסטיקט ניט. האָט זי איבערגעלאָזט די פראַגע אויף מאָרגן.

זי האָט וויטער געלייענט:

„ישראל: ישראל איז אַ יידיש לאַנד. ישראל געפינט זיך אין אייזשע (אַזיע). ישראל איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק. ישראל איז „היברו״ (העב־רייאיש). ישראל ליגט ביים מיטללענדישן ים. ישראל איז אַ יידישע מלאכה (מלוכה). ישראל איז . . .״ די לערערין האָט זיך פאַרטראַכט. און איצט האָט זי טאַקע מער ניט געדענקט וואָס זי האָט אָפּגערעדט מיט סיימאָנען. ספקות האָבן זיך גענומען פאַרקלייבן צו איר אין מוח; ספקות און זאָרג האָבן באַשוועָרט איר געמיט. דורך דער אָפענער טיר האָט

אַריינגעדרונגען אַ קעלט. זי האָט אַ ציטער געטאָן, און מיטן ציטער, ווי געוואָלט אָפּשאָקלען פון זיך דעם צווייפל. זי האָט זיך אויפגעהויבן, פאַרמאַכט די טיר און אויסגעגלייכט די פּלייצעס. זי האָט גאָר אומדערוואַרט פאַר זיך אַליין געגומען אונטערברומען: „קדימה, קדימה, קדימה הפועל...״ נאָר מיט אַ זייער טרויעריקן ניגון.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס הויז אין וועלכן סיימאָן מיט זיין מוטער האָבן געוואוינט איז געשטאַנען עטלעכע לאַנגע בלאָק פון דער שול. אַ גרוי, גרויס טענעמענט־הויז, וואָס האָט מיט זיין שפּיץ—דעם פראָנט־אַריינגאַנג—איבערגעשניטן אַ גאַס לענגאויס אויף צווייען. און ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער גרויסער פּאַרקער, די שווערע טראַקס, אויטאָמאָבילן און באָסעס — פאָרן גלייך אַריין אין טענעמענט־הויז. אין דער אמתן האָט זיך דער פּאַרקער האַרט פאַרן הויז צעטיילט אויף רעכטס און לינקס, אַרומנעמענדיק דאָס הויז פון ביידע זייטן ווי מיט צווי וויברירנדיקע אָרעמס. פאַרן הויז—אַ ברייטער אַספאַלט אויף וועלכן עס זיינען געלאָפן איילנדיקע מענטשן און טומלענדיקע קינדער אויף „סקוטערס״, רעדלעך און וועגעלעך. און ווידער האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלץ איילט דאָ, אַלץ פאָרט, אַלץ גייט אויף רעדלעך; און אָט באַלד וועט זיך דאָס דאָזיקע טענעמענט־הויז אויך אָוועקרוקן מיטן שטראָם פון מאָטאָר און רעדלעך.

אין הויז פּירן ברייטע, שטיינערנע טרעפּ אַרויף ביז אַ פינפטן שטאָק. אויבן באַהערשט איינעם אַ מאָדנע געפיל: מען קוקט אַראָפּ און עס דאַכט זיך אַז מען געפינט זיך אין מיטן חלל, אין רוים. פון דער וויטנס שפּרייט זיך דער וואַן קאָרטלאַנדט פּאַרק אין פאַרנאַכטיקן גרין. נאָר די ביימער אין טיפן בראָנז פון האַרבסט ברענען קעגן דער אונטערגייענדיקער זון ווי שטורקאַצן.

אַ מויער—אַ גיגאַנט. שטאָק און שטאָל און שטיין. אויפן סאַמע מיטן טראַקט — ניו־יאָרק. און צווישן דידאָזיקע דיקע ווענט, אויפן פאַרריסענעם פינפטן שטאָק, עפּעס ווי אין דער לופטן, וואוינט אַ יינגל מיט זיין מאַמען. דער טומל דערגייט דאָ אַהער בלויז דורך אַ וויטן, וויטן אָפּקלאַנג. דאָ, אויבן, איז שאַ, שטיל, אומעטיק . . .

ס'געווען צווישן טאָג און נאַכט, ווען די לערערין האָט אָנגעקלאַפּט. די מאַמע איז נאָך ניט געווען אין דער היים פון דער אַרבעט. סיימאָן אַליין האָט געעפנט. אין שטוב איז געלעגן אַ טיפער בין־השמשות. ווען ער האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט האָט די לערערין באַמערקט אַ גלאַנציקע

טרער אין ווינקל פון זיין אויג. זי האָט זיך ניט ווּיסנדיק געמאַכט. אַ שמייכל האָט אַ קרום געטאָן זיין פּנים, ווי ביי אַ קראַנק קינד. ער האָט זיך קענטיק געפילט אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט, די לערערין — אויך.ביידע האָבן געפּרוואוט עפּעס זאָגן, נאָר ביידן האָט געפעלט דאָס ריכטיקע וואָרט. צום גליק איז באַלד אָנגעקומען די מאַמע, פאַרשוויצט און סאָפּענדיק. זי האָט געטראָגן מיט זיך שווערע פּעקלעך, וואָס זי האָט איינגעקויפט אויפן וועג. — נאַ, נעם צו, סיימאָן — האָט זי אָן אַ „גוט־שבת" אָנגעהויבן רעדן צום יינגל. — אָ, האַלאָ, זע נאָר אַ גאַסט, דאַכט זיך די לערערין פון חדר. וואָס פאַר אַ גרויסער סורפּריז!

זי איז גלייך אַריין מיט די פּעקלעך אין קיך און פון דאָרטן אַרויס גענומען מוסרן דעם יינגל:

פאַרוואָס ביסטו מיר ניט אַנטקעגנגעקומען העלפן מיט די פּעקלעך, סיימאָן? אָ, ביז מען דערקריכט דאָ אַהער אַרויף, רייסט מען זיך אָפּ ס'געזונט. סיימאָן, פאַרוואָס גיסטו ניט דער לערערין אַ בענקל? — אָט אַזוי ווי איר זעט, טייערע, איז ער תמיד אַ פאַרטראַכטער. — בעט די לערערין צו בלייבן מיט אונדז אויף וועטשערע — האָט זי אין איין אָטעם גערעדט.

די לערערין האָט זיך אַ כאַפּ־געטאָן אַז דאָס מיינט מען זי.

— אָ, ניין, מרס. קאַפּלאַן — האָט זי זיך גענומען בעטן. — האָט קיין פאַריבל ניט, איך בין אַרויפגעקומען ניט אין דער ריכטיקער צייט. געוווען געדאַרפט אָנקלינגען אַפריער. אַנטשולדיקט.

— וואָס הייסט, ניט אין דער ריכטיקער צייט? — האָט מרס. קאַפּלאַן זיך אַריינגעשטעלט אין דער ראָם פון דער קיך־טיר, מיט איין אַרבל פון מאַנטל אַראָפּגעשלעפּט. — ווען מען קומט איז ריכטיק. נישט אַזוי? כ'האָב גראָד איינגעהאַנדלט עטלעכע פרישע קאָטלעטלעך. אָט לייג איך זיי אונטערן פייער. גייען מיר שוין צום טיש.

און טאַקע, ס'האָט ניט געדויערט לאַנג און די שטוב האָט געקראָגן גאָר אַן אַנדערן אויסזען. מען האָט אַראָפּגערוקט די ראָלעטן און דערמיט אויסגעשלאָסן דעם דרויסן. אין שטוב איז געוואָרן היימלעך און וואַרעם. דער טיש, יום־טובדיק געדעקט צוליב דעם גאַסט, האָט געלאָקט מיט דער פאַרביקייט פונעם געבלימלטן טישטוך. דאָס פרישע ברויט מיט די שפּראָטן און די פּעטע, גלאַנציקע אַליוון האָבן גערייצט דעם אַזוי־אויך הונגעריקן אַפּעטיט.

דאָס יינגל האָט געגעסן און פריילעך געפּלאַפּלט. אים האָט איצט

גאָרניט געאַרט, אפילו ניט דאָס, וואָס זיין מאַמע האָט אים געהאַלטן אין איין פאַרריכטן: זיין פּאַפּירענע סערוועטקע, זיין אופן פון האַלטן גאָפּל־מעסער, זיין שפּראַך. ער האָט איצט געהאַט איינע פון זיינע גוטע מאָמענטן. ער האָט דערציילט—און זיין פּנים האָט געלויכטן—וויאַזוי ער האָט היינט פאַרשפּעטיקט אין סקול; און וויאַזוי ער האָט זיך געגעבן אַ רוק אַריין אין קלאַס, בעת אַלע זיינען שוין געזעסן און האָבן געלערנט; און וויאַזוי דער לערער האָט אויף אים אַ שטרענגן קוק געטאָן און מער גאָרנישט... ער האָט, נאָכמאַכנדיק דעם לערער, אָנגערוקט זיינע דיקע אויגן־גלעזער אויף דעם געטאָקטן נעזל זיינעם, האָט אָנגעשטעלט זיין נאָך גאָר קינדישן פּנים מיט אַ גוואַלדאָוונער ערנסטקייט און דערביי אויסגעזען ווי אַ... שטרויענער גזלן. — אָ, דזשי — האָט ער אויסגערופן מיט באַגייסטערונג —„הי איז סוועל!“—דער לערער הייסט עס, איז אָלרייט.

מרס. קאַפּלאַנס מענערישער פּנים האָט נאָכגעלאָזט פון דער אָנגעשטרענגטקייט. זי האָט געקוקט אויף דעם ייִנגל און האָט גליקלעך געשמייכלט. און מען האָט געקאָנט זען ממש מיט די אויגן, ווי דער שווערער עול, דער טעגלעכער יאָך רוקט זיך פּאַמעלעך אַראָפּ פון איר שטייף־פאַרקעמטן קאָפּ, פון אירע אַקסלען, און דאָס ברוינלעכע פּנים ווערט אָנגעהויכט מיט אַ ראָזעווע יוגנטלעכקייט. זי איז געזעסן מיט ביידע הענט אין שויס, אַ מידע, אָבער אַ מילדע, אַ לויטערע, אינגאַנצן אַ מאַמע. זי האָט נאָכגעקוקט דעם ייִנגל אויף יעדן שריט און טריט. און ווען ער האָט זיך אַוועקגעדרייט, האָט זי אונטערגעזאָגט דער לערערין:—דער טאַטע מיט די ביינער. זי האָט שווער אָפּגעזיפצט, און ווען דער ייִנגל איז אַריין אין צווייטן צימער האָט זי צוגעגבן:—ביי יענעם, ביים פאָטער זיינעם, האָט מען אויך קיינמאָל נישט געקאָנט דערגיין קיין טאָלק. און אַזוי ביזן היינטיקן טאָג ווייסט מען נישט וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען. „מיסינג אין עקשאַן“ אפשר ווייסט איר, טייערע לערערין, דעם טייטש דערפון? נאָר למאַי זאָל איך זאָגן, איר זאָלט טאַקע ניט וויסן דערפון. וואָס האָב איך צו אייך? איר זייט אונדז אַ גוטער פריינט.

מרס. קאַפּלאַן האָט קענטיק געהאַט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו ריידן, גלאַט אַזוי, זיך אַביסל אַראָפּצורעדן פון האַרצן. ווייזט אויס, אַז זי האָט שוין לאַנג ניט געהאַט פאַר וועמען זיך אָנצופאַרטרויען.

די קינדערלאָזע לערערין האָט איצט, אין אָנגעזיכט פון מוטער און זון, דערפילט דעם גאַנצן, טיפן בלויז פון איר לעבן, און איז ביי זיך שטאַרק אַראָפּגעפאַלן. זי, די געבילדעטע, די אָנגעזעענע, האָט אין דעם

מאָמענט אַרויפגעקוקט צו דער פשוטער מרס. קאַפּלאַן, וועלכע האָט אַזוי פריי געגרעדט און דערציילט. זי איז געזעסן שטיל און אויפמערקזאַם און האָט זיך צוגעהערט. איר אייגן געמיט פאַרקנעפּלט אונטער זיבן קנעפּ און פאַרשטעלט מיט אַן אַנגעפּודערטן שמייכל...

— און צוריקגעשמועסט—האָט מרס. קאַפּלאַן פאַרגעזעצט—ס׳קאָן דאָך זיין אַז דער ייִנגל איז גערעכט. איך וויל אים גלאַט ניט כאַוועון אויף קיין פאַלשע האָפנונגען, נאָר ס׳קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז אפשר איז דאָס ניט קיין איינרעדעניש. אפשר, טאַקע, לעבט ער ערגעץ, דער פאָטער זיינער, נאָר... מיט אַ צווייטער. וואָסזשע, עס טרעפן זיך ניט אַזעלכע זאַכן? הלוואַי וואָלט עס אמת געווען... וואָלט דער ייִנגל כאָטש געהאַט אַ טאַטן. לעצטנס גייט אים אויס די נשמה ווען ער הערט עמיצער קומט אַהיים פון דער מלחמה. אַ פאַרציטערטער ווערט ער ווען עמיצער גיט אַ קלונג אין טיר. ער טרעט ניט אָפּ פון דער האָפענונג. אַן עקשן פונקט ווי דער טאַטע זיינער עליו הש... אויף דעם איז אַריינגעקומען דער ייִנגל. צום גליק האָט ער די לעצטע ווערטער ניט געהערט. ער האָט אָנגעשטעלט די ראַדיאָ און בעת מעשה דערציילט, אַז היינט האָט ער געלייענט אין אַ „טרו סטאָרי מעגעזין" (אמתע מעשה זשורנאַל), ווי איינער האָט זיך אומגעקערט נאָך זיבן יאָר, וואו ער איז געווען „מיסינג אין עקשאָן". ער האָט געהאַט אַמנעזיע און האָט ניט געוואוסט וואו זיין היים געפינט זיך, האָט ער...

— סיימאָן! — האָט מרס. קאַפּלאַן אויסגערופן. סיימאָן האָט אָנגעשטעלט זיין בלאָנדע „גזשיוועך", טראַציק ווי אַ הענדל, און האָט פאַרצויגן זיין שמאָלן שטערן. מוטער און זון האָבן זיך שאַרף אָנגעקוקט. קענטיק אַז דאָס דאָזיקע געשפרעך חזרט זיך איבער שוין וועד ווייסט צום וויפילטן מאָל. סיימאָן האָט פאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און די אילוזיע, וואָס האָט אַ מינוט פריער אויפגעהעלט זיין פנים, האָט גענומען אויסטריפן טראָפּ נאָך טראָפּ. און ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער בין־השמשות נידערט ווידער אַראָפּ איבער דער שטוב. נאָר פּלוצלינג האָט זיך סיימאָן אַ ריס געטאָן פון אָרט און איז אַריין אין צווייטן צימער מיט אַ געוויין:
— ער וועט קומען, ער וועט קומען, מיין פאַפאַ, ער וועט קומען. — — —

— — — — — — — — — — — — — —

מערץ. אַ לאַנגער, שווערער ווינטער האָט זיך דערנענטערט זיין סוף. די זאַווערוכעס האָבן זיך אויסגעבלאָזן אויף די פלײנען. דער הימל האָט זיך באַפרייט פון דער אָנגעפּעלצטער וואַטע און האָט אַראָפּגעקוקט מיט

בלויער מילדקייט צו די קינדער פון דער ערד. אויף דער שמאָלער סטעטשקע איבערן פּאַרק, נאָך פייכט פונעם צעגאַנגענעם שניי, איז גע־גאַנגען אַ מאַן אין אַ גרויען שינעל. ער איז געגאַנגען גלייך און שטייף און הויך, ווי ער וואָלט געבליבן אַזוי איינגעפרוירן פונעם ווינטער. אויף זיין אָרעם האָט זיך געהאָנגען אַ בלאָנד יינגל מיט אַ צעשיינטן קאָפּ, ווי אַ שטראַל פון גאָט. ער האָט זיך באַמיט צו מאַכן גרויסע שפּאַן, אַזיווי דער פּאָטער. זיינע באַקן—בלוט און מילך—האָבן זיך גערויטלט ווי צווייט. די זון האָט אַרויסגעשטעקט איר פייערדיקן קאָפּ און האָט אַריינגעלאַכט אין בלויען פרימאָרגן.

# אַ פאַרשפּעטיקטע טובה

. . . דער ענטפער איז געווען: „פּאַטיגיי״—שוואַך, און . . . אַ שמייכל. אַן עכט־פראַנצויזישער, פיל־זאָגנדיקער און גאַרנישט־מיינענדיקער שמייכל. סטעראַ האָט ניט פאַרשטאַנען ניט דאָס וואָרט און ניט דעם שמייכל. זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס פרעגן, נאָר פּלוצים האָט אַ קאָכע־דיקער שטראָם טרערן אַ פלייץ געטאָן איבער איר פּנים און זי איז אַרויס, אַרויס פונעם רעפּאָרט־שטיבל און זיך אַ לאָז געטאָן צום ברייטן אַריינ־גאַנג פונעם שפּיטאָל.

ס׳איז נאָך געווען פרי פאַרטאָג. איינע פון יענע שעהן, ווען פון איין זייט פּאַריז גייט אָפּ, ווי אַ ווייסער שוים, דאָס צעהוליעטע לעבן, און אויף דער אַנדערער—אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן—גייט עס אויף מיטן עול פון טאָג אויף די שויבן. פון איין זייט לעשט זיך די שטאָט, פון דער אַנדערער—צינדט זי זיך אָן.

די בילער איז אַ שטילע גאַס, פון ביידע עקסטרעמען ניט באַרירט. שלאָפט זי, די דאָזיקע גאַס, אַ רואיקע, אונטער אַ ווייט־צעשטערנטן הימל, לויטער ווי אַ קינד׳ס געמיט. נאָר אין דער מיט פון דער שטילער די בילער, אָפּגעצוימט מיט אַ הויך־געמויערטן און אייזן־פאַרשטאַכעוועטן פּאַרקאַן—אַ שפּיטאָל. אַ וועלט פאַר זיך. אַ וועלט אין אייביקן גראַנגל צווישן לעבן און טויט.

סטערא האָט צוגעפּרעסט איר הייסן שטערן צו די אייזערנע שטאַ־כעטן פונעם געשלאָסענעם טויער. איר האַרץ האָט זיך געריסן אַהין, אַהין

דורך די גראַטעס, דורך די דיקע ווענט, אַהין צו יענעם בעט. זי זעט דאָס בעט. זי זעט דאָס קינד. עס גיט אַ מאַך צו איר מיט דער האַנט:—מאַמע!

סטעראַ איז צוריק אַריינגעגאַנגען אין רעפּאַרט־שטיבל און איבער־געפרעגט די קראַנקן־שוועסטער ביים נאַכט־טעלעפאָן:

—„קעס קע סי פּאַטיגיי?" (וואָס איז דאָס אַזוינס „פּאַטיגיי"?)—האָבן אירע ליפּן געמאָנט און די פּחדפולע אויגן האָבן געפאָרשט דער שוועסטערס פּנים.

—„פּאַטיגיי, מאַלאַד" (שוואַך, קראַנק)—האָט יענע שלעפעריק גע־שמייכלט און אַריינגעגענעצט אין טעלעפאָן־רערל.

סטעראַ האָט ווייטער ניט פאַרשטאַנען. נאָר ניט פאַרשטייענדיקער־הייט איז די הויט אויף איר קערפּער שטייף געוואָרן.

—„קעס קע סי", וואָס לאָזט מען מיך ניט אַריין? — האָט זיך סטעראַ צעוויינט אויפן קול. ס'איז אַרויסגעקומען אַ יונגער דאָקטאָר, ווי אַ פאַר־שלאָפן יינגל, און האָט סטעראַן העפלעך אָבער שטרענג געגעבן צו פאַר־שטיין, אַז ס'איז אַ שפּיטאָל. מען קען דאָ ניט קומען טומלען אין מיטן דער נאַכט. סטעראַ איז צוגעפאַלן צו זיינע הענט, ווי אַ פאַרשמאַכטער צו אַ טראָפּן וואַסער:

— דאָקטאָר, דערבאַרעמט זיך! מיין קינד, מיין יינגל! מיר דאַכט אַז איך הער אים וויינען.

— אייער יינגל איז בעסער, האָב איך אייך נאָך נעכטן געזאָגט.

— אָבער, דאָקטאָר... אַ קלאַפּ מיט דער טיר. סטעראַ איז געבליבן אַליין אין האַלב־פינצטערן קאָרידאָר.

אַך, ווען סטעראַ וואָלט געהאַט אַ גאָט! אפשר וואָלט ער איר בייגע־שטאַנען אין איצטיקן מאָמענט. אפשר וואָלט ער זיך דערבאַרעמט איבער איר איינציק קינד.

נאָר סטעראַ האָט קיין גאָט ניט געהאַט. זי האָט איר גאָט אין הימל פאַרלוירן אין קאַמף פאַר סאָציאַליזם דאָ, אויף דער ערד. אַ טיפער קרעכץ, ווי פון אַ חיה, האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר און זי איז צוריק אַרויס אויפן הויף. אַ מאָרגן־שטראַל, ווי אַ בשורה, האָט זיך געטראָגן פון דער מזרח־זייט און האָט ווי דורך אַ כישוף־האַנט געמעקט די שטערן פונעם הימל.

סטעראַ האָט אַ וויטיקדיקן שמייכל געטאָן צו דעם פרימאָרגנדיקן וואונדער:—אַז מיין קינד זאָל דאָס נאָך אַמאָל זען...

שוין טעג ווי מען פאַרזיכערט איר, אַז אים איז בעסער. פריינט

בייזערן זיך:—וואָס דערגייסטו די יאָרן?... נאָר סטעראַס האַרץ ווערט געטראָגן פון אַ פחד, ווי אַ שמעטערלינג פון אַ שטורעם.

שוין די דריטע נאַכט, אַז זי שטייט דאָ אָפּ ביים גרויסן טויער און מען לאָזט זי ניט אַריין, און מען לאָזט זי ניט אַריין, און מען לאָט זי ניט אַריין...

פּאָדקאָוועס אויפן שטיינערנעם אַרום; פּאָדקאָוועס אויפן שטיינערנעם הויף.

— העי, מעסיו! — האָט זיך סעטראַ געבעטן מיט ביידע הענט אין טויער אַריין:—האָב רחמנות. אַ קינד האָב איך דאָ, „גאַרסאָן" (אַ יינגל)—האָט סטעראַ געשמייכלט דורך טרערן.

—„מאָנטע" (קריך אַרויף)—האָט ער איר אָנגעוויזן אויפן זיץ לעבן זיך. מיט איין קאַצן־שפּרונג איז סטעראַ שוין געזעסן אויבן. אַ זייטיקער טויער האָט זיך געעפנט און דער וואָגן האָט אַריינגערעדלט און זיך פאַרקירעוועט אין אַ זייט צו דער שפּיטאָל־קיך. סטעראַ האָט ניט געוואַרט ביז דער וואָגן וועט זיך אָפּשטעלן. זי איז אַראָפּ אין מיטן גאַנג, און ווי אַ ווינט זיך געטראָגן אַרום די ווענט פון דער פאַרצווייגטער שפּיטאָל־געביידע.

„קי ע? (ווער איז)—האָט אַ פאַרשלאָפענע שטימע פון אַ נאַכט־וועכטער זיך פון ערגעץ אָפּגערופן.

צום גליק האָט סטעראַ אין דער רגע דערזען די דריי טרעפּלעך מיט דער דאַך־געדעקטער ווערצנדע, וואָס פירן צו „איר" אָפּטיילונג. און אנשטאט צו ענטפערן, האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און דער וועכטער האָט בלויז געהערט דריי טריט אָפּקלינגען אויף די שטיינערנע טרעפּ, און זי איז פאַרשוואונדן אין יענער טיר.

— — — — — — — — — — — — — —

יאַקאָבאַ בענגאַרין איז געווען אַ יונגערמאַן אין די פערציקער, וועלכער האָט געוואוסט אָפּצושאַצן זיין שלאַנקע, בויגיקע פיגור, די אויסגעבעטע אַקסלען און דעם זייער געלונגענעם שניט פון קאָפּ. פון די אַמאָליקע ברוינע לאָקן זיינען געבליבן גלאַטע, שיטערע האָר, אָבער נאָך אַלץ טונקל און—באַשמירט מיט פּאָמאַדע—האָבן זיי נאָך פאַרמאָגט דעם געהעריקן גלאַנץ. דאָס פיין־געשניצטע ברוינע פנים, שוין עטוואָס אָפּגעלעבט, אָבער נאָך אַלץ שיין, און די אויגן האָבן אין זיך געהאַט יענעם גלאַנץ, וואָס רעדט אי פון מענערשער רייפקייט, אי פון יינגלשער יוגנטלעכקייט.

בענגאַרין האָט איצט געטראַכט זיך צו לאָזן וואַקסן אַ באָרד. ס׳איז פּאַרנעם, און ס׳קוקט אויס אַזוי עכט פראַנצויזיש... נאָר ער האָט ניט געקענט פועלן ביי זיך איינצורעדן דעם ביז גאָר באַחנטן שמייכל, וואָס האָט אים אַרויסגעהאָלפן אין אַ סך „דעדיצירנדיקע״ מאָמענטן.

בענגאַרין האָט מיטגעבראַכט פון פּוילן די פּאַצעטיש־צירלעכע מאַנירלעכקייט, זי פאַרפּוצט מיט איבערגעטריבענער העפלעכקייט, אַ כאַפּ געטאָן אויף איין פוס אַביסל בילדונג, אַביסל שפּראַך פון דער און יענער, און מיט זיין פלינקער צופּאַסונגס־פייאיקייט איז ער פּאַרטיק געוואָרן אַ פיגור צווישן פיגורן.

נאַטירלעך איז בענגאַרין געווען די רעפּרעזענטאַנץ פון זיין פּאַרטיי. ער איז געווען ווי געבוירן דערפאַר. צווישן פּאָליטיקער—אַ פּאָליטיקער, צווישן קולטור־טוער—אַ קולטוריסט — האָט ער זיך פאַרשאַפט יענע פּאָזיציע, וואָס איז אַזוי נויטיק אין דער עזעלשאַפט.

אין דעם פאַרצווייפלטן מאָמענט, ווען דער טויט האָט אומרחמנותדיק געגליוועט דעם פופצן־יאָריקן מאַרסעל דאָס בלוט אין די אָדערן, האָט זיך סטעראַ פלוצים דערמאָנט אָן איר געגאָסע, חבר, מעסיו בענגאַרין, מיט זיינע גרויסע פאַרבינדונגען, און האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם געדאַנק, ווי אַ טרינקענדיקער אָן אַ שטרוי. זי איז אַרויס צום נאָענטסטן קאַפע און געגומען מישן די בלעטער פון טעלעפאָן־בוך. און... גאָטעניו!... דער נאָמען בענגאַרין איז אַרויסגעפלויגן פון דער שורה! סטעראַ בייסט זיך די פינגער, סטעראַ רייסט זיך די האָר פונעם קאָפּ...

—„אַלאָ, לאַ־לאַ־לאַ״!—איז צוגעלאָפן דער רויט־פּנימדיקער קאַפע־ווירט אין גרויסן פאַרטוך.

—„קעס קע סי?״ אָט איז דאָך בענגאַרין יאַקאָבאַ!

—אַ־לאָ! געגאָסע, קאַמעראַד, מעסיו בענגאַרין.—האָבן זיך סטעראַן געמישט די ווערטער אין מויל.

— מעסיו בענגאַרין שלאָפט נאָך. ווער איז דאָס אַזוי פרי?

— ס׳איז . . . זייער דרינגענד.

— האַא־לאָאָ ! — האָט בענגאַרין אויסגעצויגן זיין אַריסטאָקראַטישע שטימע.

— אַנטשולדיקט, מיין משהל, מאַרסעל, ס׳איז זייער שלעכט...

— אַ, מאַדאַם ליליאַוונאַ ? און וואָס זאָגט דער דאָקטאַר ?

— דער דאָקטאַר? דער שעף איז אויף אורלויב... קומט, כ׳בעט אייך! אַ ספּעציאַליסט! — האָט סטעראַ געפּלאַטערט אין טעלעפאָן־רערל אַריין.

בענגאַרין האָט חלילה ניט פּאַראיבל געהאַט, וואָס מ׳האָט אים אויפ־געוועקט אַזוי פרי. אָ, ניין! מעסיו בענגאַרין איז אַ נאַטוראַליזירטער פראַנצויז, און פראַנצויזן זיינען העפלעך. נאָר אָנשטאט זיך אָנצוטאָן און צוצופאָרן צום שפּיטאָל האָט ער זיך אויסגעדרייט אויף דער לינקער זייט און איז ווייטער געשלאָפן.

— — — — — — — — — — — — — — —

הונדערט און פינף גראַד פיבער איז גענוג פאַר יעדן מענטשן עס זאָל אים אָפּרייסן פון זיין קראַנקן־בעט און אים אַוועקטראָגן העט ווייט אין דער צעצונדענער פאַנטאַזיע.

מאַרסעל איז געלעגן אַן אויסגעבאָדענער אין קאַלטן שווייס. נאָר פון האַלדז, פון דער נאָז, פון די אויערן האָט געשפּאַרט אַ היץ, ווי פון אַ קאָכעדיקן טשייניק. זיינע געדיכטע, טיף־בלאָנדע האָר זיינען געווען אויסגעוויקט און זיינען געלעגן צענויפּעדריקט, ווי זאַנגען נאָך אַ שטורעם, נאָר די קרענקלעכע וויזיע האָט זיך דווקא געקלאָמערט אַן געזונטע געשטאַלטן.

ער וועט ענדיקן די שול, וועט ער זיך נעמען צו דער אַרבעט. ער וועט אויפטאָן גרויסע זאַכן, גאָר גרויסע, אַזוי ווי לעאָן בלום אַ שטייגער. און . . . מעגן זיי אים שרייען „סאַל זשוויף” (שמוציקער ייד)... לעאָן בלום איז אויך „געווען” אַ ייד. ער וועט אויפבויען אַ היים פאַר זיך מיט דער מאַמען; ער וועט אויפבויען אַ היים פון בלויז פענצטער, מיט פאָנטאַנען אין דער מיט, בלומען אַרום און גאָלדענע פישלעך אין וואַסער. דערנאָך וועט ער אַהער ברענגען אַלע זיינע חברים פון פוילן און זיי ווייזן דעם וואונדער פון פּאַריז.

פלוצים גייט ער אַרויס פון זיין שאָטנדיק געסל אויפן בעלוויל. ער זעט דייטלעך די פלאַכע, צעשפּאַלטענע שטיינער אויפן שמאָלן טראָטואַר. דאָס גרינס און עסנוואַרג, וואָס די קרעמער האָבן אַרויסגעפּראַלט אויף דער גאַס צום פאַרקויפן. און. . . איין פלי. . . שפּאַצירט ער שוין אויף דער זון־פאַרפלייצטער ברייטער שאַנס־עליזעי. ער גייט אין לאַנגע הויזן, אַ נייע פיל־פעדער אין ברוסט־טאַש. זיינע פרעמדע חברים קוקן אים נאָך. די אויסצייכענונג וואָס ער האָט געקראָגן אין שול פאַר אויפנעמען אַזוי גיך די שפּראַך—אָנגעשפּיליעט ביי דער אונטערשטער הויזן־קעשענע. ער מאַכט זיך אומישנע עפּעס אַרויסנעמען פון דער קעשענע... ער גייט, גייט און פליט אונטער. פלוצים גיט ער זיך אַ הויב און רירט אָן מיט דער האַנט דעם שפּיץ פון אייפל־טורעם. ווען ער וויל, קאָן ער

אפילו דערלאַנגעגן דעם ראַזעווע וואָלקן דאָרט אויבן. נאָר אָט, ער פֿאַלט, ער פֿאַלט... מאַמע!

סטערא איז געשטאַנען ביים בעט מיט אַ פּנים גרוי ווי אַש. זי האָט באַטראַכט און זיך ניט צוגעגלויבט מאַרסעלס געענדערטן אויסזען.

מיטן וואָרט „מאַמע" האָט ער אויפגעריסן די אויגן. אַ קאַלטער, פרעמדער בליק האָט זיך געטיקט אין זיי.

מאַרסעל האָט זיך אַזוי קינדעריש גליקלעך צעשמייכלט, גלייך די מאַמע וואָלט אים איצט אינגאַנצן אויסגעלייזט פון זיינע יסורים. ער האָט אויסגעשטרעקט צו איר זיין בלייכע, אויסגעשפּיצטע האַנט. סטעראַן האָט, ווי אַ פייערדיקער בליץ, אַדורכגעקרייצט דער שרעקלעכסטער געדאַנק: „וואואָסי"—זע נאָר—האָט זי אויסגעשריגן צו דער קראַנקן־שוועסטער, ווען די טיפע, בלויע אויגן האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרדרייען — איז נאָך אַ נאָדל, און נאָך איינע. דער יונגער דאָקטער קומט צוגייין, גיט אַ צי מיט די פּלייצעס און גייט אַוועק.

אין די מינוטן צווישן לעבן און טויט ווערן זיך די נאָענטסטע מענטשן אי פרעמד, אי טויזנט מאָל מער אייגן. וואָס פאַר אַ פאַרגלייך איז די שרעקלעכסטע אָנשטרענגונג פון אַ נאָענטן, מיט דעם לעצטן געראַנגל פון אַ נישט דערלעבטן לעבן. און דאָך פאַראייניקט אויף אייביק דער דאָזיקער מאָמענט און לייגט אויףביידן אַרויף אַ חותם.

סטערא לויפט פונעם קראַנקן־בעט צום טעלעפאָן און צוריק. בלוט רינט פון די שפּיצן פון אירע פינגער און פאַרצייכנט איר יעדן שריט. איר האָט אַרומגעכאַפּט אַ צום־טויט־אונטערטעניק געפיל: צו העלפן איר משהלען... שטאַרבן; טרייסטן אין די לעצטע מינוטן, אַריבערטראָגן אים דעם שווערן „שפּרונג". זי האָט געפילט, ווי איר קינד ווערט אַלץ פינצטערער פאַר די אויגן. אַ טיפע שוואַרצקייט שפּרייט זיך אויס פאַר אים און שלינגט אים איין.

ווי פונעם הימל אַראָפּ איז געשטאַנען אין טיר די שלאַנקע פיגור מיט דעם גלאַט־ראַזירטן פּנים פון בענגאַריך, און אַ לעצט מאָל האָט זיך די האָפענונג אַ צאַפּל געטאָן.

— זע! — האָט סטערא געמאַכט מיט די ליפּן, אָנווייזנדיק אויף דעם גוססדיקן מאַרסעל: — אַ דאָקטער! אַ קאָנסיליום! ראַטעוועט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

קולטור־פּאָליטישע מענטשן האָבן איין גרויסע מעלה: זיי ווערן קיינמאָל ניט נתפעל, רעגן זיך ניט אויף, האָבן אַ געשולטן טעמפּעראַמענט.

און אונדזער בענגאַרין איז אויך ניט איבערראַשט געוואָרן. געלאָסן האָט ער זיך אַראָפּשפּאַצירט ביז „פּלאַס דע נאַסיאָן". ס'איז גראַד געווען אַ צעבליטער ערב־זומער טאָג. ערשט פון דאָרטן האָט ער גענומען די „מעטראָ" (אונטערערד באַן) און איז צוגעפאָרן צו זיינעם אַ באַקאַנטן ספּעציאַליסט. יענער האָט גראָד געגעסן מיטאָג. האָט בענגאַרין צו־געוואַרט. און אַז דער דאָקטער איז אַרויסגעקומען פון עס-צימער, האָט מען זיך העפלעך באַגריסט; גערדיקט די הענט, ווי אַלטע גוטע פריינט. דערנאָך האָט מען גערעדט פּאָליטיק, געשמועסט פון דעם און יענעם. בענגאַרין האָט זיך געפילט זייער געשמייכלט פון דעם באַרימטן דאָקטערס גוט־ברודערישקייט, און האָט זיך געפלייסט אַרויסצוברענגען זיינע פּער־פעקטע מאַנירן און דערפאַרענע וועלטלעכקייט. און צום סוף פון אַלע־שמועסן האָט ער ענדלעך געזאָגט דעם דאָקטער נאָך וואָס ער איז געקומען.

דער דאָקטער האָט זיך געקווענקלט:

עס פּאַסט ניט פאַר אים, זאָגט ער, ער זאָל זיך אַריינמישן צו אַ שפּיטאָל־פּאַציענט. ערשט ווען בענגאַרין האָט אים פאַרזיכערט, אַז מען וועט אַרויסנעמען דעם קראַנקן און אים אינגאַנצן איבערגעבן אין זיין, דעם דאָקטערס, אויפזיכט, האָט ער זיך געלאָזט איבעררײדן.

— — — — — — — — — — — — — —

פּאַריז, גלאַנצנדיק און טומלדיק און איילנדיק פּאַריז. ווער האָט עס צייט אין אַ פּראָסטן דאָנערשטיק זיך אָפּצוגעבן מיט עמיצנס אַ יינגל, משהלע־מאַרסעל ? . . .

— — — — — — — — — — — — — —

מאַרסעל האָט זיך געראַנגלט פאַר יעדער מינוט לעבן. ער האָט אָנטקעגנגעשטעלט דעם שוואַרצן טויט זיין ליכטיק צעצונדענע האָפענונג: אָ, ס'וועט נאָך בעסער ווערן. דאַכט זיך ס'איז אים שוין בעסער.— מאַמע, נעם מיך אַראָפּ פון בעט. דאָרט, צום פענצטער.—האָט ער געוויזן מיט דער האַנט. ער האָט זיך געריסן מיט די לעצטע כוחות צו ליכט, צו לופט, צו זון. ער האָט זיך געקלאַמערט אָן דער מאַמען, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט ביי איר אויסבאַהאַלטן פון עפּעס וואָס לויערט אויף אים. מיטאַמאָל איז ער שטיל געבליבן. צוויי גרויסע קיילעכדיקע טרערן, ווי פּייערדיקע פּערל, האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די פאַרגרעסערטע אויגן און האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט איבערן פאַרצוקטן פּנים. זיינע פאַרברענטע ליפּן האָבן נאָך עפּעס געבעטן. נאָר פּלוצלינג האָט אַ טונקעלער שטראָם אַ שפּאַר געטאָן פון האַלדז און פאַרטרונקען דאָס לעצטע וואָרט אויף

זיינע ליפּן. מאַרסעל איז איבערראַשט געוואָרן פון זיין אייגענעם טויט.
און די איבערראַשונג איז פאַרגליווערט געוואָרן אויף זיין פּנים . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פיר אַ זייגער. אַ ליכטיקער טאָג האָט זיך אַריינגעריסן דורכן אויבערשטן ליפט פון אַ האַלב פאַרהאַנגענעם פענצטער און געשניטן גאָלדענע פּאַסן אין דער שיף: אויף אַ וואַנט, אויף אַ בעט, אויף אַ נישט־דערוואַקסענעם קערפּער פון אַ יינגל: משהלע—מאַרסעל.

סטעראַ ווייסט גאַרניט מער: ווען, וויאַזוי, און וואָס אַזוינס דאָ איז געשען. אָט זיצט זי נאָך און האַלט די קאַלטע האַנט ביים אויסגעגאַנגענעם פּולס. איז אָנגעקומען „מעסיו״ בענגאַרין מיטן באַרימטן ספּעציאַליסט און זיין אַסיסטאַנט.

# אידיליע אין די בראָנקס

**אונטער** אַ ריזיקן טענעמענט־הויז, אין אַ שאָטנדיקער קעלער־שטוב, זיינען געזעסן אַ צוויי צענדליק פרויען ביי אַ לאַנגן, אומגעהובלטן טיש און האָבן געשטריקט: ווער אַ סוועטער, ווער אַ שאַלעק, און לעצטנס איז גאָר אַריין אין דער מאָדע אויסצושטריקן אַזאַ הילעם־אַרום, וואָס מען רופט אָן אויף ענגליש: „סטאָול״. זיי האָבן זיך דערביי צוגעהערט צו אַ מעשה פון ניין ברידער מיט אַ טאַטן, וואָס איינע פון זיי האָט פאַרגעלייענט.

לייענען אַליין איז ביי די באַלעבאָסטעס פונעם טענעמענט־הויז געוואָרן אַ זאַך, וואָס מען האָט זיך ניט געקענט דערלויבן. מען איז תמיד פאַרוואָרפן מיט אַרבעט; מען ווייסט ניט וואָס פריער אָפּצוטאָן פאַר דער שטוב מיט דעם הויזגעזינט. און אַז גאָט העלפט, ס׳מאַכט זיך נאָך אַ פּאָר וואָכן אַרבעט אין שאַפּ, מוז מען אַריינכאַפּן, כדי צו קאָנען אויסהאַלטן דעם „סלעק״. נאָר אַז מען איז אין דער היים, איילט מען זיך צו מיט דער הויזאַרבעט, מען לויפט מיט די טרעפּ פון די שטאָקן אַראָפּ און מען קומט זיך דאָ צענויף אין קעלער־שטוב. מען פאַרמט: ווער אַ לייען־קרייז, ווער אַ שול־פאַרוואַלטונג, אַ הויז־קאָמיטעט וכדומה. אַזוי איז דער שטייגער פונעם טענעמענט־הויז.

— — — — — — — — — — — — — — — —

די זון האָט אויסגעלייגט פיר גאָלדענע קעסטעלעך אויפן דיל. די טיר איז געשטאַנען אַ שפּאַרע אָפן. מיצי, דאָס קעצל, האָט פּאַמעלעכן געשפּאַנט די פּאָר טרעפּלעך אַראָפּ צו דער קעלער־שטוב. זי האָט אַריינגעשטופּט איר גרוי קעפּל מיט דער ווייסער, חנעוודיקער מאָרדע אין דער טיר אַריין און האָט זיך פאַרזיכטיק אומגעקוקט, דערנאָך האָט זי זיך דורכגעשטופּט דורך דער שמאָלער עפענונג און איז אַריין. זי איז שטיין געבליבן אין מיטן פונעם שאָטנדיקן צימער, האָט אָנגעשטעלט אירע טרויעריק געלע אויגן אויף די פּרויען מיט אַ שטילן, בעטנדיקן „מיאַו".

די פּרויען זיינען געווען פאַרטאָן אין דער אַרבעט און האָבן דאָס קעצל ניט געזען און ניט געהערט. איז דאָס קעצל צוגעגאַנגען נעענטער און האָט זיך גענומען לאַשטשען צו די פיס אויפן הילצערנעם שטאָלן אונטערן טיש. זי האָט צוגעלייגט איר קעפּל מיטן רעכטן אויערל און האָט זיך געריבן אָן די שיך. דערנאָך האָט זי אויסגעשטרעקט איר ווייסן האַלדז און איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ טיפן „מניאַו". נאָר אַז קיינער האָט זיך אַלץ ניט אומגעקוקט אויף איר, איז זי אַוועקגעגאַנגען און האָט זיך אויסגעשטרעקט אין די זוניקע קעסטעלעך אויפן דיל און האָט פאַרמאַכט די אויגן. זי איז געווען אַזוי מיד, אַזוי מיד...

מיצי, דאָס קלוגע קעצל, ווייסט נעבעך ניט פאַרוואָס זי פילט זיך לעצטנס אַזוי מיד און פאַרוואָס עס ציט זי כסדר אַראָפּ צו דער ערד. זי ווייסט נאָר, אַז זי דאַרף נויטיק האָבן ערגעץ אַ ווינקל אויף אָפּצורוען זיך. זי ווייסט אויך, אַז זי וויל אַזוי שטאַרק עמיצער זאָל אויף איר אַ וואַרעמען קוק געבן, עמיצער זאָל איר אַ גלעט טאָן דאָס פעלכל, וואָס צוקט און ציטערט אויף איר. זי הויבט אויף דעם קאָפּ און קוקט מיט ברענענדיקע שפּעלטלעך צו די פּרויען, נאָר יענע זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין דער מעשה וועגן „שאַיען", וועלכער ווערט פאַרכאַפּט פון באַלאַבאַנס פרוי, בעת זי טוט זיך איבער אין זיין אַנוועזנהייט. און אויף איר, אויף מיצין, קוקט קיינער ניט. און איר איז אַזוי שווער, אַזוי שווער...

אין צימער איז געווען שטיל. אַ פאַרבלאָנדזשעטע פליג האָט געזשומעט אין פענצטער. אַ פּרויען־שטימע האָט זיך געצויגן איינטאָניק ביים לייענען. מיצי האָט געדרימלט אויפן דיל.

ס'איז געווען דריי אַזייגער נאָכמיטאָג. יעדן טאָג אין דער צייט קומט אַהער אַ יונגע לערערין, וואָס גרייט צו יידישע לעקציעס פאַר די קינדער פונעם טענעמענט־הויז און דער געגנט אַרום. זי געפינט, פאַר־

בייגייענדיק, אַ פּאָר מינוט זיך אַ שפּיל צו טאָן מיט מיצין און ברענגט איר אַלעמאָל גוטע זאַכן פונעם טיש און מילך אין אַ שאָלכל. מיצי האָט זייער ליב מען זאָל זיך שפּילן מיט איר און מילך האָט זי אויך ליב צו לעקן. נאָר היינט האָט זיך עפּעס די לערערין פאַרשפּעטיקט און מיצין איז אַזוי שלעכט, אַזוי שלעכט...

מיצי איז אייגענטלעך דאָס קעצל פון דער יידישער שול. דאָ האָט זיך עס אויסגעכאָוועט. איינמאָל, אין אַן ערב פּריליגג, ווען די לערערין האָט צעפּראַלט די פענצטער, וואָס זיינען געלעגן האַרט אויפן „סיידוואָק" (טראָטואַר), איז ווי פונעם הימל אַראָפּ אַריינגעפלויגן דאָס קעצל און אַ רויטער הונט איז געבליבן שטיין מיט די לאַפּעס אין אָפענעם פענצטער, גרייט אַלעמען צו צערייסן. דער גאַנצער קלאַס האָט זיך אויפגעכאַפּט. פונעם לערנען איז שוין גאָרניט געוואָרן. די גרעסערע קינדער האָבן זיך געלאָזט נאָכן הונט און דאָס קליינוואַרג האָט זיך אויסגעלייגט אויפן דיל און געזוכט דאָס קעצל, וואָס איז פאַרשוואונדן ווי אונטער דער ערד. געפונען האָט עס בעני, אַ ייִנגעלע, קיילעכדיק, ווי אַ ניסל, מיט אַ פּאָר דיקע אויגן־גלעזער. געלערנט האָט ער נאָך ניט, אָבער אין שול אַריין איז ער שוין געגאַנגען. און מחמת ער איז געווען דער קלענסטער, האָט ער זיך אַריינגעשטופּט צווישן דער ביכער־שאַפע און דער וואַנט און האָט פון דאָרטן אַרויסגעשלעפּט דאָס קעצל, אַ פאַרבלוטיקטס, אַ פאַר־גאָסנס. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ס'האָט אַן אויפגעריסענעם האַלדז.

די לערערין האָט געהאַט אַ טבע צו ווייזן די קינדער וויאַזוי צו פאַרבינדן אַ שניט אין פינגער; וויאַזוי אָפּצואוואַשן, פּאַמעלעכן, עס זאָל ניט וויי טאָן, אַ ריס אין דער הויט. אָדער גאָר צוצולייגן אַ קאַלטן קאָמפּרעס, ווען אַ באָל פאַלט אין קאָפּ אַריין. איצט, אין אָנגעזיכט פונעם פאַר־וואונדעטן קעצל, האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן פּראַווען „פּוירסט אייד" (ערשטע הילף). דאָס קעצל האָט געמיינט אַז אָט־דאָ איז זיין סוף. אַ טויט־שרעק איז אים באַפאַלן. און אַי, ווי ס'האָט ניט געוואָלט שטאַרבן! אַי, ווי ס'האָט זיך געוואָלט אַרויסראַטעווען פון די קינדערישע הענטלעך! ס'האָט זיך געווערט מיט ציין און נעגל, און געשפּיגן מיט פייער. נאָר די קינדער האָבן עס געהאַלטן צוגענאָגלט צום טיש.

אַרומגעוואַשן, פאַרבונדן און פאַרקלעפּט, האָט אים פלאָרענס, אַ שוואַרץ־חנוודיקע מיידעלע מיט צוויי פלינקע, אָבער רואיקע הענטלעך, אַראָפּגעבראַכט אַביסל מילך פון איר היים אויפן דריטן שטאָק. דאָס קעצל האָט אַלעמען פייערדיק אָנגעקוקט, דערנאָך האָט זיך עס גענומען לאַש־

טשען צו פלאָרענסן און טאָקע פון אירע הענטלעך געלעקט די מילך. די קינדער האָבן אויסגעבעט אַ קעסטעלע, וואָרעם און ווייך, און האָבן דאָס קעצל אַריינגעלייגט. נאָר ס'איז אַרויסגעשפּרונגען און האָט זיך באַהאַלטן. האָבן זיך די קינדער אויסגעדרייט און האָבן זיך געמאַכט ווי זיי זוכן עס מער ניט. דאָס קעצל איז ווייזט אויס געשמאַק געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, וואָרעם ווען פלאָרענס האָט אינדערפרי, פאַרן גיין אין סקול, אַריינגעקוקט, איז עס געלעגן איינגעגאַנצן צענויפגעקנוילט.

און אַזוי איז שוין פאַרבליבן. אין פענצטער איז סייווי געווען אויס־געשלאָגן אַ שויב (די פאַרוואַלטונג האָט שוין נישט איינמאָל באַשלאָסן דאָס צו פאַרריכטן), האָט דאָס קעצל געקאָנט אַריין און אַרויסגיין, ווען ס'האָט זיך אים געוואָלט, און וואָרעם איז אין שול אויך געווען, וואָרעם די רערן פון דער צענטראַל באַהייצונג זיינען דאָ געווען דורכגעצויגן ביי דער וואַנט. די קינדער האָבן דעם קעצל געבראַכט פון כל־טוב און דאָס איז געשפּרונגען פון דער הויט פאַר וואוילטאָג. ס'האָט זיך געכאָוועט אויף מילך און פוטער און דער עיקר, אויף גרויס ליבשאַפט מצד די קינדער. דאָס קעצל האָט געמאַכט קונצן; האָט זיך געיאָגט נאָכן עק, געכאַפּט דעם באַל, זיך געשפּילט מיט אַלץ, וואָס ס'האָט זיך געלאָזט, און דאָס געלעכטער פון די קינדער האָט געהויבן דאָס טענעמענט־הויז. ביז דאָ ניט לאַנג צוריק, ווען ס'האָט אָנגעהויבן ווערן אַזוי מעלאַנכאָליש...

— — — — — — — — — — — — — —

די טיר האָט זיך שטיל געעפנט און ס'איז אַריינגעקומען, אויף די שפּיץ פינגער, די יונגע לערערין. אַ דינע, אַ הויכע, מיט אַ ראָזעווע אָנגע־הויכטן פּנים. אירע לופטיקע, בלאָנדע האָר צענויפגענומען מיט אַ דורכ־זיכטיק בלוי טיכל, פאַרבונדן אונטער דער גאָמבע מיט אַ שלייף. זי האָט געטראָגן אַ שטויס ביכער אונטערן אָרעם און איז געבליבן שטיין אין מיטן צימער, ווי אין אַ פאַרלעגנהייט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיצין. די אויגן פון מענטש און חיה האָבן זיך באַגעגנט. די לערערין האָט אַוועקגעלייגט דעם שטויס ביכער אויף אַ לאַנגער באַנק, און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו מיצין אויפן דיל: „וואָס איז, מיצי?" האָט זי גענומען דאָס קעצל אויפן שויס. מיצי האָט זיך צעכראַפּעט מיט אַזאַ געוויין, מיט אַזאַ געכליפּ, אַז די פאַרלייענערין האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן לייענען. די פרויען האָבן זיך איבערגעקוקט: „דאָס איז די לערערין"? אַ גרויסע אַנטוישונג האָט זיך אויסגעלייגט אויף זייערע מיטליאָריקע פּנימער: „מ'שטיינס געזאָגט, הײַנטיקע לערערינס, שפּילן זיך מיט דער קאַץ..."

ביי זיי, ביי די קלוגע באַלעבאָסטעס, איז דאָס געווען פּשוט אַ קאַץ. ביי דער יונגער לערערין אָבער, מיט די קינדער, איז דאָס געווען „מיצי". און מיצי פילט זיך עפּעס היינט ניט מיט אַלעמען. מיצי בעט, מיצי וויינט, מיצי וויל עפּעס . . .

„גיי, רובי," האָט זי אַ זאָג געטאָן שטילערהייט צום ייִנגעלע, וועל־כעס האָט זיך דער ערשטער באַוויזן אויף דער שוועל: „ברענג מיצין אַביסל מילך, מיצי איז קראַנק." רובי האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס שטרויענע גזשיווקעלע איבערן לויטערן פּנימל און האָט ערנסט באַטראַכט מיצין. און, מעשה פאַרזאָרגער, איז ער אַוועק ברענגען מילך. די לערערין האָט דערווייל צוגעטראָגן מיצין אַביסל וואַסער. מיצי האָט פון יוצא וועגן אַ לעק געטאָן און איז פאַרקראָכן מיט איר צינגל אויף דער לערערינס האַנט און האָט גענומען לעקן הייס און שטאַרק. זי האָט שטיל געכאָרכלט און זיך געבעטן: האָב מיך ליב, האָב אויף מיר רחמנות און האָב מיך ליב!...

די פרויען האָבן צענויפגענומען זייער שטריקעריי; טייל האָבן געהאַט געניי, און האָבן, צו צוויי־דריי אין אַ גרופּקע, זיך אַרויסגערוקט פון קעלער־שטוב. די לערערין איז אַריין מיט די קינדער אין צווייטן צימער, אין קלאַס. די זון איז אַוועק פונעם פענצטער און האָט מיטגענומען די וואַרעמע קעסטעלעך פון דיל. מיצי איז געבליבן ליגן איינע אַליין—איז איר געוואָרן אומעטיק. זי האָט זיך שווער אויפגעהויבן און איז מיט געציילטע טריט אַריין אין קלאַס־צימער. די קינדער זיינען געזעסן מיט אָנגעבויגענע קעפּלעך, ווי הייפּעלעך קרויט אויפן פעלד, און האָבן גע־שריבן מיט קליינע, אומזיכערע הענטלעך. די לערערין האָט געהאַלטן אַלעמען אין צוים מיט איר בליק: ווי שיין אירע קינדער זיינען; ווי שיין און ווי גוט! . . . מיצי האָט באַוויזן מיט איר גאַנצער שווערקייט אַרויפ־צושפּרינגען צו דער לערערין אויף איר שויס. האָבן זיך די קינדער צע־לאַכט און האָבן אָנגעהויבן רופן מיצין, יעדער איינער צו זיך. נאָר מיצי איז היינט ניט אויפגעלייגט. אַלץ וואָס זי האָט געוואָלט איז—זיך אַוועק־לייגן אין אַ וואַרעמען שויס. די לערערין האָט אָנגענומען מיצין מיט אירע שמאָלע הענטלעך, האָט איר אַ שמיר געטאָן איין אויערל אַהין, דאָס צווייטע—אַהער, און האָט זי אַוועקגעלייגט ביי זיך אונטערן שרייבטיש.

ס'איז געוואָרן אַ טומל. קינדער זיינען אַוועק; אַנדערע זיינען געקומען; קלאַסן האָבן זיך געביטן. מיצי איז געלעגן אַ פאַרחלשטע אונטערן טיש. ערשט, העט אין אָוונט, ווען דער פערטער קלאַס, לויטער ייִנגלעך, האָס־טיקע און פאַרשייטע, האָבן זיך אָפּגעריסן פון די בענקלעך און זיך אַרויס־

געוויקלט, ווי אַ ווירבל־ווינט אין דרויסן אַרויס, איז די לערערין געבליבן זיצן אַ פאַרמאַטערטע אויפן בענקל. איר קיילעכדיק פּנים איז געווען עטוואָס אויסגעלענגלט. איר בלויער בליק—טיף און רואיק. זי וואָלט גערן אַזוי געזעסן אַ ווײַלע און זיך איבערגעגעבן דער הנאה פון אַ טאָג אָפּגעטוענער אַרבעט. נאָר דער דריטער קלאַס האָט זיך עפּעס אויסגעלייגט שווערלעך אויף איר געמיט: מאַרלין קאָן ניט קיין געשיכטע; לעני לייענט אפילו ווי אַ וואַסער, נאָר ער ווייסט ניט וואָס ער לייענט; יעדעס וואָרט מוז מען אים אויסטײַטשן. און מישקע—מישקע איז איבערגעוואַקסן זײַן קלאַס און פילט זיך זייער געקרענקט דערפון. דעם ייִנגל, זעט אויס, איז בכלל ניט גוט. ער איז היבשלעך צעווילדעוועט און שטענדיק צערייצט. דערבײַ איז ער אַזאַ גוטינקער, אַז דער לערערינס האַרץ גייט אויס נאָך אים. זי קוקט אויף זײַן שיינעם קאָפּ פול מיט זון־שטראַלן און באַגעגנט שטענדיק אַ שאַטנדיק בליק. זי קאָן זיך מיט אים קיין עצה ניט געבן. מען דאַרף וויסן, אַז אַ ייִנגל פון דרײַצן יאָר גלעט מען ניט איבערן קעפּל, ער איז דיר ניט קיין קעצל. אין אַ שליחות שיקט זי אים יאָ אַמאָל. ווי, למשל, גיין צום הויז־קאָמיטעט און בעטן מען זאָל קויפן קליי אין שול אַרײַן.—נישט פאַרן דריטן קלאַס—האָט מישקע זיך ערנסט פאַרענטפערט — פאַר די קלענערע קינדער, זיי זאָלן זיך שפּילן און זאָלן ניט טומלען, כדי מען זאָל זיי ניט דאַרפן אַרויסשיקן פון שול אין אַ רעגן אָדער שניי. אַמאָל בעט אים די לערערין אַ טובה—ער זאָל אַדורכפירן דאָס לייענען מיטן צווייטן קלאַס, מחמת זי מוז אַדורכקוקן דאָס שרײַבן. זאָל ער זען אַז זי שאַצט אָפּ זײַנע דרײַצן יאָר. דאַקעגן מוז מען זיך היטן, אַז די אַנדערע קינדער זאָלן דאָס ניט באַמערקן; וואָרעם, טאָמער יאָ, האָבן זיי פאַר אים אַ פאַרטיקן נאָמען: „טיטשערס פעט" (דער לערערינס תכשיט). און נישט נאָר איין נאָמען, נאָר אַ גאַנצע רייע נעמען: „סיסי", „גודי", „סטינקי", און נאָך אַזעלכע עפּיטאָפן.—ס'אַראַ חברה דאָס איז—האָט זי צו זיך אַליין אַ שמייכל געטאָן. פּלוצלינג האָט זי דערפילט אַ גראַבל אין פוס. זי האָט גלייך געוואוסט אַז דאָס איז מיצי, נאָר זי האָט זיך ניט ווייסנדיק געמאַכט.

מיצי האָט געדולדיק געוואַרט אונטערן טיש. זי האָט געוואוסט, אַז די לערערין האָט שוין פאַרענדיקט און געהאָפט אַז זי זאָל זיך אומקוקן אויף איר. נאָר אַז יענע האָט זיך גענומען צעגויפּלייגן די ביכער, האָט מיצי מער ניט אויסגעהאַלטן און האָט איר געגעבן אַ גוטן גראַבל. די לערערין האָט אַרונטערגעקוקט אונטערן טיש. צוויי כוואַליעס געלע

לאַווע האָבן איר באַגעגנט. זי האָט זיך אָנגעבויגן און האָט שוין איצט געוואָלט נעמען מיצין אויפן שויס. נאָר מיצי האָט זיך ניט געלאָזט אָנרירן. איז די לערערין צוגעגאַנגען אין ווינקל פון צימער. דאָרטן איז געשטאַנען אַ קעסטל, אין וועלכן ס'איז געשלאָפן אַ ליאַלקע מיט פאַרמאַכטע אויגן. „זיי אַזוי גוט, ליאַלקע, מיצי דאַרף האָבן ס'געלעגער!" זי האָט צערטלעך אָנגענומען די ליאַלקע ביים גומענעם הענטל און האָט זי אַרויסגעלייגט אויף אַ בענקל. זי האָט אויסגעבעט דאָס קעסטל, האָט פאָרזיכטיק מיט ביידע הענט אויפגעהויבן מיצין אַזוי־ווי זי איז געלעגן צענויפגעקנוילטערהייט און האָט זי אַריינגעלייגט אין קעסטל.

מיצי איז געווען פאַרביי. טרערן זיינען גערונען פון אירע פאַרמאַכטע אויגן. זי האָט ביטער געקרעכצט. די לערערין האָט זי געגלעט אויפן רוקן, אויפן קאָפּ. מיצין איז גאָרניט איינגעגאַנגען. אַנגסטן האָבן זי באַשלאָגן, און דאָס גרויע פעלכל אויף איר איז נאָס געוואָרן פון שוויס. זי האָט פלוצלינג אַ כאַפּ געטאָן די האַנט וואָס האָט זי געגלעט און האָט זיך איינגעביסן אין אירע פינגער. זי האָט אָבער גלייך חרטה באַקומען און האָט אַראָפּגעלאָזט פאַרשעמט דעם קאָפּ. די לערערין האָט צוריקגעכאַפּט איר האַנט און האָט זי גענומען טרייסטן:—שאַ, מיצי, שיינע מיצי, באַלד וועסטו האָבן קינדערלעך, שיינע קעצעלעך וועסטו האָבן...

ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ס'הערט זיך עפּעס אַ פּישטשען. מיצי איז שטיל געבליבן און האָט זיך אויך איינגעהערט. דאָס פייער אין אירע אויגן־שפּאַלטן האָט זיך גענומען לעשן. זי האָט פאַרוואָרפן דאָס קעפּל און האָט איינגעדרימלט מיט אַ שטילן וויטאָג אַרום אירע ווייסע וואָנצעלעך.

די לערערין האָט צוגעטראָגן דאָס ביסל מילך וואָס איז פאַרבליבן נעבן קעסטל, אַביסל וואַסער אין אַ טעצעלע, האָט אויפגעהאנגען אַ פאָרהאַנג איבערן ווינקל און איז אַוועק אַהיים.

ס'איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. אַ פראָסט האָט איינגעגלעזט די נאַסע ביימער, און די צווייגן זיינען אַראָפּגעהאנגען מיט ווייסע דורכזיכטיקע גלעקלעך. דער קראָטאָנאַ פּאַרק איז געווען אָנגעשאָטן מיט בריליאַנטן. דער שניי האָט פריילעך געסקריפּעט אונטער די טריט. נאָר אַ ווינט האָט געבלאָזן מיט קעלט און געוויטער. אונטערן שוואַרצן מאַנטעלע פון אַן אַמעריקאַנער יידישער לערערין האָט געוואַרעמט אַ רויט, צאַפּלדיק האַרץ מיט ליבשאַפט צו אַלץ און צו אַלעמען. זי איז געוואוינט געווען צו רעדן צו יעדערן ווי צו אַ קינד:—וואָס בייזערסטו זיך אַזוי, דו נאַרישער ווינט? מאָרגן וועט אויפגיין די זון, וועסטו זיך שעמען!

דעם אַנדערן גאַנץ־פּרי איז זי געלאָפן אין שול אַריין זען וואָס ס׳הערט זיך מיט מיצין. אין דרויסן, פאַרן טענעמענט־הויז, איז צופעליק געשטאַנען די פאַרוואַלטערין פון דער שול. זי האָט זיך געחידושט:

— אַזוי פרי, וואָס עפּעס פלוצלינג?

די קלוגע לערערין האָט זיך דערפילט ווי מען וואָלט זי געכאַפּט ביי דער האַנט. דאָס אַנגעהויכטע פּנים אירס איז רויט געוואָרן פון אונ־טער דער קיילעכדיקער גאָמבע, ביז העט אַרויף צו די וואָרצלען פון אירע האָר. זי האָט געשטאַמלט אין פאַרלעגנהייט:

— עפּעס פאַרגעסן, מען דאַרף צוגרייטן, פאַר עקזאַמען . . .

די פאַרוואַלטערין האָט איר פאַרדעכטיק נאָכגעקוקט, בעת זי האָט זיך אַראָפּגעגליטשט די פּאָר טרעפּלעך אין שול אַריין.

— פּסש—האָט די פאַרוואַלטערין געצויגן מיט די אַקסלען—דאָס מין לערערין, און מען טאָר נאָך דעם גאָרניט זאָגן אויך, דאָס איז דיר האַנאַראַווע ביז גאָר...

די לערערין האָט אויפגעשלאָסן די טיר. ביידע צימערן לענגאויס זיינען געווען איינגעהילט אין שאָטן. בלויז אַ שמאָלער שטראַל ווי אַ שנירל האָט זיך אַריינגעשניטן דורך דער אויבערשטער שויב און האָט זיך אויסגעלייגט אין דער שיף.

מיצי איז געשטאַנען אין דער טיר פונעם קלאַס־צימער. זי האָט געהערט אויפשליסן, איז זי אַרויסגעשפּרונגען פון קעסטל. זי האָט באַגעגנט די לערערין מיט אַ צופרידענעם „מניאַו" און האָט זיך געלאָזט צום קעסטל. די לערערין—נאָך איר. אינעווייניק, אין קעסטל, איז געלעגן אַ ליכטיק־גרוי קניילעכל מיט טונקל־גרויע שטרייפעלעך. מיצי האָט אַ גלאַנץ געטאָן אַרויף מיט די אויגן, ווי איינער וואָלט געפרעגט: ווי געפעלט עס דיר? זי איז אַריין אין קעסטל און האָט זיך אויסגעצויגן. דאָס קליינע באַשעפענישל האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט גענומען טאַפּן מיטן קעפּל אין דער וועלט אַריין, ביז ס׳האָט זיך דערשלאָגן צו מיציס בויך און האָט זיך שטאַרק צוגעכאַפּט. מיצי האָט ליבלעך אַ מניאַוקע געטאָן. אירע אויגן—פייכט־גאָלד—האָבן אַרויפגעקוקט צו דעם מענטשלעכן פריינט. די לערערין האָט איר, מיט גרויס ליבשאַפט, אַ שמיר געטאָן איבערן ווייסן מאָרדעלע און האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויפן קליינעם. דאָס האָט שוין מיצי ניט געקאָנט פאַרליידן. זי האָט אָנגעכאַפּט מיט אירע לאַפּקעס די האַנט: „מניע, טשעפּע ניט! דו זעסט דאָך ס׳איז נאָך אַ פּיצל..."

די לערערין האָט געהאַט אַ נטיה יעדע סיטואַציע אויסצונוצן, כדי די קינדער עפּעס בייצוברענגען: אַ יידיש וואָרט, אַ גוטע מידה, אָדער סתם אַביסל „פאַן״—שפּאַס הייסט דאָס. זי האָט קודם דערציילט די קינדער אַז, אין אַ יידישער שטוב, ווען אַ קינד ווערט געבוירן, זאָגט מען: מזל־טוב! ענטפערט יענער: מיט מזל זאָלט איר לעבן. זאָגט מען ווידער: איר זאָלט האָבן אַ סך נחת. ענטפערט יענער: גם אַתם. דאָס איז גראד די קינדער זייער וואויל געפעלן און ס'איז אַוועק אַ „גם אַתם״ אויף יעדן דריטן וואָרט. גם אַתם אַהין און גם אַתם אַהער, גם אַתם אַריינקומענדיק און גם אַתם אַרויסגייענדיק. דערנאָך האָט די לערערין געגעבן די קינדער צו פרשטיין, אַז ווען אַ חיהלע איז אָפּהענגיק פון אַ מענטשן, מוז מען זיין גוט דערצו. מען דאַרף עס אָפּהיטן, געבן עסן און טרינקען אין צייט און, דער עיקר, מען טאָר עס ניט פּאַרמאַטערן, ווייל ס'איז אַ צער־בעלי־חיים. מען דאַרף זיך לערנען ביי דער קאַץ וויפיל מען מעג זיך שפּילן מיטן קעצעלע.

די קלוגע לערערין האָט געהאַט נאָך אַ חסרון: זי האָט זיך אַליין אויך ליב געהאַט אַ קאַפּיטשקע אונטערצושפּילן. אָפּט פלעגט פּאַסירן, אַז זי האָט זיך אַזוי פאַרשפּילט מיט די קינדער, ביז די מאַמעס האָבן אָנגעהויבן רופן פון די שטאָקן אַראָפּ און געבעטן יעדן צופעליקן פאַרבייגייער אין הויף, מען זאָל אַריינגיין אין שול און אַהיים־שיקן די קינדער. אַ סך מאַמעס זיינען גרייליך געוועזן שטאַרק אומצופרידן מיט דעם גאַנצן עסק און האָבן זיך אפילו גאַנץ אָפּט באַקלאָגט פאַר דער פאַרוואַלטונג. איינע, אַן אָנגעזעענע שולטוערין, האָט זיך אפילו אויסגעדריקט, אַז „מיר דאַרפן ניט אַזויפיל תורה״. די פאַרוואַלטונג האָט אַראָפּגעשלונגען דעם שטאָך און געמאַכט אַ שווייג. נאָר באַשלאָסן האָט זי, די פאַרוואַלטונג הייסט עס, אַראָפּצוגיין אין שול אַריין און זיך דורכריידן מיט דער לערערין. נאָר אין שול איז עפּעס קיינמאָל נישטאָ קיין צווישן־צייט. ווען מען קומט אַריין איז—אָדער מען צינדט חנוכה־ליכטלעך, אָדער מען הענגט גריינס אויף שבועות; ס'איז אָדער שמחת-תורה, אָדער היימאַרקעט טראַגעדיע. די אַרבעט קייטלט זיך איינס אין אַנדערן, ווי רינגען אין אַ קייט. אַמבעסטן מען וויל נעמען עפּעס זאָגן: היתכן, סטייטש? בלייבט מען שטיין מיט דער צונג אין דרויסן ווי פאַר אַ גרויס וואונדער. תמיד קוועלט דאָרטן אין שול, תמיד גרייט מען עפּעס. ביי דער לערערין מיט די קינדער לאָזט זיך גאָר קיינמאָל ניט אויס קיין ענערגיע.

— — — — — — — — — — — — — —

אין עטלעכע וואָכן אַרום איז די שול געגאַנגען כאַדאָראָם: דאָס קליינע באַשעפעניש האָט געעפנט צוויי גרינע אויגן, איז אַרויסגעקראָכן פונעם קעסטל און האָט גענומען אַרומשפּאַנען אויף גאָטס וועלט. מיצי האָט געקוקט דערויף פון דער זייט; כלומרשט גייט עס איר ניט אָן. נאָר אין קעצישן האַרץ האָט געקוואָלן די פרייד. זי איז געלעגן אויפן דיל און האָט זיך געמאַכט ווי זי דרימלט. אין דער אמתן האָט זי געהיטן דאָס קליינע ווי אַן אויג אין קאָפּ. און וואָלט נאָר עמיצער געפרואווט עס אָנרירן, איז זי שטענדיק גרייט געווען יענעם אויסצודראַפּען די אויגן.

אין אַ שיינעם טאָג האָט עס די לערערין גענומען אויף איר שויס און האָט געלאָזט די קינדער זיי זאָלן עס מקבל פנים זיין. זי האָט אויסגעשטעלט דעם ערשטן קלאַס אין אַ ריי און געלאָזט יעדעס קינד זאָל עס אַ גלעט טאָן. די קינדער האָבן זיך אַזש געצאַפּלט פון ליבשאַפט צו דעם באַשעפענישל און זיינען געבליבן קלעפּן אַרום דער לערערין, ווי בינען אַרום בינשטאָק. מיצי איז געשטאַנען מיט די פאָדערשטע לאַפּקעס ביי דער לערערין אויף די קני און האָט עס געהיטן. ס'האַרץ איז איר איינגעפאַלן ווען זי האָט דערזען אַ קינדעריש הענטל אויף דעם קליינעם באַשעפענישל אירן. אַז איר קעצעלע איז שיין ווי די גאַנצע וועלט, דאָס ווייסט מיצי אַליין גאַנץ גוט, נאָר זי האָט פיינט אַז מענטשן זאָלן עס באַוואונדערן.

מען האָט דאָס קעצל אַוועקגעשטעלט אויפן שרייבטיש און עס גענומען אָנמעסטן נעמען: זרח, יונה, בערל, יהודית, חיים. די לערערין האָט געהאַט אַ טבע צו מאַכן פון יעדער זאַך אַן עסק. איצט איז געגאַנגען אַ סדרה נעמען: חיים מיינט לעבן, לחיים-צו-לעבן, לחיים טובים ולשלום. שלום מיינט פרידן, שלום-עליכם, עליכם שלום, שלום-בית, שלום צווישן פעלקער, שלום ביי יידן. זי איז ממש געווען דערפינדעריש צונויפצוזוכן ווערטער און צוצופּאַסן אויסדרוקן. און אַז די אַלע געהויבענע נעמען האָבן זיך עפּעס צו דעם קליינעם באַשעפענישל, מיט די צעשראָקענע, גרינע אויגן נישט צוגעפּאַסט, האָט שוין שימקע, אַ יינגל, ווי אַן עלעקטרישער דראָט שטייף און הויך און בריענדיק, נאָר מיט אַ ווייך קינדעריש פנימל, אַ זאָג געטאָן: „ס'קלעפּט זיך ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט.‟ האָבן שוין די אַנדערע קינדער אונטערגעכאַפּט: „ס'טויג אויף כפּרות, ס'נישט געשטויגן און נישט געפלויגן; ס'הויבט זיך נישט אָן און ס'לאָזט זיך נישט אויס; ס'שטראַם גראַם מאַך מיר אַ לעטניק‟

אַזוי איז אַוועק אַ גע'עג אויף סינאָנימען און ווערטלעך, אַזש די לערערין האָט אַליין געמוזט אָפּשטעלן: „קינדער‟!

סוף־כּל־סוף האָט מען דעם קעצל אַ נאָמען געגעבן „שולי“, ווייל ס׳גרעניצט זיך מיט שלום און ווייל ס׳איז געבוירן געוואָרן אין שול. דעם נאָמען האָט צוגעטראַכט רימאַ, אַ מיידעלע מיט אַ דין געשטעלכל, אַ געטאָקט פּנימל, צוויי פּליענדיקע צעפּעלעך און אַ גענגעלע אַזאַ, וואָס קלינגט אָפּ אויף די טרעפּ מיטן זעלבן ריטם, ווי איר שפּילן די פּיאַנאָ. מען האָט אויסגעטיילט נאַשוואַרג און זיך געוואונטשן מזל־טוב. דערנאָך האָט מען שולין, אַ געקרוינטן און אַ געיידישטן, אָפּגעגעבן זיין מאַמען. מיצי האָט אים אַ כאַפּ געטאָן ביים קאַריקל און האָט אים געטראָגן אין ווינקל אַריין צום קעסטל. זי האָט זיך עטלעכע מאָל געמוזט אָפּשטעלן אין מיטן וועג. וואָרעם שולי איז געווען אַן אָנגעטאָפּטשעט קאָטערל מיט אַ ווייס, פּעט בייכל, און מיצי, וואָס איז נאָך קיין גאַנץ יאָר ניט אַלט געווען, האָט אים קוים אַריינגעטאַסקעט אין קעסטל אַריין. זי האָט זיך אַליין אויך געמוזט אַ קאַפּיטשקע צולייגן, מחמת זי איז געווען זייער פאַרמאַטערט פון דער צערעמאָניע.

דאָס ריזיקע טענעמענט-הויז איז געשטאַנען אויפגעבויט מיט דריי הויכע, גלייכע ווענט, ווי אַ חת, אויף אַ פעלדז—אַ גיבראַלטאַר. אין מיטן הויף—אַ גרינער פּאַרק צעשניטן און צעפּערטלט דורך געפּלאַסטערטע סטעטשקעס. אַ צוג־ווינט האָט געיאָגט פון אַלע אַריינגענג; האָט זיך געדרייט אין אַ ווירבל און געריסן די יונגע ביימלעך ביי די קעפּלעך. אין די דירות איז כסדר אָנגעגאַנגען אַ פיבערדיקע אַרבעט: פון איין דירה האָט זיך געהערט אַ ניי־מאַשין; אין אַ צווייטער האָט מען עפּעס איינגע־האַקט אין אַ הילצערנער שיסל; פון אַ פינפטער האָט געזשומעט אַ „וואַקום קלינער“. צוויי שרייב־מאַשינקעס פון קעגנאיבערדיקע דירות האָבן זיך געלאָזט אין אַ געוועט. פון אַ צענטער—האָט געוויינט אַ קליין קינד. אויף אַלע דריי דעכער האָט מען געהאָנגען וועש. דאָ און דאָרט האָט אַ גרויער קאָפּ זיך אַריינגעשטעלט אין דער ראַם פון אַ פענצטער, זיך דאָרטן פאַרטראַכט און איז פאַרבליבן אַזוי אַ ווייל, ווי אַ בילד אויף דער וואַנט. פון צייט צו צייט האָט מען זיך דורכגעשמועסט דורך די פענצטער:

— מרס. נייגאַרטן, איר לייגט אַריין פעפער אין די פיש? אייער מאַן האָט דאָך אויך „אַלסערס“ (מאָגן געשוויר).

פון אַן אונטערשט פענצטער האָט מען אַרויפגערעדט צו אַן אויבער־שטן שטאָק: — ווען, דענקט איר, קאָנען מיר האָבן דעם מיטינג? היינט

איז פאַרנומען, מאָרגן גיי איך אַרבעטן און פּרייטיק־צו־נאַכט איז ניט גוט צו האָבן קיין וואָכעדיקע פאַרזאַמלונג.

אין לינקן פליגל, פאַרשטעלט פון דער זון, שעפּטשעט אַ פרוי און דער ווינט צעטראָגט איר סוד איבער הויף:

— איר האָט געהערט? אונדזער שכן—און גיט אַ וואונק צום רעכטן פליגל—האָט אויסגעמאָלן אַ אַ בילד, זאָגט מען ס'איז אַזוינס און אַזעלכעס. אַ, גאַטעניו, ס'זאָל נאָר זיין אַביסעלע שלום דאָ, אין דעם הויז..."

בייטאָג, איבערן הויף, גייט מען ניט, נאָר מען אײַלט. אַ טענעמענט־הויז פון עטלעכע הונדערט, שאַפנדיקע און אַרבעטנדיקע מענטשן.

געווען איז דאָס מיט־דעצעמבער, אין די סאַמע קלענסטע טעג פונעם יאָר, אַכט אָוונט. די מאַמעס זיינען שוין געווען היבשלעך אָנגעדרודלט און מיט רעכט:—וואו איז דאָס געהערט געוואָרן מען זאָל עס האַלטן קינדער שעהן־לאַנג אין דער נאַכט אַריין?... נאָר די קינדער האָבן מיט־אַמאָל געגעבן אַ קוועל אַרויס פון קעלער—פון דער שול און האָבן זיך מיט גרויס טומל צעשאָטן איבערן הויף. די שמחה האָבן זיי שוין פאַר־ענדיקט אויפן וועג, גייענדיק אַהיים. זיי האָבן זיך איבערגעשריען פון אײַן הויזפליגל צום צווייטן:

„העי, סקרואי (צעדרייטער), מזל־טוב!—מזל־טוב „יורסעלף"—האָט אָפּגעקלונגען מיט אַן עכאָ. אַ קליין פּעטינק ווייבעלע—אַ מיידעלע פון ניין יאָר, האָט זיך נאָכגעקרימט:

„מיט מזל זאָלט איר לעבן; גיך און באַלד ביי אייך." און דאָס געלעכטער האָט זיך צעשאָטן איבער אַלע טרעפּ.

— וואָס פאַר אַ מזל־טוב איז עס אייך אין מיטן דערינען—האָט מרס. שוואַרץ געפרעגט איר צעשפּילטע טאָכטער שיבא (שבא)—שוין עפּעס אַ נייער „טריק" (שפּיצל) פון דער לערערין?

צום גליק האָט דאָס די לערערין ניט געהערט. זי איז אַהיימגעגאַנגען אײַנגאַנצן אַן אויסגעשעפּטע, אָבער אַן איבערגליקלעכע. די קינדער האָבן זיך אַזוי גוט פאַרבראַכט.—קינדער דאַרף זיין גוט אין שול—האָט זי זיך פאַרענטפערט, גלייך עמיצער וואָלט איר עפּעס געפרעגט.

אין שלאָף האָבן געטאַנצט פאַר איר בלעטלעך געשריפטס מיט גרויסע,קרומע אותיות און האַלב־אויסגעמעקטע ווערטער. זי האָט געזען דאָס קעצל, וואָס איז געלעגן מיט אַלע פיר אַרויף און זיך נאָר געזוכט מיט עפּעס צו פאַרטשעפּען. פאַר אירע שלאָפנדיקע אויגן האָט געשיינט מישאַס שטראַליקער קאָפּ. ער איז געזעסן זייער ערנסט, מיט די לאַנגע

פּיס אויסגעשטרעקט פון זיך. די אויגן זיינע אָנגעהאנגען אָן אָן אומבאַ־שטימטער ווייטקייט, ווי ער וואָלט געוואָלט דערגיין עפּעס אַ טאָלק... זי האָט אים אָפּט געכאַפּט אַזוי זיצן און טראַכטן און האָט אַ רוף געטאָן: „מישאַ"! זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, געוועקט פון איר אייגענעם קול. אין פענצטער איז געשטאַנען אַ פולע די אויפגייענדיקע זון. — — — — — —

# אַ טראַגישער עפּיזאָד

**אַ געדיכטער** נעפּל האָט איינגעהילט די ריזיקע שטאָט לאָנדאָן. יעדעס שטיקל ערד אונטער די פיס ביי אַ מענטשן האָט אויסגעזען ווי אַן אינדזל. אַ פּאָר שפּאַן ווייטער—ים, אַ ים פון אומדורכדרינגלעכער גרויקייט.

די טראַמווייען און אויטאָבוסן מיט געלע, שטעכיקע לאָמפּן זיינען אָנגעקומען ערגעץ פון גרויען חלל. קלינגענדיק זיך אַדורכגעשאַרט האָרט ביי דער ערד און פאַרשוואונדן, גלייך די גרויקייט וואָלט זיי איינציקוויז איינגעשלונגען. די גאַסן זיינען געלעגן איינגעדעקט אונטער שוואַרץ־גרויע פּלאַכטעס.

מילדרעד איז אַרויס פונעם קליינעם ביוראָ־צימערל. זי האָט זיך געשאַרט מיט די טרעפּ אַראָפּ צום הויף, דורך אַ שמאָלן דורכגאַנג—אין אַ זייטיקער גאַס אַריין. זי איז געבליבן שטיין מיט אויפגעריסענע אויגן, געקוקט אין דער געדיכטער פינצטערניש און געטראַכט,וויאַזוי מען דערשלאָגט זיך אַהיים.

אָנהאַלטנדיק זיך ביי די ווענט, איז זי געגאַנגען דורך קרומלעכע געסלעך ביז זי איז אָנגעקומען צום ניו־אָקספּאָרד סקווער. די געשעפטן זיינען שוין געווען געשלאָסן צוליבן נעפּל. נאָר די אויסלאַגעס האָבן מיט זייערע שטאַרקע לאָמפּן דורכגעשטאָכן די פינצטערניש און, מער ווי גע־ווינטלעך, צוגעצויגן יעדן איינעם פאַרבייגייער. די שויפענצטער האָבן געבלענדט מיט ליכט, געפלייצט מיט לוקסוס און פּראַכט.

מילדרעד האָט זיך דאָסמאָל ניט אָפּגעשטעלט, ווי איר געוואוינהייט איז געווען ביי די אויסלאַגעס. אַ גרויסע בענקשאַפט האָט זי געטריבן אַהיים.

... פּונקט היינט צען יאָר האָבן זיי זיך באַקענט; פּונקט היינט זיבן יאָר, אַז זיי האָבן חתונה געהאַט. אַ גרויסע פרייד און נאָך אַ גרעסערער

טרויער האָבן אָנגעפילט איר האַרץ. פּונקט, היינט צען יאָר... ווער האָט עס געקענט איינפאַלן?

זי האָט אים, אַ פּראָווינציאַל, דעמאָלט פֿאָרגעשטעלט פאַר זייער „אַנגלאָ־דזשואיש קלוב." מען האָט אים אויפגענומען לויט אַלע כללים פון איינגעשטעלטער עטיקעט. פונדעסטוועגן האָט ער זיך געפילט זייער געשמייכלט פון אירע אויסגעדראָשענע פאַר ווערטער, וואָס מען זאָגט יעדן איינעם, וועלכער שליסט זיך אָן אָן זייער קלוב.

מיט דריי יאָר שפּעטער האָבן זיי, נאָך שווערע איבערלעבענישן, חתונה געהאַט. איינפאַך און שטיל: ער האָט זי אין יענעם טאָג אָפּגעוואַרט ביי דער שול, וואו זי האָט געלערנט, אויף איסט דאַנדעס סטריט. און אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט איר אַנטקעגן צו טראָגן איז געווען זיין פול האַרץ.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער גלאָק האָט געקלונגען. פון אַלע פיר זייטן פון דער אַלטער שול־געביידע זיינען געלאָפן קינדער. ווי טויבן זיינען זיי אָנגעלאָפן אין ברוקירטן הויף אַריין: גרעסערע, קלענערע, טומלדיקע, לאַכנדיקע און אפילו וויינענדיקע.

ריטשאַרד פאַקס איז שטיין געבליבן אין מיטן פונעם אויסגעשטיינערטן ברייטן אַריינגאַנג. זיינע הענט, זיין גאַנץ געשטעל האָט נאָך געשמעקט מיט דאַרף. סיפּנים, די האַר—פלאַקס. אַ שמייכל האָט געליכטיקט פון זיינע ברייט-צעעפנטע אויגן. ער האָט מיט זיין בליק מיטגעמאַכט יעדן שפּיל פון די קינדער: דאָ איז ער געשפּרונגען איבער אַ שטריק, דאָרט האָט ער זיך געבאָרעט מיט נאָך אַ ייִנגל, און אָט האָט ער זיך גאָר פאַרמאָסטן אין אַ געיעג. ער האָט אַלץ אַ הויב געטאָן די הענט צו כאַפּן דעם באַל, וואָס איז אַרומגעפלויגן פון קינד צו קינד; און געהאָפט האָט ער, אַז דער באַל וועט אויך צו אים פאַרבלאָנדזשען...

פאַר אים זיינען שטיין געבליבן צוויי קליינע מיידעלעך: איינס, אַ העל־בלאָנדס, מיט אירלענדישע פאַרהימלטע אויגן; דאָס אַנדערע—אַ שוואַרץ, מיט זיבן אויסגעפלאָכטענע שטייפע צעפּעלעך און ווייס־בלויע פלעמלעך אין די טונקעלע אויגן. די צוויי מיידעלעך האָבן געוואוסט אויף וועמען ער וואַרט. זיי האָבן שוין נישט איינמאָל געזען זייער לערערין אָוועקגיין מיט אים. און... אויב דער דזשענטלמאַן וויל, קאָן זי, נאַראַ, גיין מיט איר חברטע, סיביל, רופן זייער לערערין. נאָר דער דזשענטלמאַן האָט ניט געוואָלט. האָט די מילך־ווייסע נאַראַ אָנגענומען איר חברטע, סיביל, ביים שוואַרצן הענטל און, וויגנדיק אַזוי ביידע הענטלעך צוזאַמען,

זיינען זיי אַרויס אויף דער לאָנדאָנער איסטסייד. דער זעלטן־זוניקער טאָג האָט אָפּגעהילכט מיט פרייד אויף אַלע גאַסן.

עס האָט געדויערט אַ היבשע וויַל. פּאָקס האָט שוין איבערגעטראַכט: אפשר האָט זי חרטה געקראָגן? און אַ טיפער עלנט האָט זיך פאַרגנבעט אין זיין דאָרפישן געמיט. דער גרויסער קאָפּ, וואָס איז ערשט אַזוי פעסט געזעסן אויפן נאַקן, האָט זיך אַ נויג געטאָן צו דער ברוסט. נאָר אָט איז זי אויסגעוואַקסן אויף די טרעפּ קעגנאיבער. זי איז געגאַנגען זייער פּאַמעלעך, טריט ביי טריט, און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט, אָט שטעלט זי זיך אָפּ. זי איז געגאַנגען אין אַ זומערדיק געבלימלט קליידל, ווייסע לייוונטענע שיך און האָט געטראָגן אַ ברייטן, שטרויענעם הוט אין דער האַנט. אירע קופּער־פּאַרביקע האָר האָבן געגלאַנצט אין דער זון — גאָלע גאָלד. איר קליין, רונדיק פּנים אויף אַ הויכן, ווייסן האַלדז, האָט זיך געדרויטלט, ווי אַ בלום אויף אַ שטענגל. נאָר אין אירע טונקל־בלויע אויגן איז געלעגן אַ מין אומאַנטשלאָסנקייט. פּאָקס האָט פאַרשטאַנען דעם בליק אין אירע אויגן און האָט זי גענומען פעסט אונטערן אָרעם.

קיין גרויסע צערעמאָניע האָט מען ניט געמאַכט. ביידע האָבן ניט געהאַט קיין נאָענטע משפחה דאָ, אין דער גרויסער שטאָט. תיכף, נאָכן אַרויסנעמען די חתונה־פּאַפּירן, איז מען אַוועק אויף פּיקאַדילי, אין איינעם פון די געהויבענע רעסטאָראַנען, עסן „דינער". ביידע זיינען געווען איז אַזאַ גרויסאַרטיקן פּלאַץ צום ערשטן מאָל. זיי האָבן עס באַטראַכט פאַר זייער שטאָטישן חוב צו זען פּיקאַדילי, וואָס גאַנץ ענגלאַנד שמט דערמיט. נאָר ס'דאַרף אין אים האָט רעוואָלטירט קעגן די ענגע, אין מיטן העלן טאָג ראָמאַנטיש טונקעלע „בוטהס". און זי, דאָס קינד פונעם קליינעם שטעטל, האָט ליב געהאַט די ברייטע בולוואַרן פון דער גרויסשטאָט. האָט מען איבערגעלאָזט דאָס שעמערירנדיקע פּיקאַדילי און מען האָט זיך אַוועק־געלאָזט אויף אַ שפּאַציר לענגאויס דער טעמזע. די זון האָט מיט בענק־שאַפט זיך געזעגנט מיטן טאָג. די נאַכט האָט פּאַמעלעכן, גאָר אומ־באַמערקבאַר, אַנגעהויבן אַראָפּצונידערן איבער דער גרויסער שטאָט. די לאָמפּן האָבן זיך אָנגעצונדן, ווי צו אַ הייליקן „ערב".

ער האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון זייער קליינער, נייער היים, וואָס איז באַשטאַנען פון איין צימער מיט אַ קיכעלע—פּיר איילן די גרויס. זי האָט זיך געקווענקלט. האָט ער, ווי אַן עלטערער ברודער, נאָכגעגעבן און זיי זיינען אַוועק אין די מואוויס. ס'האָט געשפּילט: „דער סטודענט־פּרינץ". זי איז געווען גערירט ביז טרערן פון דעם,

וואָס דער קייזערליכער סטודענט האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין יוגנט־געליבטע, דאָס מיידל פון היידלבערג. זי האָט זיך געטוליעט צו אים, געקוקט אים אין די אויגן אַריין און געפאָרשט—אין אַ שיינעם טאָג וועסטו מיך נאָך אויך פאַרלאָזן?... ער ווידער, האָט זיך געפילט איבער־גליקלעך. אַ הייסע, ליבע אומרו האָט אַנגעפילט זיין גאַנצן וועזן.

— — — — — — — — — — — — —

יאָ, דאָס איז געווען מיט זיבן יאָר צוריק. און היינט? היינט איז ער איר טויזנט מאָל טייערער, ווי אין יענעם טאָג פון זייער חתונה. נאָר ער פאַרשטייט דאָס ניט. וויאַזוי קען ער דען דאָס פאַרשטיין, אַז זינט ער איז געוואָרן אַזוי גרויסשטאָטיש, האָט ער זי מער ניט ליב. ער האָט געקראָגן אַ סך פריינט, איז געוואָרן אַנגעזען אין קלוב, מען הערט זיך צו צו זיינס אַ וואָרט. ער רעדט אַזוי שטיל, מיט אַ טיפער באַסאָווער שטימע און דאָך הערט מען זיך צו. מען טראַכט אפילו אים אַרויסצושטעלן אין די מוניציפּאַלע וואַלן.—איצט זעט ער מיך בלויז פון דער וויטנס—האָט מילדרעד געטראַכט.

ביים אַריינגאַנג פון הויז האָט זי זיך אויסגעגלייכט, אויסגעשטייפט דאָס פּנים, וואָס איז אין משך פון די זיבן יאָר שוין אַביסעלע איינגעפאַלן, און אָנגעטאָן דערויף אַ גלייכגילטיקן שמייכל. זי איז אַריין.

די שטוב איז געווען אויפגערוימט; דאָס בעט פאַרדעקט מיט דער נייער דעק; די טעפּיכער אויסגעשפּרייט; דער טיש געדעקט מיט אַ ווייס, אויסגענייט טישטוך. אין אַ גלאָז—זיבן רויזן מיט דריי ווייסע ליליס, אַ פּאַקעטל דערנעבן. ער איז געזעסן ביים טיש: דאָס רעקל אויסגעטאָן, אין אַ ציכטיקן ספּאָרט־העמד; זיין קאָפּ אַביסל אַראָפּגעלאָזט; אַ גרויסע זילבערנע טרער האָט געגלאַנצט אין ווינקל פון זיינע טיף־גרויע אויגן. מילדרעד האָט דאָס אַלץ מיט איין פּינטל פונעם אויג אַרומגענומען. אַ גרויס רחמנות האָט פאַרקלעמט איר האַרץ. זי וואָלט צוגעגאַנגען, אים אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אים אויסגעקושט, ווי גרויס ער איז. פונ־דעסטוועגן האָט זי דאָס ניט געטאָן: אַז ער האָט זי מער ניט ליב, איז וואָס וועט זי אים באַלעסטיקן?

היינט איז געווען אַן אַנטשיידנדיקער טאָג צווישן זיי.

אַז ער האָט געזען זי נעמט זיך צו דער אַנגעקומענער פּאָסט, איז ער אויך פאַרשטייפט געוואָרן. זיינע אויגן האָבן אָנגענומען אַ שטאָלענעם גלאַנץ. ער האָט איר דערלאַנגט אַ ניט־געעפנטן בריוו פון איר שוועסטער סעסיל. איבערלייענענדיק, האָט זי זיך זייער דערפרייט. איר שוועסטער

האָט געבוירן אַ זון. ער האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט, איז צוגעגאַנגען צו איר און זי, ניט דרייסט, אַרומגענומען:

— טייערע, צי האָסטו גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, וואָס פאַר אַ טאָג ס'איז היינט ?

זי האָט זיך לייכט אַ דריי געטאָן:

— ביסט זייער סענטימענטאַל, מיין ליבער, עס פּאַסט ניט פאַר דיר!

ער איז איבערראַשט געוואָרן פון איר קאַלטער אַנטשלאָסנקייט. אַ טיפער וויטאָג האָט זיך אַ דריי געטאָן ביי אים אונטערן האַרצן. ער האָט זיך צוריקגעזעצט און גענומען לייענען די צייטונג.

זי האָט גענומען צוגרייטן אָונט-ברויט, מיט אַ מינע, ווי איינער וואָלט געזאָגט: פליכט איז פליכט, און בשעת מעשה פאַרגנבעט אירע בליקן אויף זיין פּלייצע, אויפן האַלדז, אויפן קאָפּ. זי האָט ליב געהאַט דעם דאָזיקן געדיכט-באַוואַקסענעם, בלאָנדן קאָפּ, און אים געלאַשטשעט מיט אירע אויגן. נאָר טאָמער האָט ער זיך אומגעקוקט, האָט זי זיך גענומען ווישן די טרערן, וואָס דאָס שיילן פון קאַרטאָפל מיט ציבעלעס האָט איר פאַרשאַפט.

זיי זיינען געזעסן איינער קעגנאיבער דעם אַנדערן. געגעסן און גערעדט וועגן אַלע מינדערוויכטיקע זאַכן. ער האָט, פּונקט מיט אַזאַ מינדערוויכטיקייט אין טאָן, אַ זאָג געטאָן:

— איר פאַר מאָרגן קיין שפּאַניע . . .

איר פּנים האָט זיך אַ דריי געטאָן, ווי אַ באָל אין דער לופטן, און איז געבליבן שטיין צעמישט מיט פינטלענדיקע אויגן. ער האָט זי אָנגע־קוקט דערשוינט. אויף דעם האָט ער זיך ניט גערעכט. אַז סיווי איז זי אַזוי גלייכגילטיק צו אים... ער האָט זיך אויפגעהויבן, זי הייס און שטאַרק אַרומגענומען און געטוליעט איר רייצנדיקן קאָפּ צו זיין פעסטער ברוסט:—איך האָב דיך דאָך אַזוי ליב, אַזוי ליב, פאַרוואָס פיינט מיך אַזוי ?

זי האָט שטיל געכליפּעט, אַרומגענומען זיין שטאַרקן קערפּער מיט אירע קליינע הענט און געזאָגט:—איך פאָר אויך.

ער איז געוועזן אַזוי גליקלעך, אַזוי טיף גערירט און גליקלעך.

— וואָס וועסטו דאָרטן טאָן? ס'איז אַ בלוטיקע צייט, און דערלאַנגען דעם שונא אומזיסטיקע קרבנות אין מויל אַריין, איז אויך ניט כדאי.

— איך פאָר אויך.—האָט זי זיך געבעטן.

— מען דאַרף קאָנען שיסן.

— איך וועל זיך אויסלערנען.

— ניין, קרוין מיינע, איינער פון אונדז מוז בלייבן דאָ. ס'איז דאָ אויך פאַראַן וואָס צו טאָן . ..

זיי האָבן אַזוי פאַרבראַכט ביז אין גרויען טאָג. פאַרגעסן אָן אַלע מיספאַרשטענדענישן, וואָס האָבן געמאַטערט זייערע זיבן יאָר. איצט איז מען אויפגעגאַנגען, זיך אויפגעלייזט איינער אינעם אַנדערן, אין גרויסער, אומענדלעכער ליבשאַפט.

ביים ערשטן שיין פון טאָג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אַ ניכטערער, אַ מוטיקער, אַ געשטאַרקטער. זי האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך אַ שוואַרצן שלאַפראָק מיט גרויסע קווייטן, צענויפגענומען צוויי פולע הענט מיט רויטלעכע האָר און געמאַכט דערפון אַ קנויל. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן אויף גיך איינפּאַקן, שמירן ברויט מיט פּוטער און האָט אַרויסגעשלעפּט זיבן אָפּגעשפּאַרטע פונט פונעם וועש־קאַסטן.

— דו בלייבסט דאָך אָן אַ פּעני.— האָט ער פּראָטעסטירט.

— אָבער איך בלייב דאָך אין דער היים.— האָט זי אים באַרואיקט.

— אין דער היים! וואָס פאַר אַ היים? — האָט זיך זיין ליכטיקער פּנים פאַרוואָלקנט.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צום פענצטער, אַרויסגעקוקט. אין דרויסן איז אַ פייכטע, שטיינערנע גאַס נאָך געלעגן אין טיפן שלאָף.—אין דער היים — האָט ער איבערגעחזרט צו זיך אַליין. ער האָט באַטראַכט די ווענט, די שטוב־זאַכן:—דאָס שטיקל ווינקל זאָל כאָטש זיין געזיכערט...

כדי זיך ניט צו דאַרפן דינגען מיט איר, האָט ער אַרויסגעגנבעט פינף פון די זיבן פונט און זיי אַריינגעלייגט צו איר אין דער האַנט-טאַש. זי האָט זיך אויף שנעל געגומען אָנטאָן. ער איז צוגעלאָפן, האָט איר צוריק אַראָפּגעשלעפּט די שיכלעך פון די פיס, זי אויפגעהויבן מיט אַ לייכטקייט, ווי מען הויבט אויף אַ קינד, און זי צוריק אַריינגעלייגט אין בעט אַריין:

— דו גייסט ניט אין ערגעץ.

זי איז געוואָרן אויסער זיך:

— וואָס הייסט, איך גיי ניט דיך באַגלייטן?

— מיר צוליב—האָט ער געקושט אירע אויגן—טייערע מיינע, גיי ניט מיט. מיר איז אַזוי אויך שווער.

זי האָט נאָך אַזאַ צעוויינטן פּנים קיינמאָל ניט געזען. זי האָט זיך געמאַכט האַרץ:

— , וואָס פאַר אַ זעלנער דו ביסט — האָט זי לאַכנדיק געווישט די טרערן.

— דו גייסט ניט מיט! — האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דאָס רענצל און איז אַרויס.

ביי דער באַן איז שוין אַלצדינג געווען לייכטער. מען איז אַריין אין טראַנס פון דער זאַך. אויף דער שיף איז געווען גאַר פריילעך: דזשאָן ביל האָט צעלאָזט זיין שטייפע צונג . . .

אַנגעקומען קיין שפּאַניע, זיינען אַלע אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון מלחמה־פיבער, מיט „נאָן־פּאַסאַראַן״ שטימונג, מיט העלדן־מוט און עקשנות צו פאַרטיידיקן אויף לעבן און טויט.

דאָ האָט מען זיך געטראָפן מיט מענטשן פון דער גאַרער וועלט: מיט פראַנצויזן אין שוואַרצע באַרעטלעך; מיט סלאַוון, וועלכע האָבן גע־שוואַרצט אַלע גרעניצן; מיט אַמעריקאַנער, וואָס האָבן געקייט „גאָם״; מיט יידישע יונגעלייט פון בעלגיע, פון פּאַריז, פון פּוילן, פון אַלע עקן וועלט. פון היימלעכקייט וועגן האָט מען זיך באַמיט צו האַלטן די נאַציאָנאַלע גרופּן צוזאַמען, אָבער ניט ריטשאַרדן. ער איז געווען אַ דערפאַרענער אַרטילעריסט און אַזעלכע ווי ער זיינען געווען ווייניק. מען האָט ניט געוואוסט וואוהין אים פריער צו שיקן.

ער האָט נאָר־וואָס געהאַלטן אין אָפּגיין צום פראָנט, ווען ס'איז אָנגעלאָפן אַ מיליציאָנער אין ציווילע קליידער און האָט זיך געריסן אויפן קול:

— ריכאַרד פאַקס, ריכאַרד פאַקס, אַרטילעריסט, ריכאַרד פאַקס!...

ריטשאַרד האָט זיך קוים געכאַפּט, אַז דאָס מיינט מען אים. ער איז נאָכגעלאָפן דעם מיליציאָנער און איז געוואָרן איבערראַשט צו דערהאַלטן אַ בריוו. ער איז געווען אויסער זיך פאַר פרייד:

— טייערער און טייערער!

איין גאָט ווייסט, אַז איך האָב דיך אייביק ליב געהאַט. איך האָב ליב דיינע חברים, איך האָב ליב דאָס שפּאַנישע פאָלק, ווייל דו געפינסט זיך דאָרט ביי זיי. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן פיל איך זיך מינדער־ווערטיק, צוליב דעם וואָס איך בין אַ . . . פרוי. מיין גאַנץ לעבן גילט נאָר פאַר דיר, פאַר דיר און פאַר אייך.

מיט אַלע מיינע חושים, מיט יעדן אָטעמצוג,

ד י י נ ע .

ער האָט שנעל אָנגעשריבן צוריק אַן ענטפער:

טייערע מיינע!

דו האַלטסט מיך אַפּנים פאַר אַ גרויסן מענטשן. שרייבסט אָן מיין נאָמען אָן אַן אַדרעס, און שיקסט אַזוי אַוועק אַ בריוול צו מיר, דיין מאַן. און וואונדער איבער וואונדער—ס'איז אָנגעקומען.

אין דעם מאָמענט האַלט איך זיך אַליין אויך פאַר אַ גרויסן מענטשן. אין אָנבליק פון דעם לאַנד, וואָס שטייט אונטער פייער, זעען אויס אונ־דזערע טאָג־טעגלעכע זאָרגן און מיספאַרשטענדענישן קליינלעך און נישטיק. דאָ איז אַ פאָלק פון העלדן, פון קלענסטן ביז צום גרעסטן— אַ גאַנץ פאָלק גייט אויף קידוש השם.

מיר מאַרשירן אָפּ אויפן פראָנט. פאַראַן ווייניק געשולטע אַרטי־לעריסטן צווישן אונדז. און, ווי איך הער, נאָך ווייניקער אַרטילעריע. קאָנסט באַוועגן עמיצן פון אונדזער קלוב נאָכצוטאָן מיין ביישפּיל: מען דאַרף יעדע האַנט וואָס קאָן האַלטן געווער; מען דאַרף אויך די, וואָס קאָנען פאַרריכטן—מעכאַניקער.

איך בלייב אויף אַלע אייביקייטן ד י י נ ע ר.

נ. ב—נאָר וואָס זאָגן מיר מיינע שפּאַנישע חברים, אַז נאָכן אָפּזיין דריי חדשים אויפן פראָנט, קאָן מען אַהער ברענגען די פרוי. אַלזאָ, צום ווידערזען, טייערע מיינע, ווי איך בענק נאָך דיר. און טאָמער... ס'וועט באַשערט זיין אַנדערש... דאַן ווייס, אַז מיין טויט האָט אַ גרויסן זין. האָב מיך ליב, ווי נאָר דו אַליין קאָנסט ליב האָבן.

אַן ענלעכן בריוו האָט ריטשאַרד פאַקס געשריבן מיט קנאַפּע דריי חדשים שפּעטער. נאָר ער האָט שוין ניט באַוויזן אים אַוועקצושיקן. מען האָט דעם בריוו געפונען אין ברוסט־טאַש פון אַ שווער־פאַרוואונדעטן וואָלונטיר, וועלכער איז געבליבן הענגען אויף אַ פאַרזשאַווערטן קאַנאָן, וואָס ער האָט געפּרואווט פאַרריכטן.

מילדרעד האָט זיך געגרייט אין וועג אַרייַן. זי האָט באַדאַרפן אָפּצופאָרן מיט דער שיף קיין באַרצעלאָנע. זי האָט געטראָגן מיט זיך אַ גרויסע, ליכטיקע בשורה — אַ בשורה פאַר איר ריטשאַרדן, אַ בשורה, אויף וועלכער זיי וואַרטן שוין איבער זיבן יאָר. איז אָנגעקומען דער בריוו מיט אַ שוואַרצן בלוט־פלעק אין דער זייט . . .

# „דערציאונג“

**זשאַנין** האָט געקראָגן נדן דאָס קאַפע אויפן ראָג „רי דע ראַנדעוואו“. דערפאַר האָט זי טאַקע חתונה געהאַט מיט אַ פיינעם יונגנמאַן פון אַ באַלע־באַטיש הויז. דאָס פאָר־פאָלק האָט זיך איינגעאָרדנט אין דער דירה הינ־טער דעם קאַפע און געפירט דאָס געשעפט אָנשטענדיק און פיין.

זשאַנין, ווי יעדע פראַנצויזישע פרוי פון איר שטאַנד, האָט פאַר־שטאַנען אָפצוהיטן איר מאַן און אים צו מאַכן ס'לעבן זיס...

זי איז געווען אַ מיטלוואוקסיק ווייבעלע, מיט אַ פולן, ברויגלעכן פנים; אַ פאָר געקרייזלטע, רויטע ליפעלעך און „קינסטלעריש“ גע־צייכנטע רינגען איבער די אויגן אָנשטאָט ברעמען. זי האָט זיך געהאַלטן אַפעטיטלעך און פאַרליבט. איר מאַן, סערזש, מיטן מאַסיוון קערפּער און אויסגעצוויקטן פנים, איז פון איר געווען העכסט צופרידן. ער איז געשטאַ־נען אַן אויפעלייגטער הינטערן „קאַנטער“, אין ווייסע העמד־אַרבל און אַ שמאָלן לאַנגן פאַרטוך ביז צו די פיס און האָט באַדינט די געסט אָנ־שטענדיק און פיין. דער עיקר זייער אָנשטענדיק. ביי אים, אויב איינער האָט גענומען אַ גלעזל צופיל האָט ער אים שוין די וויטערדיקע כוסה פאַרזאָגט: זאָלן זיך דאָ ניט יאַוועוען קיין שיכורים...

זשאַנין איז געזעסן ביי דער קאַסע. זי האָט מיט אירע פוכקע הענט־לעך און רויט־געפאַרבטע נעגל פלינק געציילט דאָס געלט פון די קונים, און בשעת מעשה געוואָרפן פאַרליבטע בליקן צו איר באַשערטן.

דער יונגערמאַן האָט אפילו, פון צייט צו צייט, אויפמערקזאַם גע־מאַכט זיין יונג־ווייבל, אַז געשעפט איז געשעפט: דאָ אין קאַפע, וואו עס קומען אַריין פאַרשיידענע מענטשן, מערסטנס מענער, דאַרף זי צו אים ניט שמייכלען, נאָר צו זיי, צו די געסט. זשאַנין האָט זיך באַמיט אויסצו־בעסערן איר פעלער און האָט פלייסיק געשמייכלט מיט אירע גרויסע, קיילעכדיקע אויגן און אָנגעקרויזטע לאָקן צו די איינגייער פון קאַפע.

אין אַ שיינעם טאָג האָט זיך דאָס פאָר־פאָלק אַרומגעזען: וואָס וועט מען וואַרטן? וואָס ס'דאַרף זיין שפעטער, זאָל זיין פריער. ס'איז היימ־לעכער, אַז ס'איז דאָ נאָך אַ לעבעדיק באַשעפעניש אין שטוב. שענער אויך. באַלעבאַטישער — אַוודאי. זשאַנין האָט מסכים געווען. זי האָט נאָר אייפערזיכטיק אַ שמייכל געטאָן:

— כ'האָב מורא, וועסט עס מער ליב האָבן ווי מיך...

דאָס פּאַר־פּאָלק האָט יענעם אָוונט אָנגענומען אַ העכסט וויכטיקן באַשלוס און איז געגאַנגען שלאָפן באַזונדערס גליקלעך. נאָר איבער איין זאַך האָט דאָס פּאַר־פּאָלק זיך ניט געקענט אייניקן: וואָס זאָל דאָס זיין?...

אויסגעפירט האָט סערזש. זשאַנין האָט אים, ווי אַ קלוגע פרוי נאָכגעגעבן. דעם אַנדערן אינדערפרי איז סערזש אויפגעשטאַנען גאָר אַן אויפגעלייגטער, האָט זיך אויסגעפוצט און איז אַוועקגעפאָרן קיין בּואַזי לע גראַנד — אַ שטעטל הינטער פּאַריז, צו זיינעם אַ פעטער און האָט פון דאָרט אַהיימגעבראַכט אַ קליינס, אַ ווייס, אַ קיילעכדיקס. ס'איז שווער געווען צו זאָגן וואָס אַזוינס דאָס איז: אַ פּערזיש קעצל, צי אַ קודלעוואַטע הינטל, צי גאָר אַ לעבעדיקער „פּודערפּאָף."..

ביידע זיינען געווען אַנטציקט פון דעם קליינעם באַשעפעניש און האָבן זיך פון ערשטן טאָג אָן געווידמעט זיין דערציאונג.

מען האָט זיך גלייך איינגעשאַפט אַלע נויטיקע זאַכן: אַן אויסגעפּאַסט מאַנטעלע, אַ מויל־קערבל, אַ פיינעם לעדערנעם רימען, אַ בעטל מיט אַ קישעלע און נאָך אַזעלכע וויכטיקע מכשירים.

דאָס פּאַרפּאָלק איז געווען געזעכט. זיי האָבן געוואוסט וואָס ס'פעלט זיי. די שטוב האָט געקראָגן גאָר אַן אַנדערן אויסזען. ווען זיי זיינען געווען אין גאַס, ערגעץ אַרויסגעגאַנגען, האָט עס זיי געצויגן אַהיים צו דעם קליינעם באַשעפעניש.

דאָס קליינע, אַ הינטל, האָט זיך געכאַוועט אויף זיידענע צודעקן און זיך גענערט אויף מילך און פּוטער. פונדעסטוועגן האָט זיך אים שטאַרק געבענקט אַהיים. אַהיים, וואו ס'איז געלעגן מיט נאָך פינף שטיק אַזעלכע ווי ס'איז אַליין און געצויגן פון דער מאַמעס ליידיקער אָבער וואַרעמער ברוסט.

איינמאָל האָט זיך דעם הינטל אַזוי פאַרבענקט נאָך זיין הינטישער סביבה, אַזש ס'האָט זיך אים פאַרוואָלט פגרן. דאָס פּאַרפּאָלק איז געווען פאַרצווייפלט. מ'האָט דעם הינטל געטאַפּט דעם דופק, געקוקט אים אין די עקשנותדיקע פאַרמאַכטע אויגן. דאָס קליינע איז געלעגן מיט אַלע פיר פון זיך, ס'עקל אַריינגעשפּאַרט צווישן די אונטערשטע פיסלעך, און אָט־אָט גייט אים אויס דאָס הינטישע היותל.

ס'געווען סערדזש, וועלכער האָט זיך אין דעם מאָמענט ניט פאַר־לוירן. ער האָט געכאַפּט אַ „טאַקסי", געבראַכט דעם דאָקטער, וועלכער

האָט געגעבן דעם הינטל אַן איינשפּריצונג און עס ניט געלאָזט אויסהויכן דאָס הינטישע נשמהלע.

* * *

באַגעגנט האָט מען דאָס פּאָרפּאָלק מיט אַ צייט שפּעטער, אויף דער באַן. זיי זיינען געפאָרן מיטן הינטל אויף דערהאָלונג . . .

דאָס הינטל איז געלעגן אויף אַ קישעלע אין אַ קוישל און איז געשמאַק געשלאָפן. דאָס איבערגעגעבענע פּאָרפּאָלק האָט אים געקוקט אין פאַרוואָקסענעם פּנימל אַריין און זיך דערביי איבערגעוואָרפן מיט צעשראָקענע בליקן:

— עפּעס אָטעמט עס צו שווער. ווער ווייסט צי דער „סטייק" האָט אים ניט פאַרשאַט?

ער (אַ ברוגזער): כ'האָב דיר אָבער געזאָגט, זאָלסט אים נאָך ניט געבן קיין פליש.

זי (אַ נאָכגיביקע): האָסט דאָך אַליין געזען, סערזש, ס'איז געווען ווייך ווי פּוטער. פון וואָס וועט עס כוח האָבן זיך צו שטעלן אויף די פיסלעך נאָך אַזאַ לאַנגער דיעטע?

ווער ווייסט וואָס פאַר אַ מחלוקה עס וואָלט נאָך צווישן דעם פּאָר־פאָלק אַרויסגעקומען, ווען דאָס הינטל כאַפּט זיך ניט אויף. צום גליק האָט עס אויפגעמאַכט די אויגן און זיך מחיהדיק צעגעניצט. די יונגע פרוי, אַ גליקלעכע, האָט אַרויסגענומען פון האַנט־רענצל אַ זאַפטיקע פרי אויסגעקוועטשט, איז זי געשטאַנען מיטן גלאָז זאַפט אין דער האַנט און געוואַרט ביז ס'הינטל וועט באַוויליקן אויפצושטיין. ענדלעך האָט זיך עס אויפגעזעצט. דער יונגערמאַן האָט עס גענומען אויפן שויס און די פרוי האָט אים מיט מאַמעשער געטריישאַפט דערלאַנגט אַ לעפל זאַפט אין מויל אַריין. דאָס הינטל האָט אויסגעטרונקען און פאַרקרימט ס'קוד־לעוואַטע מאָרדעלע. מען האָט נאָך באַוויזן, דורך פאַרשיידענע קונצן, אים אַריינצונאַרן עטלעכע לעפעלעך אין מויל אַריין און מער האָט עס ניט געוואָלט, כאָטש טו אים עפּעס . . .

ביי אַ סטאַנציע האָט דער יונגערמאַן גענומען דאָס הינטל אויפן רימען און איז מיט אים אַראָפּגעגאַנגען שפּאַצירן. די יונגע פרוי האָט דער־ווייל צוגעגרייט עסן און, בשעת מעשה, אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער אַ גליקלעך צעשטראַלטע. איר גרויסער מאַן מיטן קליינעם הינטל האָבן אויסגעזען זייער שיין און אַריסטאָקראַטיש . . .

אויסגעשלאָפן, אָנגעגעסן און דורכגעשפּאַצירט האָבן זיי גענומען

לערנען דאָס הינטל חכמה. דאָס קליינע האָט באַוויזן פאַרשידענע קונצן און דאָס פּאַרפּאָלק האָט אָנגעקוואָלן. דאָס הינטל האָט זיך אַ לענגערע צייט אויפגעפירט זייער געהאָרכזאַם, דערנאָך האָט אים דאָס גאַנצע שפּיל דערעסן. ס'איז געוואָרן צערייצט און האָט אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן פּשוטע, הינטישע ציינער... דאָס הינטל האָט געכאַפּט שמיץ. די יונגע פרוי האָט זיך אַריינגעמישט און דער יונגערמאַן איז געוואָרן אויפגעבראַכט אויף זייביידן. דאָס הינטל, אַ באַליידיקטס, איז פאַרקראָכן צו זיך אין קוישל אַריין און האָט פון דאָרט אַרויסגעקוקט מיט זיינע קלוגע, גרויסע אויגן. די יונגע פרוי האָט געחלשט אים אַ גלעט צו טאָן, נאָר דער יונגערמאַן האָט ניט דערלאָזט:

— זאָל ער וויסן! — האָט ער געזאָגט מיט רוגזה.

— דו מאַכסט אים קאַליע, זאָג איך דיר. דו מאַכסט אים בייז ווי אַן אמתן הונט — האָט זי ממש געוויינט.

— אַ הינטל דאַרף מען לערנען דרך־ארץ! ניט אַזוי ווי ביי דיין ברודער, אַנרי, וואָס בלאַק קריכט אים אין פּנים אַריין מיט זיינע גרויסע לאַפּעס.

ס'האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָס הינטל האָט דעם גאַנצן אינצידענט גלייך פאַרגעסן. ס'האָט זיך אויפגעשטעלט,ביידע פאָדערשטע לאַפּקעס אָנגעשפּאַרט אָנעם אָפענעם פענצטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. דער יונגערמאַן איז געוואָרן גערירט פון דער הינטישער חכמה און האָט עס גענומען אויפן שויס. די פרוי איז צוגעפאַלן עס קושן. נאָר דאָס הינטל האָט אַ כאַפּ געטאָן די האַנט וואָס האָט אים געגלעט און האָט אָפּגעצייכנט אויף איר זיינע יונגע, האַרטע ציינער. דאָס פּאַרפּאָלק האָט זיך איבער־געקוקט דערשראָקן.

— ווער ווייסט וואָס פון דעם וועט נאָך אַרויסוואַקסן ?...

דער יונגערמאַן האָט זיך ערשט געקליבן געבן דעם הינטל די אמתע „לעקציע.“ נאָר דערווייל איז די באַן שטיין געבליבן. מענטשן זיינען אַראָפּגעגאַנגען. דאָס הינטל האָט פּלוצלינג אַ ביל געטאָן דעם מענטשישן „פּאַטער“ אין פּנים אַריין און איז אַרויסגעשפּרונגען דורך דער אָפענער טיר. דאָס פּאַרפּאָלק האָט זיך געלאָזט נאָך אים. אין דער רגע האָט די באַן אַ פייף געטאָן און איז ווייטער געפאָרן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

פון שכנישן געפלאָגטן לאַנד, שפּאַניע, האָט זיך אַ כוואַליע געטאָן אַ מענטשן־מאַסע אַריבער די פּירענעען בערג, אַריין קיין פראַנקרייך.

דאָס זיינען געווען די פליכטלינגען, וועלכע האָבן, אין לעצטן מאָמענט, באַוויזן אַרויסצוראַטעווען דאָס נאַקעטע לעבן פון אונטער פאַשיסטישע עראָפּלאַנען, וואָס האָבן איבער זיי געהאָגלט מיט טויט. דערפאַר, און נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן עס געוואַגט אויסצואווילן אַ דעמאָקראַטישע רעגירונג אין זייער לאַנד, אין זייער אייגענעם לאַנד. אַ גאַנצער מיליאָן פון דעם פרידלעכן שפּאַנישן פאָלק איז געפאַלן אונטער די דייטשישע פּרעציזיע באָמבערס פאַר דעם דאָזיקן חטא . . .

טייל פון די געפאַלענע האָבן „מיטגענומען״ זייערע קינדער מיט זיך. אַנדערע האָבן איבערגעלאָזט יתומים. איבער גאַנץ פראַנקרייך איז אָנגעגאַנגען אַ האַרץ־צו־האַרץ קאַמפּאַניע צו פראַנצויזישע פאַמיליעס, אַז זיי זאָלן אויפנעמען, צייטווייליק אָדער פּערמאַנענט, ז׳אָס פאַריתומטע קליינוואַרג, מיט די גרויסע צעשראָקענע אויגן, וואָס מען האָט באַוויזן אַרויסצושלעפּן, אייזנציקווייז, פון אונטער די חורבות. די קאַמפּאַניע האָט מיט אַ באַזונדערער כוונה געצילט צו די טויזנטער און טויזנטער קינדער־לאָזע עלטערן, אַז זיי זאָלן אַדאָפּטירן, אַנשטאָט קעץ און הינט, די הימלאָזע קינדער פונעם ברידערלעכן פאָלק, וועמעס טאַטעס און מאַמעס זיינען געפאַלן מיטן נאָאיוון גלויבן אין זייערע צעשאָסענע הערצער, אַז זייער נאָענטסטער און בעסטער שכן, פראַנקרייך, וועט זיי קומען צו הילף. אָט ווי, להבדיל, היטלער און מוסאָליני האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר זייער נאַצישן ברודער — פראַנקאָ.

— — — — — — — — — — — — — —

זשאַנינס בליק איז געפאַלן אויף אַ פּלאַקאַט, וואו מען האָט געוויזן שפּאַניעס פאַרוואָרלאָזטע אָבער באַחנטע קינדער. זשאַנינס האַרץ האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. זי איז שוין געווען גרייט נאָכצוגעבן איר מאַמעשן אינסטינקט. נאָר סערזש האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אויף די פּלייצעס: ווען ער וויל פאַרנאַכלעסיקן ס׳געשעפט און האָבן אַ קינד, דאַרף ער ביט עמיצער זאָל עס אים אָנגרייטן פאַרטיקערהייט. קאָן ער אַליין אויך באַווייזן אַזאַ קונץ ווי די שפּאַנישע העלדן... ער האָט דעריבער איינגע־גענומען זיין יונג ווייבל מיט דער גרעסטער צערטלעכקייט:

—„מאַ שערי״ (טייערע), וואַרט, וועסט זען וואָס איך וועל דיר ברענגען. איך האָב שוין פריער געטראַכט, אַז ווען מען נעמט אַריין אַ שטוב־חיה, דאַרף מען וויסן וואָס פאַר אַ בלוט ס׳פליסט אין זיינע אָדערן. וואָס, למשל, ווייסן מיר וועגן די דאָזיקע קינדער? ס׳אַראַ מילך זיי האָבן אין זיך איינגעזויגן... אָט האָסטו דיר אַ ביישפּיל אונדזער הינטל. און

כדי זשאַנין זאָל אים ניט פּראָווען קיין ווייבערשע שטיק, איז ער אַוועק גלייך אויף מאָרגן און האָט איינגעהאַנדלט ס'שנעסטע קעצל פון פּאַריז. אָבער טאַקע אַ שיינהייט! אמת, ער האָט דערפאַר באַצאָלט דעם גע־העריקן פּרייז, אָבער ס'איז ווערט געווען. ס'האָט געצויגן מיטן ראָזעווע נעזל און זיך געבלאָזן ווי אַן עכטע „אַריסטאָקראַטקע".

און דעם דאָזיקן קעצל, פון „ריינסטער ראַסע", איז עס באַשערט געווען אויסצוקאָנקורירן מיטן שפּאַנישן קינד די גוטע היים און די געטרייע עלטערן.

# מעשה שאַפּ

**דאָנערשטיק** נאָכמיטאָג, אין סאַמע ברען פון סעזאָן. די הייסע קאַלי־פאָרניער זון האָט אָפּגעשלאָגן מיט גלי אַן דער גאָלד אויף שוואַרץ אויס־געציקלטער שילד, אויפן אויבערשטן שטאָק פון אַ וועסט עדעמס געביידע: „סיגעל ספּאָרטסוועך".

די צוויי רייען מאַשינען אין שאַפּ, האַרט נעבן אַנאַנדער, האָבן מוראַ־דיק געראָדערט. די צוויי רייען מענטשן, איינע קעגן די אַנדערע, האָבן זיך ניט אָנגעקוקט. זיי זיינען געזעסן געקלאַמערט צו די מאַשינען, ווי די „זשאַקיס" צו פערדלעך, און האָבן געיאָגט—געיאָגט ביז משוגעת. אונטער זייערע געבויגענע קעפּ, אין געדיכטן רויש, און עפּעס, ווי אַ בייסעדיקן נעפּל, האָט געשוועבט דאָס גיריקע אויג פון באַלעבאָס.

איין קלייניקייט: דאָנערשטיק נאָכמיטאָג, אין סאַמע ברען פונעם זומער־סעזאָן. . .

דער טעלעפאָן האָט זיך געריסן, ווי אַ הונט אויף דער קייט. דאָס יונגע, ניט־דערפאָרענע שול־מיידל האָט זיך קיין עצה ניט געקאָנט געבן. יעדע מינוט האָט איר קולכל אַ קלינג געטאָן: „סיגעל ספּאָרטסוועך".

מר. סיגעל איז זיך אַ ייד אַ באַלעבאָס, וואָס געטרויעט קיינעם ניט. נישט זיין ווייב, נישט זיין אָן־אים־געראָטענע טאָכטער, און אפילו ניט זיין בן־יחיד, ווילי. ער מוז איבעראַל אַליין זיין. איבעראַל האָבן זיין האַנט, זיין אויג, זיין דעה. איז אויב אַזוי, צוואָוואָס האַלטן קוואַליציפּירטע אַרבעטער? ערשטנס, קאָסטן זיי טייערער; צווייטנס, געהערן זיי צו דער יוניאָן; דריטנס? דריטנס, זיינען זיי סיווי נישט קוואַליפיצירט. ער, מר.

סיגעל, איז אייך אימשטאַנד צו דיסקוואַליפיצירן יעדן בעסטן אַרבעטער, וואָס קומט אַרויף צו אים אין שאַפּ. זיינע אייגעלעך פליען אַרום, באַ־האַלטן זיך אויס אין יעדן ווינקל און ס'דאַכט זיך, אַז נאָך זיי לויפט נאָך אַ דין עקל פון אַ מויז.

מר. סיגעל איז זיך זייער אַן אָפּנהאַרציקער מענטש. ער איז נישט פון יענע בטלנים, וואָס האָבן אַמאָל אָנגעהערט צו אַ „פּעטשע־מעטשע" פאַראיין און היינט קאָן מען קיין מויל ניט עפענען צו קיין אַרבעטער. ער, מר. סיגעל, טוט זיך אויס פאַר אייך נאַקעט און ווייזט אייך אומפאַר־שעמט זיין כוונה: — איך וועל דיך באַרייסן און באַשינדן ווי גרויס דו ביסט. קאָנסט? ווער דיך! ער טוט דאָס אָבער אַזוי פלינק און געשיקט, אַז מען באַווייזט זעלטן זיך צו ווערן. און ער, מר. סיגעל, בלייבט שטענ־דיק דער זיגער. אָ, מר. סיגעל האָט זיך געשאַפן אַ נאָמען מיט זיינע ספּאָרט־קאָסטיומען: סיי אין די געשעפטן, פאַר זיין גוטער אַרבעט; סיי אין דער נאָדל אינדוסטרי, פאַר זיין גוואַלדיקער קאָנקורענץ; סיי צווישן די אַרבעטער, פאַר זיינע טרויעריק־באַרימטע באַדינגונגען.

אָט טאָקע אין דעם הייסן דאָנערשטיק נאָכמיטאָג, ווען דאָס געיעג אין שאַפּ האָט דערגרייכט אַ מוראדיקן קלימאַקס, האָט זיך דערהערט דאָס גלעקל: איין לאַנגער קלונג מיט אַ קורץ קלינגל, אַ סימן אַז מען רופט מר. סיגלען אין אָפיס אַריין. דאָס גלעקל האָט געקלונגען איין מאָל, צוויי מאָל און איז שטיל געבליבן. מר. סיגעל איז געלאָפן פון שאָפּ אין „שאָורום" (סאַלאָן) און צוריק. ער האָט געטראָגן אויף זיין אָרעם עטלעכע „סוטלעך" (קאָסטיומען) מיט קליידלעך און הויזן, און עטלעכע בלויז מיט קליידלעך—„סקוירטס" הייסט עס. ער האָט זיך ממש גע־שפּיגלט אין זיי. זיין צעפלאַמט פּנים מיט די רויטע בעקלעך האָט געשיינט, ווי אַ פּורים־קוילעטש. אין „שאָורום" (סאַלאָן) זיינען געזעסן עטלעכע קויפערס פון בולאָקס און סאַקס. (פון אַרבאַכ'ס אויך, נאָר אויף יענע האָט ער זיך איצט ניט אומגעקוקט). בולאָקס האָט שוין געהאַט אָפּגעקליבן עטלעכע פון זיינע „סטיילס" (מאָדעלן). דאָס האָט געשמעקט מיט אַ פיינער באַשטעלונג.

אויפן וועג, אין מיטן אַהין און אַהער געלויף, האָט פאַרטשעפּעט זיין אויער אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר. די טיר האָט זיך פּאַמעלעך גע־עפנט און אין איר ראָם איז שטיין געבליבן אַן עלטערע פרוי מיט אַ קרומען פוס און אַ גראָבן שטעקן אין האַנט. מר. סיגעל האָט אויף איר אַזאַ קוק געגעבן, אַז די פרוי האָט צוריקגעטראָטן. נאָר מיטן באַוואוסטזיין

פון לעצטער ברירה איז זי דאָך אַריבער די שוועל. מר. סיגעל האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אַז ער איז גראָד זייער גוט אויפגעלייגט. ער האָט אַריינגעשטופּט צוויי קורצע, פעטינקע פינגער אין זיין ענג־געפּאַסט הויזן־קעשענקעלע ביים גאַרטל און האָט פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט אַ „קוואָדער". די פרוי האָט אויפגעהויבן איר פאַרשמעטן בליק פונעם דיל און אירע וואַסערדיקע אויגן האָבן פאַרלוירן אַ שמייכל געטאָן:

— איך בין אַ קוואַליפיצירטע אָפּערייטערין . . .

מר. סיגעל האָט זיך שיר ניט אָפּגעריסן אויף איר מיט אַלע בייזע חלומות. ער האָט בטבע פיינט געהאַט דאָס וואָרט: „קוואַליפיצירט". נאָר ער האָט פּלוצלינג אַ קוק געטאָן הינטער זיך, אין שאָפּ אַריין. אויפן עק פון די צוויי רייען מאַשינען, האַרט ביי דער וואַנט, איז געזעסן די „גרינע". אים געפעלט ניט איר הולך. ווי נאָר זי איז אַריין אין שאָפּ, איז זי געוואָרן אויסגעקאָכט מיט אַלע אַרבעטער. ווי קומט צו אַ „גרינער" אַזאַ היימישקייט? מר. סיגעל האָט פיינט אַז מען פילט זיך ביי אים אין שאָפּ ווי ביי זיך אין דער היים. אים געפעלט ניט איר קוק, גלייך ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געווען אירע. אַמאָל אַז מען האָט אַרויפגענומען אַ גרינעם אין שאָפּ אַריין האָט מען געקאָנט מיט אים טאָן וואָס מען האָט געוואָלט. היינט — אפילו זיי טויגן נישט!

לעצטנס, ווען ער קומט אַריין אין שאָפּ, ווערט מיטאַמאָל שאַ, שטיל, גלייך דאָס גאַנצע לשון וואָלט זיך זיי אויסגעלאָזט. אים געפעלט אפילו ניט דאָס, וואָס איזי גלאָוב האָט אים אַזוי פאַרבייגייענדיק אַ זאָג געטאָן: „דער סעזאָן האָט זיך אָנגעהויבן, מען וועט זיך דאַרפן אָוועקזעצן און פעסטשטעלן פּרייזן." וואָס הייסט מען וועט דאַרפן? ער, מר. סיגעל, וועט שוין פעסטשטעלן. . . .

ער האָט געהייסן דער פרוי קומען מאָנטיק; ער האָט איר געהייסן קומען מיטוואָך; ער האָט איר געהייסן קומען שבת נאָכפּרעגן. ער האָט איר געהייסן קומען אַזוי לאַנג, ביז ער האָט געפילט אַז די פרוי איז שוין דערנידעריקט ביז צום סאַמע שטויב פון דער ערד.

איינמאָל, אין אַ דינסטיק פאַרנאַכט, איז ער צוגעגאַנגען צו דער „גרינער", צו וועלכער ער האָט זיך שוין געהאַט אַ היבשע צייט גע־טשעפּעט: דאָ האָט זי פאַרביטן דעם מאָדעל, דאָרט האָט זי פאַרקירצט און דאָ—פאַרלענגערט. און אַז די אַלע זאַכן האָבן ניט געהאָלפן—די מיידל האָט אַרויסגעוויזן אַן אייזערנע געדולד—האָט ער איר פּשוט גע־זאָגט, אַז זי האָט שוין גענוג ביי אים געאַרבעט, זי מעג שוין גיין זוכן

ערגעץ אַנדערשוואו. די מיידל, מיט אַן ערנסטן פּנים און אַ פּאָר אויגן, וואָס מיינען אַז די גאַנצע וועלט איז זייערע, האָט פּלוצלינג באַוויזן אַ טראַציק נעזל און עפּעס ווי אַ חוזק־שמייכעלע האָט אַ שפּיל געטאָן אַרום אירע פולע ליפּן. זי האָט זיך אָנגעטאָן אַ פאַרשייט היטעלע, (מר. סיגעל האָט זיך געטראַכט: זע נאָר די גרינע פּרינצעסין...) און פּודערנדיק דאָס טראַציקע נעזל האָט זי גוטמוטיק אַ זאָג געטאָן:

— איר ווילט פאַרשנעלערן דעם פּראָצעס? איך בין מסכים.

מר. סיגעל איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער:

— וואָס פּראָצעס, ווען פּראָצעס? וואָסזשע, ׳עסט מיך גיין לאָדן? אַמעריקע איז אַ פריי לאַנד, אַז מען וויל אַרויסוואַרפן אַן אַרבעטער, וואַרפט מען אים אַרויס . . .

אַ גאַנצע כאַפּטע מיידלעך זיינען נאָכגעלאָפן דער „גרינער" אויף די טרעפּ צו הערן וואָס מר. סיגעל האָט איר געזאָגט. די „גרינע" האָט זיי איבערגעגעבן געטריי די פּרטים, נישט איבערגעטריבן אויף קיין האָר. זי האָט בלויז צוגעגעבן, אַז אַמעריקע איז טאַקע אַ פריי לאַנד, נאָר אַזעלכע שעפער ווי מר. סיגעלס זיינען הפקר—היינט איך, מאָרגן איר...— זי האָט געקוקט די מיידלעך אַרויספאָדערנדיק אין די אויגן. . .

צומאָרגנס זיינען אַלע, אַ חוץ דער „גרינער", געקומען צו דער אַרבעט, גלייך ווי גאָרנישט. ביי דער „גרינערס" מאַשין האָט זיך אַוועקגעזעצט אַן עלטערע פרוי מיט טונקל־גרויע האָר און אַוועקשטעלנדיק אַ גראָבן שטעקן אין ווינקל און דעם איינעם געזונטן פוס אויפן טראָט פון דער מאַשין, האָט זי אויפגעהויבן אַ פּאָר וואַסער־פאַרשוואומענע אויגן און האָט אין טיפסטער פאַרלעגנהייט אַ שמייכל געטאָן, שווער געווען צו זאָגן צו וועמען.

מר. סיגעל האָט איר צוגעטראָגן אַ „סעמפּל" (מאָדעל), אַ בינטל געשניטענע סחורה, וואָס האָט זיך געמינעט אין פאַרשיידענע קאָלירן, עטלעכע שפּאָלן פאָדעם, און מער האָט ער זיך אויף איר ניט אומגעקוקט.

אַרום עלף אַזייגער האָט די פרוי גענומען איר שטעקן, אונטערגעהונקען, איז זי צוגעגאַנגען צו דער פיגור אָנמעסטן איינס פון די זשאַקעטלעך, וואָס זי האָט שוין געהאַט אויפגענייט.

מר. סיגעל האָט גלייך דערקענט, אַז דאָס איז אַן ערשט־קלאַסיקע אַרבעטערין. אָבער ער איז ניט קיין יאַלד, מר. סיגעל; ער האָט פונדעסטוועגן געפונען עטלעכע חסרונותלעך, נאָר ער האָט גרויסמוטיק

צוגעגעבן, אַז „ס׳וועט זיך אויספּרעסן". זאָל די קאַליקע ניט מיינען, אַז ער צאַצקעט זיך מיט איר.

מר. סיגעל האָט געמאַכט אַ גלענצענדן בייט. ס׳איז ביי אים ווערט דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער איז פון דער „גרינער" מיטן פאַרריסענעם נעזל פּטור געוואָרן. די, דאָ, וועט ער דאָך קענען אַרום פינגער דרייען... טאָמער ווי אַ זאַך מאַכט זיך, זעצט ער אַוועק די קאַליעקע, זיין ווייב, זיין ווייבס שוועסטער און זיין טעכטערל, וואָס וויל סיווי ניט גיין אין קאַלעדזש, און האָט „זיי" אַלעמען אין דר׳ערד. ער האָט אָבער גלייך דערקענט, אַז דער „קריפּל" מוז קענען אַרבעטן.

שבת, צוועלף אַזייגער האָט ער מיט אַ צעטאָפּעטער פריינטלעכקייט אַריינגערופן די פרוי אין אָפיס אַריין. ער האָט מיט איר אָפּגעמאַכט אַ פּרייז און דערביי אַרויסגעוויזן אַזאַ זאָמנאַטירלעכע ברייטהאַרציקייט, אַז דער פרוי איז געוואָרן שטאַרק אומהיימלעך.

— נאָר געדענק, איך גיב דיר אַ „טשענס" (מעגלעכקייט); זאָלסט ניט נאָכגיין די „טראָבל"-מאַכער. אויב יאָ, וועט זיין שלעכט פאַר דיר.— ער האָט איר אונטערגעטראָגן דעם לוין פאַר די פאַר טעג, וואָס זי האָט געאַרבעט, צו די אויגן. די פרוי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט זיך געלאָזט צו דער טיר, און אנשטאט אַ גוטן טאָג, האָט זי דאַנקבאַר אַ שמייכל געטאָן.

מאָנטיק אינדערפרי זיינען אַלע געקומען עפּעס באַזונדערס אויפ־געלייגט צו דער אַרבעט. די מאַשינען זיינען אַוועק אין אַ געוועט. נאָר צען אַזייגער, פּלוצלינג: ס ט אָ פּ!

מר. סיגעל איז אַריין מיט אַ געקוויטש, ווי אַן אָפּגעבריטער. דאָס האַרץ האָט אים אָבער געזאָגט, אַז דאָ קלייבט זיך עפּעס . . .

— וואַט׳ס די מעטער, וואָהאַט (וואָס איז דער מער) ?

איזי גלאָוב (אין דער היים האָט ער געהייסן: יצחק ערדקוגל), אַ פריי־געלטערטער מענטש, מיט אַ יונג־אויסגעקראָכענער ליסענע אויפן קאָפּ און אַ קווער-שניט אויפן פּנים, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט נאָך פון די גאָר ערשטע סטרייקן אין דער נאָדל־אינדוסטרי, האָט זיך אויפגעשטעלט אויף, מעשה גוטער־ברודער, אים צוגערופן:

—„קאַם אָן" (קומט אַהער), מר. סיגעל, לאָמיר אַ רעד טאָן ביזנעס.

— וואָסערע ביזנעס איצט אין מיטן דערינען? איך דאַרף אַרויס־שיקן די „אָרדערס" (באַשטעלונגען).— ער האָט געלאָזט גיין דעם מאָטאָר, וואָס האָט שטילערהייט געזשומעט, נאָר קיין רעדל פון קיין מאַשין האָט

זיך ניט גערירט. די אַרבעטער האָבן געלאַכט, האָט ער פאַרשטאַנען אַז ס'איז ניט קיין שפּאַס.

— מר. סיגעל, איר ווילט אַהערגיין? — האָט אים איזי ווידער גערופן, און אַז יענער האָט ניט געענטפערט, האָט שוין עליק דער „קאַטער" (צושניידער) וואויל־ייִנגעריש צוגעגעבן:—ס'פעלט אונדז אַ האַנט צום „פּויקער".—וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז מען קלייבט זיך דאָ צו באַזעצן...

מיטאָגצייט האָט מען אַראָפּגעשיקט די מיידלעך אַרויפצוברענגען שפּייז און די עלטערע פרויען האָבן זיך צעבריהט און מען האָט צוגעגרייט אַ טיש פון כל טוב, ממש ווי צו אַ „פּאַרטי" (שמחה).

די פרוי מיטן קרומען פוס איז געזעסן ביי דער מאַשין און איז מיט איר וואַסערדיקן בליק אַרומגעשוואומען איבערן גאַנצן שאַפּ. זי האָט זיך ניט געריכט אַריינצופאַלן דירעקט אין אַ סטרייק. זי ווייסט, וואָס דאָס מיינט, און זי פילט זיך שטאַרק ניט בכוח. איבעריקנס, האָט זיך איר אויסגעוויזן אַז דער גאַנצער סטרייק איז נאָר צוליב איר, ווייל מען האָט זי אַרויפגענומען אין שאַפּ אַריין. זי האָט געהערט עפּעס זיך שושקען און ווייסט ניט וועגן וואָס.

מר. סיגעל איז ניט געווען אינגאַנצן זיכער מיט דעם אָפּמאַך, וואָס ער האָט געהאַט מיט איר שבת אין אָפיס. די אַרבעטער ווידער האָבן ניט געוואוסט צי קאָן מען איר געטרויען; זיי איז ניט געפעלן דאָס, וואָס מר. סיגעל האָט איר אַרויפגעשיקט אַ סענדוויטש מיט אַ פלעשל וואַסער און אַן אייז־קרים. זיי וואָלטן זי דען ניט איינגעלאַדן צו זייער טיש? נאָר אַז זי עסט פון באַלעבאָס האַנט .... איבריקנס, האָבן זיי באַשלאָסן דעם קריפּל אינגאַנצן אַרויסצולאָזן פון שפּיל. זי זאָל נאָר ניט גיין אַרבעטן. אויב יאָ, וועלן זיי זיך דאַרפן מיט איר ספּראַווען.

— — — — — — — — — — — — — —

אַמאָל איז די דאָזיקע פרוי, אין אַזעלכע פאַלן, געווען די ערשטע די מוטיקסטע און די פרייליכסטע. ניין, זי איז ניט געווען דער שטרענגציל־באַוואוסטער מענטש. אין איר האָט געלעבט אַ געזונטער אינסטינקט, אַ מענטשלעכער חוש, וואָס האָט זי געפירט אויפן גלייכן וועג.

אַמאָל, בעת זי איז געגאַנגען מיט איר מאַמען אויף אַ „פּיקעט־ליין" קעגן ברויט־יקרות, איז זי צוזאַמען מיט אַנדערע פרויען אַרעסטירט געוואָרן. האָט זי, די דאָזיקע פרוי, וואָס זיצט שוין איבער צוויי שעה און רירט זיך ניט פון אָרט, אַדורכגעפירט פאַרשיידענע פאַרווילונגען און טענץ, טאַקע דאָרטן אויף דער פּאָליציי־סטאַנציע. דער אויספאָרשער

האָט גערופן צום פאַרהער, אָבער זי, די דאָזיקע פרוי, האָט פריער גע־מוזט ענדיקן איר טאַנץ. דער אויספאָרשער האָט געקריצט מיט די ציין, נאָר זי האָט אים שפּילעווודיק געלאַכט אין פּנים אַריין. דערצו איז זי נאָך געווען אַ שיינע אויך, מיט פינקלענדיקע אויגן, אַ קינדישן פּנים און אַ פּאָר קוני־איילענדיש פאַרברוינטע הענטעלעך. האָט דער אויס־פאָרשער דאָך געזען אַז דאָס איז גלאַט אַ ווילדע ציג, דערצו נאָך אַ גע־בוירענע אין פלעטבוש, האָט ער זי געמוזט באַפרייען. וואָרעם, וואָס דען האָט ער געזאָלט טאָן מיט איר, דער אויספאָרשער? ער האָט דאָך ניט געקענט דערלויבן, מען זאָל אים מאַכן די תּפיסה פאַר אַ טאַנץ־זאַל...

יאָ, אַמאָל, אַמאָל האָבן די דאָזיקע האָר געשיינט ווי קופּער אין דער זון. ניין, נישט געלאָקטע, ווי מען וויל דאָס האָבן באַשריבן; נאָר כוואַליענ־דיקע, קאַפּריזנע, פּונקט ווי איר גאַנץ וועזן. היינט האָבן זיי, די האָר, זיך אויסגעצויגן אין פאַרבלאָזע סטרונעס, גלייך זיי וואָלטן דאָס ערשטע גרייט געווען צום שטאַרבן. פּונקט אַזוי אירע אויגן, די איצט אין אומ־ענדלעכקייט, וואַסער־פאַרטרונקענע אויגן, זיינען אַמאָל געווען בלוי. ניין, נישט ווי דער הימל, נאָר טיף און דורכגעלויכטן ווי דער ים אין זוניקע טעג. טיילמאָל אָבער—טונקל־בלוי, גרוי־בלוי—ווי דער ים אין אַ שטורעם.

אַמאָל האָבן די דאָזיקע פיס, וואָס דאַרפן איצט די הילף פון אַ שטעקן, געטאַנצט פון זיך אַליין, און זיך פלינק געדרייט אויפן קנאַפּעלע אַרום אַ מאַן, וואָס איז געזעסן ביים טיש מיט אַ הויכן שטערן און לויטערן פּנים. דער מאַן האָט געשמייכלט, ברייט געשמייכלט און געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט. און איר, דער דאָזיקער פרוי, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער שלינגט גאַנצע שטיקער זון. די צעשפּילטע אויגן פון דער פרוי האָבן אַריינגעלאַכט פריער אין טעלער, דערנאָך אין פירקאַנטיקן פּנים פון איר גאָט־באַשערטן מאַן. נאָר ווען דער באַשערטער האָט אין אַ שיינעם העלן טאָג צוגעמאַכט די אויגן, זיך אָפּגעטיילט פון איר און מיטגענומען מיט זיך אירע אַלע נישט געבוירענע קינדער, האָט ביי דער פרוי אין מוח עפּעס אַ צוויק געטאָן און אינעווייניק אין האַרצן האָט זיך איינגעבראָכן. און שוין, נאָכדעם איז שוין אַלעס געגאַנגען גלאַטיק באַרג־אַראָפּ. איצט זיצט זי דאָ, צווישן אייגענע—אַ פרעמדע.

די פרוי האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען די טרויעריק־קאָמישע ראָל, וואָס זי פאַרנעמט דאָ זיצנדיק ביי דער מאַשין, וואו פון אַלע זייטן פאַלן אויף איר אומצוטרוילעכע בליקן. בעת די אַרבעטער האָבן זיך

אַרומגעשטעלט אַרום פול־געגרייטן טיש און די פרויען האָבן גענומען אויסטיילן פּאַפּירענע טעלער, האָט זי זיך פּלוצלינג אויפגעשטעלט און גענומען איר שטעקן. אַלע האָבן זיך אומגעקוקט. זי האָט זיך געלאָזט גיין. איר שטעקן האָט אָפּגעהילכט מיט אַ טעמפּן קלאַנג אָנגעם דיל. ערשט ביי דער טיר האָט זי זיך אויסגעדרייט און האָט צוריקגעשיקט אַזאַ שמייכעלע, וואָס האָט געמיינט צו זאָגן: אַ גוטן, און אַ גוטן! . . .

מר. סיגעל האָט זי געכאַפּט אין פאַרהויז און האָט זי אַריינגערופן אין אָפיס. זי איז ניט געגאַנגען. מר. סיגעל האָט געפילט, אַז ער וואָלט איר מיט פאַרגעניגן אַרויסגעריסן דעם געזונטן פוס. ער איז איר נאָכגעלאָפן און האָט איר פאַרשטעלט די טיר; ער האָט זי געבעטן, זי זאָל קומען מאָרגן נאָכמיטאָג צו דער אַרבעט:—גאַנץ פרי וועט קומען פּאָליציי און וועט אַרויסיאָגן די באַנדע ליידיקגייער, ווי די הינט.— ווערסט ביי מיר גוט פאַרדינען—האָט ער זיך געבעטן ביי איר—כ׳וואָלט דען זיי דען קיין פרייז ניט געגעבן, ווען זיי כאַפּן זיך ניט צום סטרייק איצט, אין מיטן סעזאָן?

— כ׳בין ניט קיין סטרייקברעכער—האָט די פרוי ליבלעך גע־שמייכלט צום הענטל פון דער טיר.

— דו, פאַרדאַמטער קריפּל! — האָט זיך שוין מר. סיגעל ניט איינ־געהאַלטן. — גיב איר אַ „טשענס" גיב איר. . .

די פרוי האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט מיט די טרעפּ. אין שאָפּ האָט פון העלער הויט אויסגעבראָכן אַ געלעכטער. מר. סיגלען איז דאָס בלוט פון די רויטע באַקן געשטיגן אַרויף צום שטערן, צו די וואָרצלען פון די האָר, צום מוח. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַן אָפּגעבראָכענעם קאָפּ פון אַן אַלטער מאַשין און האָט אַ שליידער געטאָן אַראָפּ די טרעפּ. דאָס אייזן האָט אַ זעץ געטאָן אין שטעקן פון דער פרוי און האָט דווקא פאַר־טשעפּעט דעם קראַנקן פוס. די פרוי האָט זיך צונויפגעדרייט אין דרייען. פונדעסטוועגן האָט זי זיך איינגעבויגן, אויפגעהויבן דעם שטעקן און האָט נאָך באַוויזן אָנצוקומען אַהיים, אין איר איינזאַם צימער. קיין ווע־טשערע האָט זי שוין ניט געגעסן. אַ קלעפּיקער שווייס האָט געווייקט אירע פאַרבלאָזע האָר און אַן אומהיימלעכע קעלט איז דורכגעגאַנגען אירע גלידער. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן אירע שיך און באַפרייט דעם קראַנקן פוס פון אַן אָנלויפנדיקן געשווילעכץ. זי האָט זיך אַריינגע־שלייכט אונטערן צודעק מיטן אָנטועכץ. דאָס בעט האָט זי איינגענומען, איינגעטוליעט איר צאַנקענדיקן קערפּער ווי אַ געטרייע מאַמע.

מיט דריי טעג שפּעטער איז דער פּאָליציי ענדלעך געלונגען צו באַפרייען מר. סיגעלס שאָפּ פון די איזיס, סיידיס און אַנזשעליגאָס. נעבן שאָפּ האָט זיך ווידער באַוויזן די „גרינע״ און מיטאָג־צייט, ווען אַלע גייען אַראָפּ עסן, איז זי אַרויפגעקראָכן אויף אַ „טראַק״ און האָט געהאַלטן אַ פלאַם־פייערדיקע רעדע, און דווקא אין אַ קערנדיקן, פּאַכמענישן ענגליש. מר. סיגעל מיט זיין טעכטערל, וועלכע זיינען געווען צוויי טראָפּנס פון איין בלוט, האָבן אַראָפּגעקוקט פון פענצטער.

די „גרינע״ האָט זיך געבעטן:—די טעכנישע אַנטוויקלונג פון אונדזער לאַנד האָט ניט קיין שום נוצן פאַר לאַנגע, אויסגעצויגענע שעהן. ס'איז דעם מענטשנס פּייאיקייט, וואָס האָט געשאַפן די בעסערע מעגלעכקייטן. מר. סיגעל וויל אָנהאַלטן זיין פאַבריק ווי אַ מוסטער פון אַלטן „סוועט־שאָפּ״. אַרבעטער פון אַלע שעפּער, העלפט אונדז! ס'איז אין די אינ־טערעסן פון דער גאַנצער אינדוסטריע איבערן לאַנד. . .

מר. סיגעלס טעכטערל, אַ פּולינקע, אַ זאַפּטיקע, ווי אַן עפּעלע נאָר נאָר וואָס פון ביימעלע, מיטן פּאָטערס ציניש שמייכל אויף איר נאַאיוון פּנימל, האָט געפרעגט:—פּאָפּאָ, האָסטו געזאָגט, סילוויאַ איז אַ „גרינהאָרן״?

— מר. סיגעל האָט אויף איר בייז אַ קוק געטאָן:—אין אַן עת־צרה ווערט דיר דאָס אייגענע לייב פרעמד. . .

דער באָס נומער 11 האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן ראָג גרענד און וועסט עדעמס. עס זיינען אַרויסגעגאַנגען מענטשן, וועלכע מר. סיגעל האָט נאָך קיינמאָל דאָ ניט געזען. ער קען כמעט יעדעס פּנים דאָ, אין גאַס. עס האָט זיך פאַרמירט אַ „פּיקעט״־דעמאָנסטראַציע איבערן גאַנצן לאַנגן בלאָק. נאָך דער דעמאָנסטראַציע איז צופעליק נאָכגעגאַנגען אַ קליינע לוויה. אַ שוואַרצער וואָגן און עטלעכע מענטשן ביי דער זייט, דאָס אַלץ. די דעמאָנסטראַנטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, סאַלוטירט דער איינזאַמער לוויה, ניט וויסנדיק אַז דאָס גיבן זיי אָפּ דעם לעצטן כבוד אַן עלנדער אַרבעטער-פרוי, וועלכע איז געפאַלן אין זייער געמיינזאַמען שטרייט. די פּאָליציי, וועלכע האָט אויך סאַלוטירט, האָט זיך פלוצלינג געכאַפּט, אַז די לאַנגע רייען פּלאַקאַטן, וואָס די פּיקעטס האָבן געהאַלטן, האָט זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ וואַנט קעגן אָפּענעם שאָפּ. די פּאָליציי האָט גע־נומען אונטערטרייבן: „גאָ און!״ (געגאַנגען). די פּלאַקאַטן האָבן אָנגעהויבן צו טאַנצן אַרויף און אַראָפּ פאַר מר. סיגעלס אויגן. ער האָט זיך פונ־דעסטוועגן ניט פאַרלוירן, מר. סיגעל. אין זיין סודותפולן מוח האָט ער שוין פריער געטראַכט, אַז מען וועט זיך דאַרפן ווידער פאַרקלייבן אַהין,

אין יענעם צימער פונעם אַמאָליקן רייכן הויף מיטן זייטיקן אַריינפאָר. מר. סיגעל האַלט שוין אָן דאָס צימער דאָרטן כמה וכמה יאָרן. אַרויס פון שטאָט, אָפּגערוקט פון דער גאַס, אפשר אַ האַלבע מייל, מיט אַ פּריצישן אַריינפאָר דורך אַ הויכן טויער — וועמען וועט עס איינפאַלן ?

דאָס דאָזיקע אַלטע צימער מיטן סקריפּעדיקן פּאַרקעט דיל און הויכער סטעליע, ווייסט אַ סך צו דערציילן: פון אַמאָליקן וואוילטאָג, פון גלאַנץ, פון איינזאַמע, אָפּגעקומענע לאָקאַטאָרן און . . . פון סטרייק־ברעכערישע מאַשינען.

די לאַנגע פענצטער מיט די פאַרקראַטעוועטע באַלקאָנדלעך קוקן אַראָפּ צו אַ געדיכט וועלדל פון נאָדל־ביימער. אַמאָל איז דאָ געווען אַ „באָדואַר" פון אַ האָליוואודער אַקטריסע ; שפּעטער—אַן עסצימער פון אַ באַטיטלטן דזשענטלמען און נאָך שפּעטער—אַ צימער פון אַ פּריוואַטן האָטעל. היינט איז עס אַ סקעב־שאָפּ פאַר מר. סיגעל. אָ, מר. סיגעל איז שוין אַ סך שווערע צייטן דורכגעגאַנגען דאָ, אין דעם דאָזיקן צימער. אין 1930—באַנקראָט; אין 1936—אַ סטרייק, אַ פאַרביטערטער סטרייק. מר. סיגעל וועט אים לאַנג געדענקען, און נאָך און נאָך. עמיצן דאַכט זיך אַז מר. סיגעל האָט זיך עס אַזוי לייכט אַרויפגעאַרבעט. ער איז געגנוג קאַלטס און וואַרעמס דורכגעגאַנגען ביז זיין שאַפּ האָט געקראָגן דעם נאָמען און דעם קרעדיט, וואָס ער האָט היינט. דאָ איז ער געזעסן שעהנ־לאַנג און האָט געלערנט מיידלעך אָפּאַרבעטן אַ זשאַקעטל. דאָ האָט ער אַרויפגענומען זיינע בוכהאַלטערס, אים „אויסצואַרבעטן" די חשבונות. אַלעמאָל, אין אַן עת-צרה, פאַרקלייבט ער זיך אַהער, דאָ אין דעם צימער, מאַכט אויף ס'נויטיקע ביסל אַרבעט אויף אַרויסצושיקן, דערנאָך גייט ער זיך שפּאַצירן אויף וועסט־עדעמס. ער ווויצלט זיך מיט די סטרייקער און מאַכט חוזק פון די יוניאָן־פירער. אמת, די אַרבעטער רופן דאָס אָן „לאַק־אַוט" (אויסגעשלאָסן פון דער אַרבעט). און אַז אַ „לאַק־אַוט" איז וואָס? ער איז עמיצן עפּעס שולדיק?...

מר. סיגעל איז מיט אַלעמען אויף „דו", ער שמאַיעט אַ־ום דער „פּיקעט־ליין", ווי להבדיל, איינער פון די סטרייקער.

— נו, טשאַרלי, האָסטו דאָס באַדאַרפן? וואָס האָסטו אויפגעטאָן?— דערלאַנגט ער דעם ביזנעס־אַגענט איינעם פון זיינע שמעקנדיקע ציגאַרן: —אַראָפּגענומען די מיידלעך פון דער אַרבעט און אונדז אַלעמען געלאָזט אָן פּרנסה . . .

טשאַרלי, דער ביזנעס־אַגענט, פאַררויכערט זיך דווקא זיין אייגן ציגאַרעטל און מאַכט צו מר. סיגעל אויך „דו":

— דאָס מאָל, סיגעלע, וועט עס דיר ניט אָפּגילטן. אַז דו וועסט ניט „סעטלען" (זיך אויסגלייכן) דעם סטרייק, וועסטו ליגן ניין איילן אין דער אַדמה. וועסט נאָך מיי מיר שטיין אין דער „ברעד־ליין" (בעטל־ברויט). מר. סיגעל האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט שוין דאָס אויך אַמאָל פאַרזוכט. אַ טיפע שנאה האָט אָנגעפילט זיין הארץ צו אָט־דעם שטאָלצן יוניאָן־פירער, וואָס ענטפערט אים אויף זיין יעדן גוטן וואָרט מיט אַ שטאָך. פונדעסטוועגן, ווען ער האָט געזען ווי די אַרבעטער, נישט נאָר די מיידלעך פון זיין שאָפּ, נאָר באַיאָרנטע מענטשן, אָפּערייטאָרס, פּרעסערס, שניידער, קלעפּן עס אַזוי אַרום דעם יונגן טשאַרלי, מיט אַזאַ צוטרויען און ליבשאַפט, איז ער שטאַרק מקנא געווען. ווי ער איז פאַר־האַסט אויף דער יוניאָן, וואָלט ער מסכים געווען, אַז זיין זון, דער צאַצקע־דיקער בן־יחיד, ווילי, זאָל ווערן אַ ביזנעס־אַגענט, אַבי ער זאָל אַמאָל עפּעס ווערן, עמיצער—אַ שטיקל לייט . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַבי איזי גלאָוב האָט געמיינט, אַז דאָ אין לאָס אַנדזשעלעס וועט ער זיך שוין אָפּרוען. אָפּגעאַרבעט וואָסערע פינף־און־דרייסיק יאָר, געלאָפן צו מיטינגען, געזעסן אויף זיצונגען, זיך אָנגעסטרייקט וויפיל ס'איז אין אים אַריין, איז ער פרי מיד געוואָרן. אַ מענטש אין די מיטעלע פופציקער, האָט ער שוין געהאַט אויסגעגעבן ביידע טעכטער און איז שוין גרייט געווען זיך אָפּצושפּילן די רעשט פון זיינע יאָרן מיט די אייניקלעך. ער האָט צו זיך אַליין געזאָגט:—גענוג, איזי, גענוג פאַר דיינעטוועגן. טאַקע צוליב דעם, וואָס ער האָט שוין געהאַט גענוג, האָט ער זיך אַריבער־געפּעקלט אַהער, קיין לאָס אַנדזשעלעס, זיך וואַרעמען אין דער זון. ער האָט מיט גרויס מי און אָנשטרענגונג אַריבערגעבראַכט די קינדער זיינע, ס'הייסט, ניט אַזוי די קינדער, ווי די אייניקלעך, וועלכע זיינען געוואָרן ממש דאָס גאַנצע חיות זיינס. און דאָ וויל ער שוין לעבן רואיק: אַוועק פונעם הו־האַ, אויס סעקרעטאַר, אויס שאַפּ־טשערמאַן, אויס פאַר־זיצער—מיט איין וואָרט—אויס! זאָלן שוין אַנדערע טאָן. ערשט ער קומט אַהער און געפינט אויס, אַז די גליקן זיינען דאָ נישט אַזעלכע גאָלדענע ווי מען הערט אין דער „איסט" (מזרח טייל פונעם לאַנד): קיין דירה איז ניט בנמצא. דאָס דרעס־פּאַך ליגט אין דר'ערד ביי די ווייבער, אַ מאַן האָט מען נאָך מורא אַרויפצולאָזן, ער קאָן נאָך קאַליע מאַכן דעם אָפּענעם

שאַפּ, דערנאָך גיי לאָד זיך מיט איםביים אומפּאַרטייאישן „טשערמאַן״ (בורר).

גייט ער אַזוי, איזי, פון דער יוניאָן אין מאַרקעט און צוריק. זיך אַרויפצוקריגן ערגעץ אין אַ שאַפּ אַריין איז איצט געווען איזיס גרעסטער וואונטש. וויפיל ער וועט פאַרדינען, וועט ער פאַרדינען, אַבי ערגעץ אַ בענקל. נאָר ס׳קריגט זיך ניט. וואוהין ער קומט אַריין, קוקט אים דער באַלעבאָס אָן מיט אַזאַ פאַרדאַכט, אָט פונקט ווי ער וואָלט געווען אַ פאַלנער גנב. ערשט איצט האָט איזי דערפילט זיינע פינף־און-דרייסיק יאָר נישט דערשלאָפענע נעכט. ליגט ער אַזוי, איזי, אויפן בערגל, אין האַלענבעק פאַרק, דרימלט און טראַכט:—הייסט עס, אָפּגעאַרבעט אַ לעבן און איצט קאָן איך קיין שטיקל דזשאָב ניט קריגן.—ער האָט דאָ אַזויפיל באַקאַנטע, „אָלד טיימערס״ (אַלטע בעל־מלאכות), פון קוני איילאַנד, פון די בראָנקס, אַלע זאָגן אים צו און ס׳לאָזט זיך אויס אַ בוידעם. וואָס וויטער האָט זיך אַלץ שווערער אָנגעלייגט אויף זיין געמיט דער שאַפּ. און נישט אַזוי דער שאַפּ, ווי דאָס וואָס ער האָט ניט קיין שאַפּ. זיינע באַקאַנטע האָבן אים אפילו געראַטן ער זאָל אויך אַריבער צו קלאָוקס (מאַנטלען), נאָר גיי אויף די עלטערע יאָרן און הויב זיך ערשט אָן צו לערנען אויפסניי. איבריקנס זעט ער ניט די גליקן ביי קלאָוקס אויך. שוין גלייכער ער זאָל געווען בלייבן אין ניו־יאָרק, וואו „דרעסעס״ (קליידלעך) איז אויך אַ פאַך. אפשר צוריקפאָרן? נאָר וואָס טוט מען מיט די קינדער? זיי זיינען נאָך ניט געקומען צו זיך פון דעם איבערברוך, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט, קומענדיק אַהער. דערצו געפעלט זיי גראָד דאָ, די מילדקייט פון קלימאַט, די ליבשאַפט פון דער זון, דער אייביקער זומער... געקראָגן עפעס שטיקלעך „דזשאָבס״, איינער פריער, איינער שפעטער, איינער ביי טאָג, איינער ביינאַכט; נאָר מען איז דאָך יונג, האָט מען זיך ווי עס איז צוגעפּאַסט. איזי קאָן שוין דאָס אַלעס נישט מיטמאַכן. און ווידער אָן די אייניקלעך איז זיין לעבן קיין לעבן ניט . . .

גייט ער אַזוי, איזי אין מאַרקעט, זוכן אַ באַקאַנטן, כאָטש רעדן מיט עמיצן פון אַרבעט. אַך, ווי ער פלעגט דאָס אַריינשיסן! אין ניו־יאָרק איז ער געווען פאַררעכנט צווישן די שנעלע. דאָ שושקעט מען זיך, אַז מסתמא איז ער ניט קיין בעל-מלאכה. אויף דעם באַגעגנט ער איינעם, זיינעם אַן אַמאָליקן שותף, מיט וועמען ער האָט געאַרבעט פון איין „באַנדל״ (בינטל). ווייזט אים יענער אַ צייטונג, אַז „סיגעלס ספּאָרטסוועאר״ זוכט אָפּערייטאָרס. — גיי אַרויף — טענהט צו אים זיין אַמאָליקער שותף.—

וואָס 'עסטו דערלייגן? איך קאָן דיר „קוואַראַנטירן" אַז מער ווי צוויי וואָכן וועסטו דאָרטן ניט שטיין. דערנאָך וועסטו קומען אין דער קלאָוק־מאַכער יוניאָן און פאַרלאַנגען אַן אַרבעט־קאַרט. אַלע ווייסן אַז ביי מר. סיגעל מאַכט מען קלאָוקס, נישט קיין ספּאָרטס.

די יוניאָן האָט שוין לאַנג געטראָגן אַ ביטער האַרץ אויף מר. סיגעלס שאַפּ. ווען ס'איז אויסגעקומען צו פאַרהאַנדלען מיט אַ באַלעבאָס, האָט ער געוואָרפן אין פּנים אַריין מר. סיגעלס „רעטהאָול" (מויזנלאָך, אויס־דרוק פאַר אָפענעם שאַפּ).—דאָ קומט איר שרויפן פּרייזן, יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק. אָבער אויף סיגלען האָט איר קיין שליטה ניט... די יוניאָן האָט זיך באמת געפילט אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט. שוין וויפיל מאָל געפּרוּווט אָרגאַניזירן און ס'גיט זיך ניט איין. מר. סיגעל ווערט ערגעץ איינגעזונקען מיט זיין שאַפּ, ווי אונטער דער ערד. דערנאָך טויכט ער אויף מיט אַ גאַנצן טראַנספּאָרט אויפגעמאַכטער סחורה.

— — — — — — — — — — — — — —

איזיס פרי־געעלטערט פּנים, זיין מידקייט און דערשלאָגנקייט האָט גראָד אַפּעלירט צו מר. סיגלען. ער האָט לאַנג געצווייפלט, אָבער איזי איז אים נאָכגעגאַנגען וואָכנלאַנג. צום סוף האָט ער באַשלאָסן, ער וועט אים אַרויפלאָזן אין שאַפּ אַריין.—איין שוואַלב קאָן דאָך קיין זומער ניט מאַכן.—האָט סיגעל געטראַכט און געלאָזט איזין זיך אָוועקזעצן ביי דער מאַשין. קיין קאָנטראַקט מאַכט ער ניט, מר. סיגעל, מ'עט זען.

דערהערט אין דער יוניאָן, אַז איזי גלאָוב איז אויסגעוואַקסן ביי סיגלען אין שאַפּ, האָט מען זיך געהאַלטן ביי די זייטן: „אַריינגעכאַפּט דעם ריכטיקן פויגל." ווען מר. סיגעל האָט אָפּגעזאָגט דער כלומרשטער „גרינער", איז שוין ביי דער יוניאָן געווען אין ברירה: איצט אָדער קיינמאָל ניט. מען איז אַהינגעגאַנגען צו איזין אין שטוב אַריין און מען האָט מיט אים גערעדט „אַזוי, און אַזוי, און אַזוי". איזי האָט זיך גע־קווענקלט. און נישט אַזוי איזי, ווי זיין ווייב, די גלאָובעכע: „לאָזט אונדז אָפּ", האָט זי גערעדט פאַר איר מאַן. „מיר האָבן גענוג סטרייקס אויסגעקרענקט." „וואָסזשע, איר האָט געוואַרט אויף מיר?" האָט שוין איזי צוגעגעבן מיט אַ פאַרביינונג.

ווי נאָר איזי איז אַריין אין דער ראָל, האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן די גאַנצע מידקייט. ס'האָט זיך אין אים צעברענט דאָס קעמפערישע פייערל פון יענע יאָרן, ווען ער האָט נאָך געהאַט אַ קאָפּ מיט געדיכט אויפגעשטעלטע האָר, ווי אַ קאַם ביי אַ האָן. ווען ער האָט נאָך געטאַנצט

אַ שער, אַז פונקען זיינען געפּליגען פון אונטער זיינע פיס. ער איז ממש ווי באַנייט געוואָרן, איזי. כאַטש ביי זיך און ביי זיין ווייב האָט ער באַשלאָסן, אַז מער ניט! נאָך דער שאַפּ און „נאָ מאָר" (מער ניט)! דאָס איז ניט זיין ערשטער באַשלוס.

איזין האָט זיך אַויסגעוויזן, אַז זיי ווייסן גאָרניט ווי אומצוגיין מיט מר. סיגעל. ער וועט אים איינעמען מיט גוטן. ער איז מיט אים אומגעגאַנגען, ווי מיט אַ ווייך איי: מר. סיגעל אַהער און מר. סיגעל אַהין. דאָס איז גראַד מר. סיגלען שטאַרק געפעלן. ער האָט ליב, אַז מען איז אָפּהענגיק פון אים.

ווי איבערראַשט איז מר. סיגעל געוואָרן, ווען איזי האָט אים פּלוצלינג אין מיטן העלן מאָנטיק צוגערופן צו רעדן מיט אים וועגן פּרייזן. ער וואָלט אים אַראָפּגעשליידערט פון אַלע טרעפּ, נאָר ער וויל זיך איצט נישט אָנהויבן. ער האָט זיך אָבער אַלע יאָרן געהיטן אַרויפצונעמען אַ מאַן אין זיין שאַפּ אַריין . . .

— — — — — — — — — — — — — — — —

נאָך מער איבערראַשט איז מר. סיגעל געוואָרן, ווען ער האָט אין אַ שיינעם זומערדיקן פאַרנאַכט אַרויסשפּאַצירט פונעם פּריצישן הויף און אויף יענער זייט גאַס דערזען איזין. יענער איז זיך אַזוי געשטאַנען, געראויכערט אַ ציגאַרעטל, אָנגעשפּאַרט אויף זיין, מר. סיגעלס „קאַר" (אויטאָמאָביל). זאָל דאָס זיין אַ צופאַל, פאַרוואָס־זשע גייט ער ניט אַוועק? ווייסט ער עפּעס, פאַרוואָס־זשע שטייט ער פונדערווייטנס?

דער קאַץ־און־מויז שפּיל איז אַזוי אָנגעגאַנגען לאַנגע וואָכן. איזי איז געוואָרן פאַרמאַטערט צום טויט. אויף זיינע און סילוויעס (דער גרינערס) אַקסלען האָט זיך איצט געהאַלטן דער סטרייק. אמת, די אַנדערע אַרבעטער האָבן אויך צוגעהאָלפן. די מיידלעך האָבן אַרויסגעוויזן אַזאַ וואוילקייט, אַז מען האָט זיך דאָס גאָרניט געריכט אויף די מעקסיקאַנער. מילא, די יידישע פרויען פון ניו־יאָרק און שיקאַגאָ, זיי זיינען שוין געוואוינט צו אַזעלכע זאַכן. אָבער דאָס „פּיקעטן" דעם שאַפּ איז געווען מער ניט ווי אַן אָנשטעל. דער עיקר איז געווען אים דאָ, אין דעם ברייטן אַריינפאָר, צו דערשטיקן. נישט לאָזן צופירן קיין אַרבעטער, קיין סחורה, קיין גאָרניט. און מער פון אַלץ, נישט לאָזן אַרויספירן, וואָס דאָס האָט געמיינט—היטן פיר־און־צוואַנציק שעה אַ טאָג.

אַריינגעמישט האָבן זיך דווקא מר. סיגעלס אייגענע פריינט, די באַלעבאַטים, ווען סיגעל איז געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלדז: — גיי,

סיגעל, וואָס ווּעסטו מאַכן שטיק! ס'לוינט זיך ניט. איין סעזאָן באַטרעפט מער, ווי די גאַנצע יוניאָן.

— עט—מאַכט מר. סיגעל, טאַפּנדיק מיט זיינע פלײשיקע פינגער די קאָרטן.—וואָס דערציילן זיי אים, ס'לוינט זיך ניט. ער ווייסט, אַז ס'לוינט זיך יאָ.—וואָס צאָלט איר פאַר אַ זשאַקעטל אויפמאַכן און וואָס צאָל איך? פון וואַנען דרינגט איר—האָט ער געפרעגט מיט אַ ניגון—אַז שיקסעס קאָנען ניט אַרויסגעבן אַזאַ גוטע אַרבעט ווי אָפּערייטאָרס?...

סוף־כל־סוף האָבן זיי באַוויזן אים אַריינצונעמען אין דער „אַסאָסיײישאַן”. און כדי די באַדינגונגען זאָלן אים חלילה ניט פאַרשאַטן, האָט מען אים צונויפגעפּירט אין אַן אָפּמאַך מיט דער „ספּאָרטסווער יוניאָן”. כאָטש מאַכן, מאַכט ער קלאָוקס, צוגלייך מיט די בעסטע קלאָוקשעפער אין שטאָט. נאָר מר. סיגעל האָט זיי אַלעמען אין דר'ערד—ווילאַנג קרענקען זיי, ווי ער וועט ניט האַלטן דעם אָפּמאַך. ער וועט זיי אַריינשיקן וואַקאַציע, וועט ער זיי.—כע־כע־כע—האָבן זיך זיינע אייגעלעך געפּרעגלט אין שמאַלץ.—זיבן־און־דרייסיק און אַ האַלבע שעה אַ וואָך—כע־כע־כע. די האַלבע שעה איז שוין גאָר חנעוודיק. אפשר זיבן־און־דריי־סיק מיט דריי־פערטל—ניין. און איר מיינט עס טאָקע?—אַזוי האָט געטראַכט מר. סיגעל.

נאָר די יוניאָן האָט אויך עפּעס געטראַכט. גראַד אין יענער צייט איז איר, דער יוניאָן, איינגעפאַלן אויפצושטעלן פּאַטרולן אַרום די „דע־לינקווענטס” (אָפּגעשטאַנענע), ביז זיי וועלן זיך איינברעכן און ווערן גוטע יוניאָן־שעפער...

❧☆❧

# די גרויסע פּאַרדינערין

**וויאַזוי** דאָס האָט פּאַסירט, וואָס ליליטשקע האָט ניט פאַרענדיקט „האַי־סקול״ און איז מיט אירע קנאַפּע זיבעצן יאָר שוין געזעסן אין שאַפּ, איז ניט געווען געגוי באַקאַנט, נאָר געטראָפן האָב איך זי ביי דער „העמ־סטיטשינג״ מאַשין.

זי איז געזעסן, אירע שמאָלע פלייצעלעך איינגעבויגן, דאָס קעפּל אַראָפּגעלאָזט צו די צוויי נאָדלען, וואָס האָבן געפּלאָנטערט מיט פעדים. די פּוכקע הענטלעך, וואָס האָבן געציטערט איבער דעם בלויען שטיק זייד, האָבן גלייך באַשטעטיקט אַז דאָס איז אַ קינד. נאָר אַז האָט זי אויפ־געהויבן דעם קאָפּ און באַוויזן אַ פאַרפלאַמט פּנימל, מיט אַ פּאָר ברוינע, פּייכטע אויגן, וואָס האָבן מיט שרעק געקוקט צו דער אָפיס־טיר, פון וואַנען איר אָנקל, מיסטער קעץ, קומט געוויינלעך אַריין.

אַזאַ טבע האָט זי שוין די מאַשין; גייט, גייט, לויפט אַפילו, און ליליטשקען איז שווער נאָכצוהאַלטן — מיט איין האַנט צוצופירן און מיט דער צווייטער אָוקצוציען די סחורה פון אונטער די נאָדלען. און פּלוצ־לינג גיט זי זיך אַ פאַרהאַק און שלעפּט נאָך אַמאָל אַריין אַ שפּיץ פון אַ קאָלנער אין די ציינדלעך אַריין. אמת, דעם פּוסטריט איז תמיד שווער צו פּרעסן, און צו לאָזן די מאַשין אין גאַנג איז אויך שווער, נאָר אַזוי־וי דאָס איז ליליטשקעס ערשטע מאַשין, ווייסט זי גאָרניט ציִ קאָן דאָס אַנדערש זיין.

ליליטשקע האָט מיט גרויס אַנגסט אַריינגעקוקט אין דער מאַשין. נאָר אַז איז דער אָנקל שוין צוגעקומען. ליליטשקע האָט אַ ציטער געטאָן. נאָר דער אָנקל איז גראַד היינט געווען זייער גוט אויפגעלייגט. אין אַ ניי־ברוינעם, גוט־געפּאַסטן אַנצוג. די רונדע באַקן האָבן געגלאַנצט ווי רייפע טאָמייטאָס (פּאָמעדאָרן) און אַ פּאָר אויגן, וואָס שווימען אַרום אין שמאַלץ, האָט ער אויסגעזעצן ווי אַן איבערגעפרעסן גאָלד־פישל מיטן פּעטן בייכל און קורצן עק.

ער האָט זיך צעשמייכלט און אַ זאָג געטאָן: „נאָך קענסטו ניט די תורה ? אַנו, לאָז מיך נאָר צו.״ ליליטשקע איז אויפגעשטאַנען און אַפּ־טרעטנדיק דאָס בענקל איר באַלעבאָס, האָט זי ווידער באַוויזן דאָס פאַר־פלאַמטע פּנימל, אויף וועלכן ס'האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אַן אומבאַ־

האַלפּענער, קינדערישער שמייכל. זי האָט זיך אָבער תיכף צוריק אויס־געדרייט און מיט גרויס אינטערעס אַריינגעקוקט אין אָנקלס הענט, וואָס האָבן זיך גענומען מייסטרעווען די מאַשין.

דער אָנקל האָט מיט גענױטקייט אַראָפּגעוואָרפן דעם רימען; האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון מאַשין; אָפּגעשרויפט, האָט ער גענומען אַרויס־שלעפּן פּעדים, וואָס האָבן זיך דאָרט היבשלעך אָנגעפּלאָנטערט. בשעת מעשה האָט ער געטראַכט, אַז ער וואָלט באַדאַרפן נעמען די אַלטע כאַליערע מאַשין און זי אַרויסוואַרפן צו אַלדע שווארצע יאָר. און זאָל מען אים אויפהערן דרייען אַ קאָפּ מיט פאַרריכטענישן יעדע מינוט. נאָר גיי מאַך איצט דעם „עקספּענס" (הוצאה), מ'שטיינס געזאָגט די גרויסע ביזנעס וואָס מען מאַכט עס איצט. אמת, צום לעצטן סעזאָן האָט ער חלילה ניט דערלייגט; טאַקע ווייניקער קליידער אַרויסגעשיקט, אָבער דער באַלאַנס איז דערזועלבער. אַ חוץ דעם, וואָס וואָלט ער געטאָן מיט די צווײ טעכטער וואָס ער האָט חתונה געמאַכט? אפשר אַרויסשיקן די איידעמס, די „גוד־פּאַר נאַטינגס" (שלים־מזלס), זיי זאָלן אים אַהיימברענגען צו פּופּציק דאָלער אַ וואָך? שותּפים איז אַ כשרער טאָפּ מיט אַ כשרן לעפל. אי זיי האָבן פּרנסה, אי די שטייערן, וואָס ער דאַרף אָוועקצאָלן באַטרעפן אפילו ניט קיין העלפט ווי פריער. נאָך אַ גליק וואָס ער האָט זיך געכאַפּט אין צייט און פאַרקאָכט אַ „קאָרפּאָריישאָן". צו ביזנעס מוז מען זיך אויסטויגן, אַ מוז מען . . .

— נאַ, גיי—האָט ער געזאָגט צו לילטשקען—און גיב אַכטונג: וועסט מיר נאָך צעברעכן די מאַשין און דאָס וועל איך האָבן פון דיין אַרבעט.

לילטשקען איז אין יענעם פרימאָרגן די אַרבעט אַוועק ווי געשמירט. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן שפּיץ בענקל, כדי בעסער צו קאָנען דער־גרייכן דעם טראָט פון דער מאַשין מיט איר נאָך־ניט־דערוואַקסן פיסל, און מיט דער גרעסטער איבערגעגעבנקייט געהיט די לעכעלעך וואָס זיינען אַרויסגעקומען אין אַ גלייכער שורה פון אונטער די נאָדלען אַרויס. זי האָט אפילו ניט באַמערקט ווען דער פאַרמיטאָג איז אַוועק. און ווען די אַפּערייטאָרס האָבן צוועלף אַזייגער אָפּגעשטעלט דעם מאָטאָר איז זי געוואָרן אַ פאַרציטערטע: אַהאַ, שוין ווידער פאַרהאַקט! וואָס וועט זי איצטער טאָן? נאָר באַלד האָט זי דערהערט רעדן אין די פאַרשיידענע טיילן פון שאָפּ, האָט זי זיך געכאַפּט אַז ס'איז מיטאָג־צייט. זי האָט זיך אַזוי גליקלעך צעשמייכלט, ווי אַ קינד ווען מען ווייזט אים דאָס ערשטע מאָל אַ טשיקאַווע שפּילכל. . . .

זי האָט זיך אויפגעהויבן, גענומען איר פּעקל עסן און איז צוגעגאַנגען צום לאַנגן טיש, וואָס די מיידלעך האָבן געהאַלטן אין פאַרשפּרייטן מיט פּאַפּיר. זי האָט זייער ליב געהאַט צו עסן צוזאַמען מיט די אַנדערע מיידלעך. דאָס האָט איר געמאַכט פילן ווי אַ פולע אַרבעטערין.

נאָך פּאָר איינס אַזייגער איז דער „אַנקל" (אַזוי האָט מען אים איצט גערופן צוליב לילִיטשקען) אַריין מיט אַ געפילדער, גלייך ווי ס'וואָלט געברענט דאָ אין שאַפּ און ער איינער אַליין דאַרף דאָס אַלעס אָפּראַטעווען:

— נו, וואָס וואַרט מען? איך דאַרף אַרויסשיקן די „ספּעשלס" (באַשטעלונגען). ער האָט געלאָזט גיין דעם מאָטאָר.

לילִיטשקע האָט זיך מיט גרויס חשק גענומען צום בינטל, וואָס דער אַנקל האָט איר אונטערגערוקט. זי האָט געאַרבעט מיט ברענענדיקן פלייס. נאָר די מאַשין האָט כסדר געפּייניקט. דאָ האָט זי געפּלאָנטערט, דאָרט האָט זי פאַרצויגן. אָפּטמאָל האָט זי זיך גאָר איינגעגראָבן מיט די נאָדלען אין דער סחורה און איז שטיין געבליבן. לילִיטשקע איז געווען פון יענעם מין אומגליקלעכע נאַטור, וואָס גיט זיך אָוועק אָן שום רעזערוואַציע. גאַנצענע טעג האָט זי געפלאַמט פון איבער־אָנגעשטרענגטקייט. אין די אָוונטן איז זי געווען מיד און שוואַך און איז אַוועקגעפאַלן שלאָפן ממש אַ פאַרחלשטע. אַ פריע עלטער האָט אַראָפּגענידערט אויפן קינדס געמיט. נאָר די טעג זיינען געלאָפן מיט פלייס און פיבער.

מיסטער קעץ, נאָכדעם ווי ער איז געשטאַנען אַ היבשע ווײַלע און מיט די אויגן איבערגעזיפּט דעם שאַפּ, האָט באַרעכנט, אַז זי, לילִיטשקע, וועט שוין בלייבן ביי אים די „העמסטיטשערין". וואָס דען, ער וועט צוריקנעמען די אַלטע קריסטאַלין פאַר פערציק דאָלער אַ וואָך? און איבעריקנס, מען דאַרף טאָן דעם ברודער אַ טובה און האַלטן דאָס מיידל אויפן דזשאָב. וואוהין וועט זי גיין, אַזאַ שנעקל? ווער וועט זיך עס איינשטעלן און זי צונעמען? און באַמערקנדיק לילִיטשקעס איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעט, איז ער צו איר צוגעגאַנגען און שוין געוואָלט איר געבן אַ גלעט. נאָר ווי ער האָט באַמערקט אַז לילִיטשקען בייטן זיך די פאַרבן, זי ווערט רויט און בלאַס, דערנאָך ווידעראַמאָל רויט, האָט ער פאַרשטאַנען אַז זי האָט שוין עפּעס אָפּגעטאָן. און טאַקע, אין די צייַנדלעך פון דער מאַשין איז געלעגן אַריינגעדרייט אַ מאַנקעט פונעם נייעם מאָדעל.

ווען אַ בליק וואָלט געקאָנט הרגענען אַ מענטשן, וואָלט אין יענעם מאָמענט זיכער אָוועקגעלייגט לילִיטשקען דעם אַנקלס בליק וואָס ער האָט איבער איר געפּייערט: — שוין ווידער? — האָט ער זיך אָנגעכאַפּט מיט

ביידע הענט ביי די צוויי פּולע באַקן.— ס׳העלפט ניט קיין לערנען און ס׳העלפט ניט קיין ווייזן. וואָס וועל איך טאָן מיט דיר? דיין טאַטע מיינט דאָך אַז דו ביזט שוין אַ גאַנצע קענערין; דו מאַכסט מיך דאָ רייך...

לילִיטשקע איז געזעסן אינגאַנצן אַ פאַרשולדיקטע. זי האָט אפילו קיין כוח ניט געהאַט זיך צו פאַרענטפערן.

פונדעסטוועגן איז זי געבליבן די „העמסטיטשערין״ אין שאָפּ. און ווען מען האָט אָנגעהויבן צו רייסן די אַרבעט פון אירע הענט: לילי דאָס, לילי יענעס, לילי, איך וואַרט דערויף, לילי, לילי — האָט זי זיך דערפילט אַ קראַפט אין שאָפּ און האָט אויסגערופן מיט שטאָלץ: „איך האָב בלויז איין פּאָר הענט.״

מיטאָגצייט האָט זי זיך צונויפגערעכנט די איבערשעהן. מיטוואָך ביז האַלב נאָך פינף, דאָנערשטיק און פרייטיק ביז זעקס. איר איז געוואָרן אומעטיק אויפן האַרצן. און זי וועט זיך ווידער ניט קאָנען קויפן די שיכלעך וואָס זי וויל. די מאַמע דאַרף באַצאָלן דירה־געלט. און אויף איר מזל וועט דער פּאָפּאַ די וואָך אויך גאָרניט אַהיימברענגען, אַזויווי יענע וואָך און פאַר צוויי וואָכן. מעג זי זיך געזעגענען מיט די שיכלעך. קליידלעך האָט זי דווקא עטלעכע. די מיידלעך שטעלן זיי אויף איר צונויף מיטאָג־צייט. איינס האָט זי ספּעציעל זייער אַ שיינס, פון בלויער טעפעטע מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער. אפילו אַ מאַנטל האָבן זיי איר אויפגעניית פון שטיקלעך וואָס דער אָנקל האָט איר געשענקט. אַ היטל דאַרף זי ניט. אַלע גייען דאָ אָן היטלעך. איבעריקנס האָט זי זיך אויסגעשטריקט אַ באַרעטל פון רויטן שעניעל, וואָס זי טוט עס אָן אויף איין זייט, איז עס מלא חן. נאָר שיך? ווי אַזוי קריגט מען די דאָזיקע שיינע שיך וואָס זי האָט געזען ביי „בולאָקס״? שוין וואָכן לאַנג אַז זי היט זיי אין שויפענצטער. און זי ציטערט נאָר אַז עמיצער זאָל זיי ניט אויסקויפן...

דער אָנקל זאָגט דאָך אַז אַלץ איז ביליקער געוואָרן — טראַכט לילִיטשקע ווייטער — טאָ פאַרוואָס דאַרף די מאַמע באַצאָלן אַזויפיל דירה־געלט? פינף־און־זיבעציק דאָלער! וואָס לילִיטשקע וואָלט ניט אַלץ גע־קויפט פאַר פינף־און־זיבעציק דאָלער? און ער, העגרי, איר יינגערער ברודער, וועלכער איז גרעסער און שטאַרקער פון איר, טוט גאָרניט. ער לערנט זיך, זאָגט ער; ער וועט ענדיקן הייסקול וועט ער קריגן אַ לייטישן „דזשאָב״. זי וואָלט זיך אויך געקאָנט לערנען... ווען דער פּאָפּאַ וואָלט כאָטש אויך עפּעס פאַרדינט, וואָלט זי זיך געקאָנט אָפּשפּאָרן די איבערשעהן. נאָר וואָס איז ער שולדיק, דער פּאָפּאַ? — נעמט עס איר

קלעמען ביים האַרץ.— לעצטנס גייט ער כסדר צופוס אין שפּיטאָל אַריין און זיצט דאָרט אַפּ גאַנצענע טעג. — איך פאַרדין ניט—זאָגט ער—און דאָס געלע פּנים זיינס ווערט פאַרגאָסן מיט קנייטשן — לאָמיך כאָטש ניט אײַנעקטראָגן פון דער שטוב די פּאָר סענט וואָס דאָס קינד ברענגט אַהיים. — און לילישקע האָט באַשלאָסן אָפּצוגעבן דער מאַמען די גאַנצע פינף-און־צוואַנציק דאָלער און אויך גיין צופוס, צו דער אַרבעט.

נאָך אַביסל און זי בעט ווידער דעם אַנקל ער זאָל איר העכערן. ער האָט דאָך געצאָלט קריסטאַלין פּערציק דאָלער אַ וואָך אַ חוץ איבער־שעהן. און זי, לילישקע, מאַכט דאָך איצט שוין די גאַנצע אַרבעט. נאָר זי דערמאָנט זיך דעם פּסק, וואָס זי האָט געכאַפּט, ווען איזי, אַן אַלטער אָפּערייטאָר, וועלכער זיצט נעבן איר מאַשין, האָט זי אָנגערעדט, אַז זי זאָל זאָגן דעם אַנקל, אַז זי קען ניט אַרבעטן אומזיסט; אַז זי מוז כאָטש פאַרדינען אויף צו לעבן. דעם אַנקלס טאָמייטאָ־באַקן זיינען געוואָרן טונקל־רויט ווי בוראַקעס. ער האָט אַרויסגעכאַפּט די אַרבעט פון אירע הענט און זי געוואָרפן צו דער ערד:— גיי דיר, גיי דיר פון דאַנען, איך וויל דיך מער ניט קענען!... דער סוף איז געוועזן, אַז זיי זיינען ביידע שיר ניט געפלויגן פון שאַפּ.

ביים געדאַנק, אַז זי מוז אים פאַרט נאָכאַמאָל בעטן, האָט זי אָנגע־הויבן פיבערן. גאַנצענע טעג איז זי אַזוי אָפּגעזעסן ביי דער מאַשין מיט הויכער טעמפּעראַטור. און די בעקעלעך האָבן געפלאַמט, געפלאַמט. זי האָט געהאַלטן אין איין פּלאַנירן וויאַזוי צוצוקומען צום אַנקלס האַרץ און אים דערקלערן, אַז זי קאָן ניט אַרבעטן פאַר אַ „ליטל נאַטינג" (אַ גאָרנישט), אַז דער טאַטע איז קראַנק און... נאָר ווען דער אַנקל איז צוגעקומען און ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אָט גייט זי און זאָגט, האָט זי פאַרלוירן ס'לשון. ביז, איינמאָל האָט זי זיך פּשוט צעוויינט.

לייבל, אַ יונגער מענטש, מיט קאָליר־לאָזע שטעכיקע האָר, ווי אַ באַרשט, איז ניט לאַנג צוריק געקומען קיין קאַליפאָרניע. נישט פון דער „איסט" (אַנטלאַנטישער ברעג), אַזוי ווי לילישקע, נאָר פונעם גיהנם, פונעם אָפּגרונט, פון יענער וועלט. אים איז גאָרניט אָנגעגאַנגען אין שאַפּ. ער האָט געהאַט איין ציל: וואָס גיכער זיך אויסצולערנען דאָס פאַך און פאַרדינען געלט. געלט, וואָס מען קאָן נישט אַלץ קריגן אין אַמעריקע פאַר געלט! ער האָט זיך געפלייסט און ס'איז אים געלונגען. אין איינע פּאָר חדשים איז ער געוואָרן דער שנעלסטער בעל־מלאכה אין שאַפּ און האָט אויף אַלעמען געקוקט פון אויבן אַראָפּ. פון דער יוניאָן האָט ער

געלאַכט, פונדעסטוועגן האָט ער זיך אָנגעשלאָסן. וואָרעם, אויב די יוניאָן קאָן אים העלפן אַרויפקריכן איין שטאַפּעלע העכער, איז ער גרייט צו באַלאַנגען. ער איז צוגעגאַנגען צו לילין, האָט אַרויפגעלייגט זיין פעסטע האַנט מיט קורצע, אונטערגעשניטענע פינגער, ביי איר אויפן קאָפּ און אָננעמענדיק זי ביי אַ זשמיט האָר, האָט ער אויפגעהויבן איר פּנים. ער האָט אַריינגעקוקט אין אירע פאַרטרערטע אויגן מיט אַ שטאָלענעם בליק: „וואָס וויינסטו, דו נאַרישע ציג? בעט בעסער דיין אָנקל ער זאָל דיר געבן אַ הוספה, זאָלסט ניט אַרבעטן אומזיסט, וועסטו פאַרשפּאָרן צו וויינען.‟ און האָט אָפּגעשטופּט מיט האַרטקייט, איר קאָפּ פון זיך. ליליטשקע האָט זיך דערשראָקן פאַר די שטאָלענע אויגן און האָט באַ־שלאָסן ביי זיך, אַז זי וויל מיט אים גאָרניט האָבן צו טאָן. ער איז אַ „מאָנסטער‟!

דעם אַנדערן טאָג, ווען ליליטשקע האָט גענומען איר פּעקל און האָט געוואָלט צוגיין צו די מיידלעך עסן מיטאָג, האָט זי דערפילט די שטאַרקע האַנט אויף איר אַקסל, וועלכע האָט זי אַראָפּגעזעצט צוריק אויפן בענקל. לייבל, אַן אומגעבעטענער, האָט זיך אויך צוגעזעצט. „נו, וואָס האָסטו באַשלאָסן צו טאָן?‟ האָט ער חוזקדיק געפרעגט, „האָסט נאָך אַלץ מורא?‟ אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און ביידע האָבן אָפּגעמאַכט, אַז ווי נאָר דער אָנקל וועט צוקומען און וועט זיין גוט אויפגעלייגט, וועט זי, לילי, אָנהויבן „אַזוי און אַזוי‟ און ער, לייבל, וועט ענדיקן: „דעריבער און דערפאַר דאַרף מען איר כאָטש צאָלן מינימום „סקייל‟.

דעם אָנקל האָט אַזש פאַרכאַפּט דער אָטעם פון כעס: אָט־דער גרי־נער שאַרלאַטאַן, אָט דער... האָט עס די חוצפּה!... אויסגעלאָזט אָבער האָט ער צו ליליטשקען. ער איז גרייט געווען איר אָפּצודרייען דאָס קעפּל מיטן שפּאָגל־נייעם „פּערמאַנענט‟ וואָס זי האָט זיך ערשט נעכטן דאָס ערשטע מאָל געמאַכט. ער האָט איר אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, אַז זי זאָל גיין פון דאַנען און זאָל זיך ניט דערוועגן מער אַרויפצוקומען אַהער...

שפּעטער אַביסל האָט אים אפילו באַנג געטאָן וואָס ער האָט זיך אַזוי אָפּגעריסן אויף דער מיידל. ער דאַרף נאָך די משפּחה זאָל אים באַרעדן!...

ליליטשקע איז פונדעסטוועגן יאָ געקומען דעם אַנדערן טאָג צו דער אַרבעט. אמת, געקאָסט האָט עס איר אַ שטיק פון איר יונגן לעבן. נאָר ס'האָט זיך גראַד אַזוי געמאַכט, אַז די אַנדערע מיידלעך זיינען אַרויפגע־גאַנגען צוזאַמען מיט איר. מען האָט זיך געריכט אַז דער אָנקל וועט מאַכן שטיק. נאָר דער אָנקל איז שטילערהייט גראַד געווען צופרידן וואָס

לילישקע איז צוריקגעקומען: „גיי הויב זיך אָן מיט אָן אייגענעם ברודער. נישט אומזיסט זאָגט מען, אַז מיט אייגענע איז בלויז גוט קוגל צו עסן."
ער האָט זיך ניט געוואָלט צוגעבן אַז ער האָט נאָך אַ שטיקל חשבון דערביי.

לילי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי דער מאַשין און די אַרבעט איז אַוועק אַ גאַנג. אַרום דריי אַזייגער איז צופעליק אַרויפגעקומען די „ביזנעס"־אַגענטין פון דער יוניאָן. נישט חלילה וועגן עפעס, גלאַט אַזוי אַ „סאָשל קאָל" (פריינדלעכער וויזיט). זי האָט זיך אַזוי פריינדלעך באַגריסט מיטן באַלעבאָס, נאָר וואָס מען איז זיך ניט געפאַלן אויפן האַלדז איינער דעם אַנדערן (דאָס איז געווען דער ניי־אַנגענומענער מעטאָד). מר. קעץ האָט זי אַריינגעפירט אין „שאָו־רום", געוויזן איר די נייסטע מאָדעלן און פאַר־זיכערט, אַז דאָס יאָר וועט ער האָבן אַרבעט „סטרייט" (אַ גאַנץ יאָר). צוליב דעם וואָלט מען באַדאַרפן האָבן איינזעעניש מיט אים און אים געבן אַ „פראָמאָשן".*

„פראָמאָשן"—דאָס איז געוואָרן דאָס שלאָג־וואָרט פון די באַלעבאָטים תיכף נאָך דער מלחמה. מיט „פראָמאָשן" האָט זיך עס אָנגעהויבן...

צווישן אַנדערן האָט מען אויך אַ רעד געטאָן וועגן לילישקען. צי האָט זי זיך אויסגעלערנט? צי איז זי צופרידנשטעלנדיק? לילי איז געזעסן ביי דער מאַשין און האָט געציטערט ווי אַ בלאַט אין ווינט. געוויי וואָס מען האָט גערעדט וועגן איר האָט זי ניט געהערט. פון איבערן הילצערנעם ווענטל האָט זי אויפגעכאַפּט בלויז איינצעלנע ווערטער:

„אַ קינד."

„נעווער מיינד."

„יוניאָן סקייל."

די ביזנעס־אַגענטין איז פּלוצלינג צוגעקומען, האָט לייכט אָפּגעשטופּט לילישקען פון בענקל (לילי האָט אַ פלאַטער געטאָן) און האָט אויסגעפּרואווט די מאַשין, וואָס האָט געהאַקט מיט שווערע, טרוקענע שטעך. זי האָט זיך אויפגעהויבן און איז מיט אַנטשלאָסענע טריט צוריק אַריין אין „שאָו־רום". זי האָט געלאָזט הערן איר קול עטוואָס העכער ווי געוויינלעך. נאָר די ווערטער זיינען פאַרשלונגען געוואָרן אינעם רויש פון די מאַשינען. מר. קעץ האָט געשמייכלט גאָלע האַניק. ער האָט אין זין געהאַט זיין „פראָמאָשן"....

---

*)„פראָמאָשן", ווי עס ווערט גענוצט אין דער נאָדל-אינדוסטריע, איז אַ פאַרקלענערונג פון די שכירות, כדי צו פעדערן דעם פאַרקויף.

ווען די ביזנעס־אַגענטין איז אַרויסגעקומען האָט זי ליליטשקען ניט געזען. זי האָט זיך געמאַכט אַז זי ווייסט גאָרניט פון איר עקזיסטענץ. זי האָט זיך געלאָזט אַוועקגיין. די „טשערלידי" האָט איר אַרויסבאַגלייט. נאָר איידער זי האָט צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך, האָט זי אַ פינטל געטאָן מיטן לינקן אויג צו דער „העמסטיטשניג" מאַשין. ליליטשקע האָט זיך ניט איינגעהאַלטן און האָט אַ שמייכל געטאָן. דער אָנקל האָט זי געכאַפּט ביים שמייכל און האָט איר צוגעשיקט אַ פייל פון בליק. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער אַרבעט.

דאָנערשטיק, ווען מען האָט אויסגעטיילט די שכירות האָט ליליטשקע געחלשט צוצולויפן צו די מיידלעך און זיי ווייזן איר טשעק. נאָר ס'איז שוין געווען צו שפּעט. דער אָנקל האָט שוין געררודערט: „טיים איז אַפּ" (די צייט איז אַריבער). כאָטש ס'איז נאָך געווען פינף מינוט צו איינס. זי האָט באַהאַלטן דעם קאָנווערט אין בוזים אַריין, ווי עפּעס אַ גרויסן, הייליקן סוד. ווי איבערראַשט איז זי געווען, ווען די מיידלעך, דערזעענדיק דעם טשעק, זיינען געוואָרן מלא כעס: „אַזאַ דבר אַחר, נוצט אויס די געלעגנהייט! נו, יאָ, אַז מען האַנדלט וועגן מינימום האָט מען אַ מינימום. אָבער וואו איז יוניאָן־„סקייל"? די מיידלעך האָבן געכאַפּט ליליטשקען און זיינען געלאָפן מיט איר אין דער יוניאָן.

— מר. קעץ, ס'איז די ביזנעס־אַגענטין — האָט די דערפאַרענע אָפּיס־מיידל געזאָגט צוהאַלטנדיק דאָס רערל פונעם טעלעפאָן.

— זאָג איר כ'בין נישטאָ. זאָג איר זי זאָל מיך לאָזן געמאַך. מען קאָן זיך גאָרניט אָפּטשעפּען פון זיי.

— זאָג מר. קעץ, אַז אויב „ער איז נישטאָ", קום איך גלייך אַרויף צו אים.

די מיידלעך זיינען געשטאַנען איבער דער ביזנעס־אַגענטין און האָבן אָנגעקוואָלן פון איר חכמה.

—„ליסטן היר" (הער זיך איין), מר. קעץ . . .

— אָלרייט, אָלרייט, ס'מוז דאָך ניט זיין מיט אַמאָל. דעם אַנדערן חודש וועל איך איר ווידער אויפבעסערן. וואָס איז צען סענט אויף דער שעה איז קיין געלט ניט? (צו דער מיידל): זיי מיינען אַז בלויז זיי קענען רעדן . . .

די מיידלעך זיינען אַוועקגעגאַנגען אַנטוישט. די ביזנעס־אַגענטין האָט זיך פאַרענטפערט: — וועל, איך „טריי מיין בעסט." רוים איז אויך ניט געבויט געוואָרן אין איין טאָג.

הייסט עס, אַז אָט־די קליינע לילישקע, מיט די ברוינע לאָקן אַרום איר ווייסן, דינעם העלדזל, מיט די לאַשטשענדיקע, גרויסע אויגן און פלאַכע פלייצעלעך ווי אַן אויסגעטאָקט ברעטל, שטעלט מיט זיך פאַר... רוים.

איינמאָל, לילישקע קומט צו דער אַרבעט — נישטאָ די מאַשין. דאָס אויסגעהוילטע געשטעל קוקט אויף איר ווי אַן אָפענער קבר. ס'האַרץ איז איר אויסגעפאַלן: אפשר האָט זי ניט באַדאַרפט גיין אין דער יוניאָן? ס'קוקט דאָך טאַקע אויס, ווי זי וואָלט אים פאַרקלאָגט. דער אָנקל האָט געקוקט פון דער ווייטנס און הנאה געהאַט דערפון וואָס זי צאַפּלט זיך. נאָר איזי, דער אַלטער פריינט ביי איר זייט, האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט זי זאָל זיך אָװעקזעצן. נישט אירע ביזנעס. דער אָנקל האָט איר גאָרניט געזאָגט, איז זי געקומען צו דער אַרבעט. לילי איז געזעסן אויף הייסע קוילן. אַלע אַרבעטן און זי זיצט. זי האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין. זי קאָן דאָך ניט אַזוי אָפּזיצן אַ גאַנצן טאָג. נאָר די אָפּערייטאָרס האָבן מיט זייערע בליקן זי געהאַלטן צוגעשמידט צום בענקל: — זיץ, זאָגט מען דיר! — האָט לילישקע דערהערט ניט ווייסנדיק אפילו פון וועמען.

דער אָנקל איז פונדעסטוועגן מיד געוואָרן פון לילישקעס ליידיק זיצן. ער האָט איר צוגעבראַכט אַ בינטל שמאָלע, אויסגעשטעפּטע פאַסן: — זיצסט, האַ? מ'האָט דיך אָװעקגעזעצט, זיצסטו. — אָנקל — האָט לילישקע געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט ניט געלאָזט: — אָנו, לאָמיך זען צי וועסטו דאָס קאָנען איבערקערן. נאָר זע, מאַך ניט קיין תל דערפון, דאָס איז „טרימינג" (אויפּפּוץ).

לילישקע האָט ניט אָנגעהויבן וויסן וואָס מען טוט מיט אַזעלכע פאַסיקלעך און וויאַזוי מען קריכט אַריין אין זיי. צום גליק האָט זיך פונקט דעמאָלט איינער פון די אָפּערייטאָרס געכאַפּט אַז ער דאַרף אויך איבערקערן עטלעכע פאַסיקלעך וואָס גייען צו זיין זשאַקעטל. — אָ, די עטלעכע פאַסיקלעך קען ער קיינעם ניט אָנטרויען, דאָס מוז זיין אָפּגעציאַצקעט. ער האָט גענומען אַ נישט פאַרשניצטן בלייער, האָט אַריינגעשטופּט אין פאַסיקל און איבערגעקערט. לילישקען איז זייער געפעלן דער אויפטו, האָט זי אויך אַזוי געטאָן און ס'איז געגאַנגען פון דער האַנט.

מען האָט זיך דערוואוסט אין שאַפּ, אַז מר. קעץ האָט אָװעקגעגעבן די העמסטיטשינג מאַשין אויף איבערצואַרבעטן. צוריקגעקומען איז זי, די מאַשין, הייסט עס, אַ גלאַנציקע, אַ נייע. לילישקע האָט זי גאָרניט דערקענט. און געגאַנגען איז זי, ווי געשמירט. מיט יעדן שטאָך בעסער

און בעסער. און שטיל—מען האָט גאָרניט געהערט צי ס'איז דאָ אַ מאַשין אויף דער וועלט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

חדשים זיינען פאַרגאַנגען אַזעלכע אַ סך. און וואָכן זיינען פאַרפלויגן נישט באַמערקטערהייט. ליליטשקע, וואָס האָט דורך די טעג געפּלאָמט פון אָנשטרענגונג, האָט זיך אין די אָוונטן געבלייכט. אַ דינער, בלויער הייטל האָט זיך פרי פאַרצויגן אונטער די סאַמעטענע אויגן. און די פּוכקע הענטלעך האָבן זיך שנעל אויסגעביינערט. נאָר אין איר קינדישן בליק, אינעם בליק וואָס וועט שוין אפשר אַזוי אייביק בלייבן קינדיש, האָט געטאָגט אַ פונק פון נצחון.

# שיע זנאַנסקי

**שיע** האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז ער קאָן ניט מער. ער קאָן ניט אַהיים־קומען און טרעפן אַן אומעטיקע שטוב, שאָטנדיקע ווענט, און די ווייב מיט אָנגעגאָסענע אויגן. שוין אַ שטיק צייט, אַז אים שרעקן די פאַר־נאַכטן. דער קאָנטראַסט פונעם הו־האַ אין שאַפּ, נאָכדעם דאָס אַרויפשטופּן זיך, אין גרעסטן געדרענג, אויפן באָס, דאָס אָנכאַפּן זיך אָן עפּעס, וואָס ס'לאָזט זיך, כדי ניט אומצופאַלן דערנאָך אין מיטן בעסטן שמועס מיט שכנים, אויסגעשעפּיגן צו ווערן פאַר זיין טיר און אַריינצופאַלן אין אַ מרה־שחורהדיקער שטילקייט.

וואָס אַן אמת, דאָס אָוונט־ברויט איז פאַר אים שטענדיק גרייט און זיין ווייב, פאַניע, האַלט עס וואַרעם פון פינף אַזייגער אָן און קוקט אַרויס אויף אים, ער זאָל שוין אָנקומען. וואָסזשע, זי האָט עפּעס אַנדערש וואָס צו טאָן? דאָס הייסט, זי וואָלט געהאַט אַ סך וואָס צו טאָן: זי וואָלט באַדאַרפן אויסצוליפּטערן די קליידער פון שאַפּע; צונויפלייגן דאָס ווינטערדיקע בעטגעוואַנט. זי וואָלט באַדאַרפן עפּעס איבערנייען, פאַר־ריכטן, אָנשרייבן אַ פּאָר בריוו צו אירע קרובים. יענע זיינען ברוגז סכנות נפשות, שטורעמען פאַרוואָס זיי שרייבן ניט און, דער עיקר, וואָס מען הערט פון שלמהן. נאָר פאַניען לייגן זיך ניט די הענט צו גאָרנישט. זינט יענעם טאָג, ווען זי האָט דערהאַלטן די ידיעה: „מיסינג אין עקשן"

(פֿאַרלוירן־געגאַנגען בעת אַ שלאַכט), איז עס געפֿאַלן איבער איר ווי אַ טויט־אורטייל. זי איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ צאַנקנדיק ליכט, וואָס וואַרפֿט פֿון זיך מער שאָטן ווי שיין.

ווען דער מאַן האָט אין די אָוונטן אויפֿגעשלאָסן די טיר (ער האָט קיינמאָל ניט אָנגעקלונגען) איז זי געשטאַנען אַ פֿאַרלוירענע, די הענט אַראָפּגעלאָזט, פֿאַרשעמט; אויפֿן פּנים אַ פֿאַרשולדיקט שמייכעלע. גלייך ווי זי וואָלט אין דעם אַלעמען שולדיק געווען; גלייך זי וואָלט עס געבראַכט אויף דער וועלט פֿאַרשפּעטיקטע בריוו פֿון אומגעקומענע זין....

זי האָט געוואונקען, ניט גערעדט צום מאַן, ער זאָל זיך גיין וואַשן און זעצן צום טיש. דעם מאַן האָט זי פֿונדעסטוועגן געוואוסט אָפּצוהיטן: אַ מאַנצביל, וואָס ווייסט ער? צי ווייסט עמיצער בכלל? צי קאָן עמיצער גאָר דערגיין? באַנעמען? ווען ס׳טרעפֿט, טרעפֿט . . .

נאָר גאָרניט, זאָל ער טאָקע ניט וויסן. ס׳לעבן איז אים אַזוי אויך ניט גרינג. לעצטנס איז ער גאָר פֿאַרעלטערט געוואָרן; קרעכצט, שפּייט, קומט אַריין און פֿרעגט זיך אפֿילו ניט נאָך, צי ס׳איז עפּעס אָנגעקומען.

ס׳איז געווען אין מיטן הייסן זומער. אין שאָפּ איז דווקא געווען אַ סך אַרבעט. היטלעך און קאַשקעטן אויסגעשטעפּטע זיינען געשטאַנען סאָרטירט אין סטויגן ביז אונטער דער סטעליע. אין שאָפּ איז געווען געדיכט. דער „סמאָג״ האָט געבערנט די אויגן. די אַרבעטער זיינען געווען צעררייצט. יעדע מינוט האָט אַן אַנדערער אויסגעשריגן: „דאָנט באָדער מי!״ (דריי מיר ניט קיין קאָפּ). דזשאָו פּערניק, אַ קליין־געוויקסיק מענטשל, מיט אומגעוויינלעך רויטע בעקלעך, האָט זיך געפֿילט דאָס האַרץ און געשמייכלט פֿאַרלוירן. נאָר דער לאַנגער סלאָנים האָט אים געכאַפּט ביי דער האַנט און גענומען חוזק מאַכן: „האַלט זיך ביים האַרץ און שיסט. איך זאָג אים—האָט ער אַריבערגערעדט צו דער קעגנאיבערדיקער מאַשין—ווילסט אַריינכאַפּן? לאָז איבער דאָס האַרץ אין דער היים.״ גענדלמאַן, וואָס האָט זיך אויך ניט געפֿילט אַזוי אַי־אַי־אַי, האָט געלאַכט מיט אַ טרוקן, אָפּגעהאַקט געלעכטערל—כע, כע, כע.

מר. קאָרפּ, דער באַלעבאָס, איז געשטאַנען אין דער זייט זון האָט גערויכערט זיין ליולקע. ער האָט זיך זייער ליב געהאַט אין דער פּאָזע מיט דער ליולקע אויף איין זייט מויל. ס׳איז זייער מענלעך אַזוי און גרויס־שטאָטיש. ער איז תמיד גלאַט ראַזירט, מיט בלויז אַן אַנדייט אויף וואָנ־צעלעך. טראָגט שיינע ספּאָרטהעמדער און אַ לייכטן גאַבאַרדין זשאַקעט אויף אַרויסצוגיין. ער איז ניט פֿון די באַלעבאַטים וואָס שמייען אַרום

אין שאַפּ. ער האַלט זיך געלאָסן און ווירדיק—אַ פּאַלנער דזשענטלמאַן. ווי ער שטייט אַזוי און באַטראַכט זיין „סעט“, די אָפּערייטאָרס: זנאַנסקי, דאָס איבערגעוואַקסענע קינד; פּערניק, וואָס האַלט זיך ביים הארץ; גאָלד־בערג, וועלכער היט דעם זייגער; סלאָנים, דער קונצנמאַכער; „שעלשאַקד“ סיימאָן, וואָס ס׳נעמט אים אַ האַלבע שעה ביז ער פאַרשטייט וואָס מען רעדט צו אים. ער האָט זיך דאָס איינגעהאַנדלט אַ כאַפּטע, לויטער קאַליקעס. און די צוויי בלאַקערס זיינען בעסער? מ׳שוויצט און מען שוויצט און ס׳איז נישטאָ וואָס צו זען. אַבי גיב זיי אַ יוניאָן־קאָנטראַקט. נאָר אַ יוניאָן גיב זיי...

שיע האָט געקוקט אויפן זייגער, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט. ס׳איז ממש ניט איבערצוטראָגן, די היץ זעצט און דער ווייזער קריכט. ער וואָלט היינט אַוועקגעגאַנגען אַביסל פריער. ער האָט אין דר׳ערד די פּאָר דאָלער, אַלץ איינס קבצן. נאָר ס׳שטייט אים ניט אָן. ער דאַרף נאָך אַריינפּאַלן צום לאַנגן סלאָנים אין מויל אַריין, מער פּעלט אים ניט. יענער מיינט אויך, ער וועט זיך מיטנעמען דעם שאַפּ אין קבר אַריין. נאָר אַי, ס׳שטיקט, וואָס טוט מען? ס׳נאָך דאַכט זיך קיינמאָל אַזאַ געדיכ־טעניש ניט געווען. ממש מיט אַ מעסער צו שניידן.

דער זייגער האָט ענדלעך אָנגעצויגן אויף האַלב נאָך פיר. זון גאָלדבערג, דער שאַפּ־טשערמאַן, האָט אַ פייף געטאָן אויף זיין פייפל. מר. קאַרפּ האָט פיינט דעם דאָזיקן פייפל בתכלית שנאה. אים ווייזט זיך אויס, אַז אַלץ וואָס דער טשערמאַן טוט אַ גאַנצן טאָג איז, ער פייפט אויפן פייפל; און אַלץ, וואָס די אַרבעטער טוען—זיי זיצן און וואַרטן ער זאָל פייפן. אַי די סטויגן אָנגעשטעפּטע היטלען?—עי—האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט—אויך מיר אַרבעט!—אין זיינע יאָרן, אַז אַן אָפּערייטאָר האָט זיך אַוועקגעזעצט זיבן אַזייגער אין דער פרי ביי דער מאַשין, האָט געמעגט דונערן און בליצן... מ׳האָט דעמאָלט אויך געפייפט אויפן פייפל, נאָר ס׳געווען גאָר אַנאַנדער פייפן. ער אַליין פלעגט אָנ־שטעפּן צענדליקער טוצן היטלען אַ טאָג. מען האָט ניט געציילט אויפן שטיק ווי היינט, נאָר אויפן שאָק. און מען האָט ניט געציטערט איבער דער מינוט. דעמאָלט האָבן זיך טאַקע מענטשן אַרויפגעאַרבעט. וואָדען, אַזויווי היינט? היינט גייט מען דאָך געבראָכן נעבן די אַלטע קאַליעקעס...

שיע האָט מיט די לעצטע כוחות דערצויגן און איז דער ערשטער אַראָפּ פון שאַפּ. נאָר ווען ער האָט זיך דערזען אויף דער גאַס, האָט ער דערפילט, אַז ער קאָן ניט אַהיים־גיין. ער קאָן ניט פאַרטראָגן די אומ־ברחמנותדיקע שטילקייט אין הויז; ער קאָן ניט צוקוקן, ווי די זון גייט

אויס אויף זיינע שויבן; ער קאָן ניט אויסהאַלטן דעם שטומען מאָלצייט ביים טיש. מיט איין וואָרט, ער קאָן ניט. אמת, זיין ווייב פאַניע האָט זיך ניט איינמאָל באַמיט אָנצושלאָגן אַ שמועס ביים עסן, נאָר ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:—מען דאַרף ניט, ס'עט שוין זיין גוט אַזוי אויך. זיי זיינען חלילה ניט ברוגז, אַדרבא ואדרבא, זי דערלאַנגט צום טיש, נעמט צו פון אונטער די הענט. ער ברענגט אַהיים זיין טשעק, טראָגט אַראָפּ ס'מיסט, נאָר ס'איז נישט דאָס. ער ווייסט גאָרנישט ווען און וויאַזוי דאָס האָט פּאַסירט, וואָס זיי זיינען אַזוי אָפּגעפרעמדט געוואָרן. זיצן צוויי מענטשן, מאַן און ווייב, און קאָנען ניט געפינען אַ וואָרט, וואָס זאָל זיך קלעפּן צו זאָגן איינער צום אַנדערן. יעדער פאַרזונקען אין זיינע אייגענע געדאַנקען. ווייט, מיילן־ווייט איינס פון ס'אַנדערע. ער טראַכט געוויינלעך, אַז ווען דער נס זאָל געשען און שלמה זאָל אַהיים־קומען, וואָלט ער איצט אַלט געוואָרן דריי־און־צוואַנציק יאָר. ער וואָלט זיך עס אָפּגערעכנט מיט דער יידענע. ער וואָלט איר באַצאָלט פאַר אַלע פּינצטערע טעג, וואָס זי האָט אים פאַרשאַפט. אַ יידענע זאָל עס נאָר ליב האָבן אויסצוטייטשן צום שלעכטן! וואָס מען טענהט צו איר: „מיסינג אין עקשן" מיינט נאָך חלילה ניט געשטאָרבן. נאָר גיי רעד, אַז ס'דען דאָ צו וועמען צו רעדן? זיצט מיט אָנגעגאָסענע אויגן, ווי די טייכן, און קוקט, ווי אין אַ וויסטער חורבה אַריין. זאָל ער נאָר קומען, מיין שלמהלע, וועל איך איר וויזן, וועל איך איר!

זי דאַקעגן, האָט מערסטנס געטראַכט פונעם יינגלס קינדערשע דרכים. ווי ער פלעגט דאָס אויסשטרעקן דאָס פּיצינקע הענטעלע און מאַכן „ביי־ביי". ווי דאָס קינד האָט עס געביטן די קאָלירן יעדע פּאָר חדשים. געבוירן געוואָרן איז עס מיט אַ גאָלן קאָפּ, ווי אַ שאַרבן. דערנאָך האָט אים געגומען אָנוואַקסן אַזאַ ברוינלעכער מאָך אויפן קעפּל. דערנאָך האָט זיך דער מאָך אָנגעקרייזלט אין געדיכטע, שוואַרצע קרייזעלעך, ווי ביי אַ לאַם. און נאָך דערנאָך האָבן די שוואַרצע קרייזעלעך גענומען אַראָפּהענגען אויפן האַלדז, אויפן ווייסן שטערן. און ווען זי איז געגאַנגען מיט אים אין גאַס, האָבן מענטשן באַוואונדערט: „זע נאָר, ס'אַ שיין מיידעלע". דאָס קינד האָט ניט געוואוסט פאַר קיינעם און פאַר גאָרניט מורא צו האָבן. אין פּאַרק האָט ער געהאַווקעט אויף יעדן הונט; נאָכגעלאָפן דער קאַץ; האָט זיך נאָכגעקרימט די קאַטשקעס. ער האָט געשפּאַנט גלייך און ווען מען דערכאַפּט אים ניט, וואָלט ער אַזוי אַריינגעשפּאַנט אין טייך אַריין. ווי ער האָט זיך דאָס געטוליעט צו יעדן מענטשן, וואָס ס'איז אים אונטערגעקומען. זי געדענקט, אַז זי האָט דאָס קינד אַזוי ליב

געהאַט, אַז זי האָט געגאַרט אים צו האָבן צוריק אין איר אינגעווייד. נאָך היינט, ווען זי טראַכט דערפֿון—און ווען טראַכט זי דען ניט?—איז זי עפּעס אין אַ טראַנס, איינגאַנצן אין אַן אַנדערער וועלט.

פֿונדעסטוועגן האָט זי אים ניט געהאַלטן ביים פֿאַרטוך ווען ער איז אונטערגעוואַקסן. ניט געצאַצקעט זיך מיט אים צופֿיל. איין קוק איז געווען גענוג, אַז זי זאָל אים אַרויסלייענען זיינע אינערלעכסטע פֿאַרלאַנגען. דער יינגל, פֿון גרויס איבעראַשונג, פֿלעגט זיך יאָ אָפּטמאָל צוכאַפּן און אָפּפֿייערן דער מאַמען אַ קוש, אַז ס'האָט אַזש אָפּגעקלונגען. דאָקעגן צווישן פֿאָטער און זון איז געווען אַן אָפֿענע ליבע. זנאַנסקי פֿלעגט עס דעם בחורעץ אָנבוצקען וויפֿיל ס'איז אין אים אַריין. און אַז דער זון האָט געוואָלט אָנלערנען דעם טאַטן, האָט ער אים געכאַפּט אויף די פּלייצעס, אים אַריינגעטראָגן אין צווייטן צימער און אים אַ וואָרף געטאָן אויפֿן בעט: זאָל ער וויסן!

צו פֿופֿצן יאָר האָט ער אויסגעזען אַזוי ווי זי, די מאַמע זיינע, ווען זי איז אַראָפּ פֿון שיף. זי איז דעמאָלט אַלט געווען זיבעצן. אַ שמאָל געשטעל מיט דינע פּלייצעס; אַ ברוינלעך רונד פּנים מיט פֿאַרזשמורעטע, גרויע אויגן. און אַן איינגעהאַלטן שמייכעלע אַזאַ, גלייך ווי זי וואָלט געוואוסט אַ סוד און זאָגט עס קיינעם ניט אויס. נישט מער, ער, דער זון, האָט נאָך געהאַט דעם פֿאָטערס בלויען גלאַנץ אונטער זיינע טונקעלע וויעס; דעם פֿאָטערס טרוים, דעם פֿאָטערס גלויבן, וואָס ער האָט געטראָגן מיט אַ מין פֿייערלעכקייט אין זיינע אויגן. און איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער. און אַזוי איז ער שוין פֿאַרבליבן. צו ניינצן יאָר, ווען מען האָט אים אַוועקגעשיקט, האָט ער זיך קיין סך ניט געענדערט.

— — — — — — — — — — — — — — —

וואַרטנדיק לאַנג אויפֿן באָס, האָט שיע געטראַכט וועגן די אָנקומענדיקע ימים טובים. אַלע יאָרן, זינט ער געדענקט, פֿלעגן זיי קויפֿן צוויי בילעטן און גיין אין שול אַריין. נישט אַזוי צוליבן דאַוונען, ווי לשם געוואוינהייט. מען וואוינט שוין אויף סיטי טעראַס זינט שלמהלע איז אַלט געוואָרן דריי יאָר, מען קען יעדן שטיין אין גאַס, איז גוט זיך צו טרעפֿן מיט מענטשן. מען כאַפּט אַריין אַ „שמע קולינו“ און מען גייט אַרויס זיך וואַרעמען אויף דער זון. איין זאַך פֿאַרדריסט אים: וואָס די קלאָוקמאַכער האָבן אַ טבע גאַנץ ימים נוראים צו שטיין אַרום דער שול און רעדן וועגן שאַפּ, און נישט אַזוי וועגן שאַפּ, ווי וועגן דער יוניאָן. שמואל מאַנדלבערג, אַז ער גיט עמיצן אַ „כאַפּ אַן ביים לאַץ“, איז ער גוט

פאַרן טאָג. די „פּיינטערס״ (מאַליערס) רעדן דאָך אויך וועגן פאַך, ווי יעדער בעל־מלאכה, נאָר די קלאָוקמאַכער הערן ניט אויף. ער מוז זאָגן, אַז זיינע חברה, די „קעפּמייקערס״, זיינע טאַקע „בעסערע מענטשן״. צו ונתנה תוקף גייט מען אַריין, צו שופר־בלאָזן אויך, צו מזכיר נשמות, אוודאי און אַוודאי. ביים געדאַנק פון מזכיר נשמות האָט ער אַ ציטער געטאָן. דאַכט זיך הייס, און דאָך האָט אַ קעלט אים אַרומגענומען. וואָס וועט ער טאַקע טאָן דעם יום-כפור? מזכיר זיין צי ניט? ער דערציילט ניט דער יידענע, נאָר ער האָט זיך שוין עטלעכע מאָל געכאַפּט אין שול ביים קדיש. דאָס הייסט, ער אַליין זאָגט ניט קיין קדיש: ערשטנס, גלויבט ער ניט אין דעם; צווייטנס, האָט ער צייט. ער דאַרף דאָך ניט כאַפּן די נעץ פאַר די פיש...

שפּעט אין אָוונט האָט ער זיך שווער אַרויפגעשלעפּט די שטיי־נערנע טרעפּ. ער האָט זיך אויסגעשנייצט די נאָז און האָט אויפגעשלאָסן די אייזערנע טיר. אין פּאַניעס אויגן איז אַרומגעשפּרונגען אַ פראַגע־צייכן. ער האָט פאַרשטאַנען די פראַגע און האָט געענטפערט: „ניין, גאָר־נישט. ס'האָט זיך מיר פאַרגלוסט צוצוגיין אַ ביסל אין האַלענבעק פּאַרק. אַ גאַנצן זומער זיינען מיר ניט צוגעגאַנגען זען ווי די קאַטשקעלעך שווימען. אַמאָל האָט מען דיך ניט געקאָנט אָפּרייסן.״ ער האָט געוואָלט זאָגן: „דיך מיטן קינד״, נאָר ער האָט זיך געכאַפּט אין צייט און אנשטאָט דעם אַריינגעוואָרפן אַ פאַרוואורף: „און היינט...״—ס'איז שווער געווען פאַר איר צו באַשטימען וואויהין דער פאַרוואורף איז געצילט: צי קעגן דעם אַמאָל ווען זי איז געשטאַנען מיטן קינד און האָט זיך צוגעקוקט, ווי די קאַטשקעלעך צעשפּילן דעם טייך, צי צו דעם, וואָס זיי זיינען דעם גאַנצן זומער אָפּגעזעסן צווישן די פיר ווענט. זי האָט פאַרשטאַנען אים ניט צו פרעגן קיין קשיות; געקומען שפּעט, איז ער געקומען שפּעט. זי האָט אים אָנגעוואָרעמט דאָס עסן, אים דערלאַנגט צום טיש אָן דעם מינדסטן אָנצו־הערעניש פון אַ פאַרוואורף. נאָר איר ווייבעריש אויג האָט באַמערקט, אַז ער פאַרקעט עפּעס דאָרטן אין טעלער, פאָרקעט, נאָר עסט ניט. זי האָט זיך ניט געטרויעט צו פרעגן, ווי קומט ער גאָר פּלוצלינג אין האַלענבעק פּאַרק? זי האָט געפילט, אַז איר קול וועט ניט אויסהאַלטן, וועט זיך איבערברעכן.

— איך זיץ זיך אַזוי אויפן בערגל ביי דער אַליי, וואו מיר פלעגן אַלע מאָל זיצן מיטן קינד—האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט און פאַר'האַקט.— זי האָט פאַרשטאַנען און געוואַרט:—וואָלסט דעם פּאַרק ניט דערקענט; נייע

הייזער אַרום און אַרום, און אפילו די אַלטע זיינען אויך באַגייט געוואָרן. איך גיב אַזוי אַ קוק איבער דער בריק, די זון זעצט זיך און צינדט אָן אַ פלאַם איבערן טייך. אַכט אַזייגער. די זון זעצט זיך. און מיר האָבן אפילו ניט באַוויזן אַרויסצושטעקן די נאָז פון דאַנען, פון דער דאַזיקער אָנגעהייצטער קוזניע. ווי איך זיץ אַזוי און באַטראַכט דאָס וועלטל אונדזערס, ערשט נעכטן... קומט צולויפן דעניעלס. ער האָט זיך דאָס דערפרייט מיט מיר. וואו מיינסטו איז ער געווען? דאָרטן ביי די טישן. ער איז געזעסן און האָט געריבן אין קאָרטן מיט זיינע „תנאים". כ'האָב אים שוין פריער באַמערקט, נאָר כ'האָב זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק. ס'האָרץ איז ניט דערביי. אַז מען גיט זיך אַזוי אַ דערמאָן... ערשט ער לויפט מיר נאָך: פאַרוואָס מען זעט אונדז ניט? וואָס דו מאַכסט און צי קריגן מיר בריוו?... האָט ער מיר דערציילט, אַז ער מיט זיין סיידי זיינען געווען אויף וואַקאַציע. און ווייסטו וואוהין מ'איז פאַרפאָרן? אַזש קיין יאָסעמיטי. אַריינגעזעצט זיך אין דער טאַראַרייקע און הײדאַ! מיר וואָלטן אויך געדאַרפט קויפן אַ שטיקל „דזשעלאָפּי"(אַלטער אויטאָמאָביל). אַז מיר זאָלן אויפגעריכט ווערן עפּעס מיט אַ גוטער בשורה... אָ, ער דער־ציילט זיך אָן גרויסע נסים פון דאָרטן, פון די בערג מיט די טאָלן; ער האָט זיך גאָרניט געקאָנט אָפּלויבן פון די וואונדער. כאַי וואָלט איך אים געוואָלט געזאָגט, וואָלט ער אונדז געוואָלט געקאָנט מיטנעמען. אַז מען האַלט זיך אַזוי פון דער ווייטנס פון יעדן איינעם. מען קאָן פאָרן אַהין מיטן באַס אויך— האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט און געקוקט פאַרוואונדערט אויף פאַניען. ער האָט זיך אַליין נישט געגלויבט, אַז ער האָט דאָס טאַקע אַרויסגעזאָגט און האָט זיך פאַרענטפערט: נישט געהאַט קיין שטיקל וואַקאַציע שוין אַ קיימאַ־לן פון יאָרן.

— האָסט נישט געאַרבעט קנאַפּע צוויי חדשים דעם זומער—האָט זי געזאָגט און זיך גלייך צוריקגעכאַפּט, דער מאַן זאָל ניט מיינען, אַז זי וואַרפט דאָס אים חלילה אויס.—גאָט צו דאַנקען, מיר זיינען ביידע אויס־גערוט.

— יאָ — האָט דער מאַן נערוועז אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען— ס'איז אָבער נישט דאָס. מען פאַרט ערגעץ, מען זעט אַ וועלט. מענטשן קומען פון ווי ווייט אָננצוקוקן גאָטס וואונדער, יאָסעמיטי, און מיר דאָ, דאַכט זיך, אונטער דער נאָז און...

פ א נ י ע האָט זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך שוין גענומען עפּעס אין קאָפּ אַריין, כאָטש ער האָט דאָס ניט אַרויסגעזאָגט איז

קלאָרע דיבורים. זי האָט געפילט, אַז זי קאָן ניט אַרויסגיין אויף דער ליכטיקער שיין זיך באַגעגענען מיט אַ מענטשן, שוין אָפּגערעדט פון שלעפן זיך אַ גאַנצן טאָג מיטן באָס קיין יאָסעמיטי. פונדעסטוועגן האָט מען זיך איינגעפּאַקט און מען איז געפאָרן. וואָרעם וואָס, וואָס קאָן זי אים נאָך אַזויפיל נאָכגעבן, וואָס זי זאָל אים דאָס אויך ניט צוליב־טאָן? זי פילט, אַז ער האָט זיך ניט צו וואָס צו איילן אַהיים. זי האָט ניט איינמאָל זיך געכאַפּט אין שפּיגל און איר אייגענע צורה נישט דערקענט: שוואַרץ, פינצטער און מיאוס ווי דער טויט. זי האָט זיך אַזש דערשראָקן פאַר איר אייגענעם אויסזען. למאַי זאָל זי זאָגן, קיין יפת־תואר איז זי קיינמאָל ניט געווען. נאָר זי האָט כאָטש געהאַט אַ ליכטיק פּנים, שיינע, שוואַרצע האָר. היינט איז זי אינגאַנצן איין קאָליר—אַש. איז אַ וואונדער, וואָס ער איז צו איר אַזוי אָפּגעפרעמדט געוואָרן? פרעמד, ווי אַלע פרעמדע. רעדט ניט אויס צו איר קיין איבעריק וואָרט וואָכנלאַנג. און וואָס קאָן זי אים אין איר גרויסן פּיין אונטערטראָגן?—זי ווייסט ניט, צי פאַרשטייט ער ניט, צי מאַכט ער זיך ניט פאַרשטייענדיק. „מיסינג אין עקשן" איז אַזוי גוט ווי טויט. ס'בלייבט נאָר איבער גענוג האָפענונג אויף אויסצונאָגן דעם מאַרך פון די ביינער.

— — — — — — — — — — — — — —

דאָסביידל וואָס זי האָט אויסגעקליבן אין „קעמפּ קאַרי", איז גע־שטאַנען ניט ווייט ביים וואַלד. שיע איז נאָכגעגאַנגען זייער אומצופרידן דעם האַנט־וועגעלע, אין וועלכן אַ יינגל האָט געפירט זייערע רענצלעך. ער וויל זיין צווישן מענטשן, און זי—נאָר זי באַהאַלט זיך. אויף דעם אופן האָט ער שוין געקאָנט בלייבן אין דער היים, און מוחל אירע טובות. ער האָט געהערט טויזנטער מעשיות פון יינגלעך וואָס זיינען פאַרפאַלן גע־וואָרן אין דער גרויסער וועלט־מלחמה און האָבן זיך דערנאָך אָפּגעזוכט. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה אין דען ניט אַזוי געווען? ער געדענקט אין זיין שטעטל, לוקאָוועץ, חיים לאהס. ווען אַלע האָבן שוין געהאַט אויפגעגעבן די לעצטע האָפענונגען, האָט ער זיך אָפּגעזוכט ערגעץ אין אַ שפּיטאָל און איז אַהיים־געקומען. מילא, וויאַזוי ער איז אַהיים־געקומען מיט אַ דורכגעלעכערטן מאָגן, האָט געגעצט אונטער זיך, וואָלט שוין אפשר גלייכער געווען, ער זאָל אינגאַנצן ניט געווען אַהיימקומען. נאָר ניין, זאָל ער יאָ קומען, זאָל ער דאַרפן זיין שלמהלע דאָס גאַנצע לעבן אַרומטראָגן אויף די הענט, נאָר זאָל ער קומען, זאָל ער קומען. ניין, ביז מען וועט אים ניט לאָזן וויסן פון דער אַרמיי, וועט ער האָפן און האָפן.

נישט אַזויווי זי—האָט ער מיט אמתן האַס געקוקט אויף איר, ווי זי איז אַזוי געגאַנגען, געבויגן ווי אַ ווערבע.—האָט זיך גלייך אויסגעלאָשן, ווי אַ ליכט אין ווינט. אים וואונדערט, וואָס זי האָט זיך אַזוי לייכט געלאָזט איבעררײַדן אויף צו פאָרן. ער האָט זיך געריכט, אַז זי וועט מאַכן שטיק. נאָר ער האָט זיך פּלוצלינג געכאַפּט, אַז לעצטנס איז זי בכלל געוואָרן עפּעס אויסערגעוויינלעך נאָכגיביק.

און אָט זיינען זיי שוין אין יאָסעמיטי. באַזעצט אין איינעם פון די הונדערטער ביידלעך, וואָס שטייען דאָ צעשטעלט, דאַכט זיך אָן אַ סדר, ווי קופּעס מוראַזשקעס. די לייוועטענע טירן פאַרשאַרצט, עטלעכע טרעפּלעך אַרויפצוגיין, אַ דיל, צוויי אייזערנע בעטן, אַ שאַפע מיט אַ שפּיגל, אַ קרוג פריש וואַסער. אויפן דאַך שפּרינגען וועווריקעס, קריכן אַרויף און פאַלן אַראָפּ. אַרום און אַרום ביימער. אַלטע, הויכע, סאָסנע־ביימער שפּרייטן סכך איבער די קעפּ און האַלטן דעם קעמפּ אין שאָטן. זנאַנסקי האָט רוגזהדיק אַ שלעפּ געטאָן אַ שיפּלאָד. נאָך דאָס האָט אים אויסגעפעלט! ער האָט וויניק שאָטן ביי זיך אין שטוב מיט די שטענדיק פאַרהאָנגענע פענצטער. נאָר סטעטשקעס פירן דאָ אויף זונטיקע וועגן. און וואו מען דרייט זיך אויס, עפנט זיך פאַרן אויג אַ וואונדערלעכע פּאַנאָראַמע. שיע זנאַנסקי שטייט און גאַפט; אַ רויט־געפאַרבטער שטיינ־באַרג מיט אַ גרינעם קופּאָל ווי אַ טעמפּל. אַ פעלדז—אַ ריז, גלייך ווי אַ וואַנט און הויך ווי דאָס אויג קאָן פאַרנעמען, וואַרפט אָן אַ פחד. עפּעס אַ פעסטונג האָט דאָ די נאַטור אַוועקגעשטעלט, ווער ווייסט ווען צו באַשיצן. און גיסט זיך אײן דריי: אַ וואַסער, פליסנדיקער שלייער—אַ וואַסערפאַל. און די זון שפּילט אויף מיט אירע פאַרבן אַ רעגנבויגן. פון דער ווייטנס שטייט אַן אַלטער גרייז מיט געהאָרבעטע פּלייצעס—מאַונט וויטני. ער וואַרעמט זיין ווייסן קאָפּ אין דער זון און בליצט מיט אייביקער חכמה. צופוסנס פילדערט דער מערסעד טייך. טומלט, רוישט ווי אַ וואַלד. אַביסל ווייטער באַרואיקט ער זיך און צעגייט זיך אין אַ לאַגונישער שטילקייט. שאַ, ער האָט זיך פאַרטייעט. אַרום און אַרום די פעלדזיקע ווענט טונקען זיך אין זיין שפּיגל. יאָסעמיטע טאָל — אַ גרינע, גאָלד־באַלויכטענע שיסל.

זיינען זיי שוין, הייסט עס, אויף וואַקאַציע. שיע זנאַנסקי, דאָס אויסגעדאַרטע אָבער קרעפּקע יידל, דער פון קינדווייז אָן היטלמאַכער, אָדער ווי מען רופט עס אין אַמעריקע „קעפּמייקער". דער שנעלער בעל־מלאכה און שטרענגער יוניאָן־מאַן. ביי אים, אַז ער שטעפּט, פליען פונקען.

נאָר אַז דער טשערמאַן גיט אַ זאָג: „סטאָפּ״! ווערט די מאַשין פאַר־גליווערט אונטער זיינע הענט. און זי, זיין ווייב פּאַניע, וואָס אין די יונגע יאָרן האָט מען אים אויסגעשטאָכן די אויגן מיט איר שטאַלטנקייט. אין דער אמתן איז זי גאָרניט געווען אַזאַ שטאַלטנע, ווי זיינע חברים האָבן געמיינט. נאָר אַ דינע איז זי געווען, אַ שלאַנקע, אַ בויגעווודיקע מיט אַ רונד פּנימל אויף אַ הויכן האַלדז און נעבן אים האָט זי אויסגעזען שטאַלטנע.

און איצט זיינען זיי דאָ, אין אַ זומער־קעמפּ. צווייי פאַרגרויטע, יידישע מענטשן, צווישן לויטער יונגע ניט־יידן, אָדער אַזוי האָט זיך זיי אויסגעוויזן. גייען שפּאַצירן, וואַרעמען זיך אין דער זון, עסן מאַלצייטן, שמעקן פרישע לופט, נאָר קיין טעם האָבן זיי דערין ניט געפילט. דרייען זיך אַרום צווישן אַ גרויסן עולם פון פאַרשיידענעם עלטער; גייען, קומען, באַגעגענען זיך מיט מענטשן: האַלאָ, גוט־מאָרגן, בעסטן אַפּעטיט, אַ שיין וועטער און... בלייבן איינזאַם. נאָך איינזאַמער ווי אין דער היים. אַז ס׳מאַכט זיך נאָך אַמאָל אַ וואָלקנדיקער טאָג, איז זיי עטוואָס לייכטער אויפן געמיט. די בלענדנדיקע זון, דאָס גאָלד אויף די ביימער־שפּיצן, די גרינע מיראַזשן, די צעשפּילטע, זינגנדיקע און טאַנצנדיקע יוגנט, דאָס אַלעס האָט פאַרשאַרפט ביז פּיזישן ווייטאָג די בענקשאַפט נאָך זייער קינד. זיי ריידן ווייניק און נאָך ווייניקער וועגן זון. ער כאַפּט זיך יאָ אַמאָל אַרויס: „אַז גאָט וועט העלפן, מירן הערן פון שלמהלען...״ זי גיט אויף אים אַזאַ קוק, אַז די ווייטערדיקע ווערטער בלייבן אים שוין שטעקן אין האַלדז און ער שלינגט זיי שווער אַראָפּ.

דריי אַזייגער נאָכמיטאָג. דאָס פּאָרפאָלק איז געלעגן אויף די בעטן. ער, ס׳פּנים איינגעקנייטשט און קליין, ווי ביי אַן ערשט־געבוירן **קינד**. זי, די אויגן פאַרמאַכט, ס׳פּנים פאַרקנוילט אין אַ וואָלקן. שאַ, שטיל, אומעטיק. נאָר פּלוצלינג: אַ רעש, אַ געטומל, אַ בלאָזן פון די אויטאָ־מאָבילן, הו־האַ, אַ געפּילדער, מען לויפט פון אַלע ביידלעך. נישט אַנ־דערש יאָסעמיטי איז משוגע געוואָרן.—וואָס קאָן דאָ זיין אַזוינס?—האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און איז אַרויסגעלאָפן אינדרויסן. זי איז **געבליבן** ליגן גלייכגילטיק אויפן בעט. —מסתמא דאָס יונגוואַרג טומלט. איר חלק טומל איז דאָרט נישטאָ.

— פּאַניע — איז שיע געקומען צולויפן—איך זאָג דאָך דיר, אַז גאָט זאָל העלפן מיר זאָלן דערלעבן צו הערן פון שלמהלען, ס׳איז דאָך שלום אויף דער וועלט.—איז ער געפאַלן דער ווייב אויפן האַלדז און האָט זיך ביטער צעוויינט. זי האָט אים איינגענומען, ווי מען נעמט איין אַ קליין קינד:

— נו, שאַ, נו, שאַ, אפשר...

ער האָט לאַנג געכליפּעט אויף איר שויס. זי האָט אים מאַמעדיק געגלעט: זיינע שפּיציקע אַקסלען, זיין גרויען קאָפּ, און האָט געקוקט מיט שטאַרע אויגן אַרויס צו די מענטשן, וואָס האָבן זיך געטראָגן, דאַכט זיך, פון אַלע עקן וועלט; צו די ביימער, וואָס האָבן פילאָזאָפיש געשאָקלט מיט די קעפּ. אַ קיל ווינטל האָט אָנגעבלאָזן אין ביידל אַריין און דאָס פּאַר־פּאָלק האָט געציטערט, געטוליעט זיך, ווי צוויי אָפּגעפליקטע טייבעלעך.

אין דרויסן דער קעמפּ איז געגאַנגען כאַדאָראַם. פון אַלע וועגן און שטעגן איז מען געלאָפן און אַלץ האָט זיך געצויגן אַהין, אַהין, צום אָפיס, צו דער ראַדיאָ, פון וואַנען ס׳האָט זיך פאַרשפּרייט די אומבאַשטימטע בשורה.

נאָר פּלוצלינג איז שטיל געוואָרן. אַלץ איז געבליבן שטיין און האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. בלויז איין שטימע האָט זיך געהערט פונעם הויך־רעדנער (עמפּליפייער) שאַרף און האַרט: „ליידיס און דזשענטלמען! אונדזער פרייד איז איבערגעאיילט. ס׳איז נאָך ניט קיין שלום, בלויז אַ שטילשטאַנד, ניט קיין זיג און ניט קיין שלום.״ ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז יאָסעמיטי טאָל, צוזאַמען מיט די שטיינערנע ווענט, די געטורעמטע באַרג־שפּיצן און די גרינע קופּאָלן האָבן זיך אַ וויג געטאָן און זיינען שטיין געבליבן אויף איין זייט. די פרייד איז אויסגערונען, דער צעצונדע־נער עולם איז פאַרגליווערט געוואָרן און האָט געוואַרט. נאָר מער האָט גאָרניט פּאַסירט.

פּאַניע האָט זיך אויפגעהויבן און האָט גענומען פּאַקן, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען די נאַטירלעכסטע זאַך. ער האָט ניט געפרעגט, היתכן? וואָס פּלוצלינג? זיי זיינען דאָך ערשט נעכטן אָנגעקומען. ביידע זיינען זיי צוגעגאַנגען צום אָפיס און האָבן זיך אויסגעשריבן. דאָ איז שוין אַלצ־דינג געווען אַזויווי פריער, ווי ס׳וואָלט גאָרניט פּאַסירט. דער טעלעפאָן האָט געקלונגען, דער אויטאָבאָס האָט געבראַכט נייע טוריסטן. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פאַרזאַמלען אַרום עס־זאַל. „ביזנעס עז יוזשואַל״ (געשעפט איז געשעפט). נאָר זיי, די זנאַנסקיס, האָט עס געטריבן ווי מיט בייטשן: אַהיים, אַהיים, וואָס גיכער אַהיים. גלייך עמיצער וואָלט געוואַרט אויף זיי דאָרטן.

— — — — — — — — — — — — — —

די געגנט „סיטי־טעראַס״ האָט זיך רחבותדיק אויסגעזעצט אויף די פּלייצעס פון אַן אַלטן צוואָקסענעם באַרג. טייל הייזער זיינען אַרויפ־

געקראָכן אויפן קאַרק, אַנדערע—ביז אויפן קאָפּ פון באַרג, ביז די האַר־בעדיקע וואָרצלען פון פּנים. דער וועג, סיטי טעראַס דרייוו, קאַטשעט זיך באַרג־אַרויף, ווי אויף אַן אַקסל. דעריבער זיינען דאָס אַלע הייזער אויף דער רעכטער זייט מיט עטלעכע טרעפּ אַרויפצוקלעטערן און אויף דער לינקער זייט—עטלעכע טרעפּ אַראָפּ. דאָ, אויפן ראָג, ראַמבאַז דרייוו, זייער אַפּאַרטמענט אויפן ערשטן שטאָק, איז געווען גאַנצע דרייצן טרעפּ אַרויף. זי האָט זיך איין ריס געטאָן און איז שוין געווען אויבן. זי האָט אויפגעשלאָסן די טיר. פון אינעווייניק האָט אַ זעץ געטאָן אַ היץ, ווי פון אַ באַק־אויוון. זי האָט אויפגעמאַכט, צעפּראַלט די פענצטער. ביי דער טיר, אויפן דיל, האָט עפּעס אַ בלענד געטאָן. זי האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:—אַט האָסטו דיר! כ'האָב דען פריער ניט געוואוסט?—
ער האָט אַראָפּגעלאָזט די רענצלעך אין מיטן גאַנג און האָט זיך אויסגע־דרייט. געקוקט אויף דער זאַך אויפן דיל, נאָר זיך ניט צוגערירט דערצו. פונדערוייטנס האָט ער דערקענט דעם קאָנווערט; אַן ענלעכן האָבן זיי שוין פריער געהאַט דערהאַלטן. קיינער האָט דאָס ניט אויפגעהויבן, ניט געעפנט. זי איז געשטאַנען ווי צוגענאָגלט צו דער ערד. ער, מיט צע־נומענע הענט, האָט געקוקט אויף איר און געזוכט באַשייד. אין צימער איז מיטאַמאָל צוגעפאַלן די נאַכט.

— — — — — — — — — — — — — — —

דער שניידער אין „קלינינג סטאָר", אונטער די טרעפּ, האָט גע־הערט, אַז אויבן באַוועגט זיך עפּעס, פּישטשעט, פּלאָטערט. נאָר דעם אַנדערן טאָג האָט קיינער ניט געעפנט די טיר. קיינער איז ניט אַריין און ניט אַרויסגעגאַנגען. ער האָט אַרויפגעקוקט, געוואַרט, און אַז קיינער האָט זיך פאַרט ניט געוויזן, האָט ער אָפּגעשטעלט דאָס אייזן, האָט אויפ־געהאנגען אַ צעטעלע אויף דער טיר און איז אַרויפגעגאַנגען די טרעפּ. קיין סך מעשיות האָט מען אים ניט געדאַרפט דערציילן. דאָס בילד האָט גערעדט פאַר זיך. ער האָט זיך דערפילט עפּעס זייער הילפלאָז און פאַר־שולדיקט, פּונקט ווי ער וואָלט געהאַט אַ חלק אין זייער אומגליק.

די שכנים האָבן זיך מיטאַמאָל אַרומגעקוקט, גלייך עפּעס נייעס וואָלט זיך פּלוצלינג אַנטפּלעקט פאַר זייערע אויגן. זע נאָר, לעבן דאָ צוויי מענטשן, אַ טיר אַן אַ טיר, און מען ווייסט ניט וואָס ביי יענעם אין הארץ טוט זיך. שאַפּיראָ, דער זייגערמאַכער פון צווייטן אַפּאַרטמענט, האָט פאַרקנעפּלט דאָס וועסטל איבער זיין ווייס־בלאַנקענדיק העמד, האָט צעקעמט זיין יונג־ברוינע באָרד און האָט שטיל אַנגעקלאַפּט: „מיר זיינען

דאָ פרעמדע, פון דער „איסט״ (פון אַנטלאַנטישן ברעג), זאָג איך צו מיין „מיסעס״, אַז דער שכן גייט פאַרביי מיין פענצטער און קוקט אפילו ניט אַריין, איז, מסתמא, ווייל ער אונדז ניט קענען. מען זאָל זיך ריכטן, אַז ביי יענעם איז אַזאַ אומגליק. מיין יידענע, מוז איך זאָגן, איז טאַקע אַ חכמה. און נישט אַזוי אַ חכמה, ווי אַ צדיקת. זי איז מיר דערגאַנגען די יאָרן, לֿמאַי די שכנה שטעקט ניט אַרויס די נאָז אויף דער ליכטיקער שיין. אַז זי קומט פון איינקויפן, שלייכט זי זיך אַדורך און פאַרשליסט די דיר אונטער זיך. די אייזערנע טירן דאָ קוקן עפּעס אויס ווי אין אַ תפיסה.״

דער שניידער האָט גענומען די רענצלעך, וואָס זיינען שטיין געבליבן אין מיטן שטוב און האָט אויפגעהאַנגען די קליידער. און ווערלנדיק עפּעס טאָן פאַר די געליטענע, האָט ער מיטגענומען זנאַנסקיס הויזן אויף אויס־צורייניקן און אויסצופרעסן. עד—האָט ער זיך געקראַצט זיין אויסגעדאַרטן שאַרבן:—שוין יאָרנלאַנג, אַז איך הער אייך אויפשטיין יעדן פרימאָרגן און גיין צו דער אַרבעט. מיינט מען, אַז ביי יענעם לאַכט זיך...

ערשט אויפן דריטן טאָג זיינען געקומען צולויפן די וועבערס. ער האָט געהערט אין גאַס, אַז צו די זנאַנסקיס איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַם און אַז די טעלעגראַם האָט קיין גוטס ניט געבראַכט. האָט ער אַ וואָרף געטאָן די באַרשט, האָט געכאַפּט ס„טראַקל״ און איז אַזוי, אין זיינע קאַלעך־מלבושים, געקומען צולויפן אַהיים... מאַשאַן, דעם קינד, האָט מען אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל קומען שפּעטער. זאָל זי ניט זיין ביים „רעכטן געדיכטן״.

מיט צוויי היפּטן ווי באַלונען, אין אַ געבלימלט קליידל, אויסגע־שניטן פאַר דער זון, האָט זיך אַריינגעשאַרט מרס. וועבער. ער—נאָך איר. — איך זע מען האַלט זיך פון דערוויטנס, מען וויל זיך מיט אונדז ניט חברן — האָט מרס. וועבער געשנירלט די ליפּעלעך.—מיר פילן זיך חלילה אין גאַרניט שולדיק. אפילו ביי מאַשאַס געבורטסטאָג ניט געווען. גלויבט מיר, ס׳קינד האָט זיך געפילט געוועג געקרענקט:—מאַמע—זאָגט זי—די זנאַנסקיס האָבן אונדז מער ניט ליב...

און טאַקע, די צוויי פאַמיליעס האָבן זיך געפריינטלט שוין כמה וכמה יאָרן. ער, מר. וועבער, האָט געהאַלטן אַ וועלט פון זנאַנסקין. און זי, פאַניע, האָט ניט איינמאָל איבערגעלאָזט איר שלמהלען ביי מרס. וועבער, ווען איר האָט זיך געמאַכט אַ טאָג אַרבעט. אין „יענע״ יאָרן אַביסל אַרבעט איז דאָך געווען מיט גאָלד צוגלייך. און ווען מאַשאַ איז געבוירן געוואָרן, איז פאַניע נישט אַפּגעטראָטן פון מרס. וועבערס בעט. זי איז

געוועזן די איינציקע וואָס האָט דאָס קינד ליב געהאַט גלייך פון דער ערשטער מינוט וואָס ס'איז געבוירן געוואָרן. צו די מיטליאָריקע טאַטע־מאַמע האָט דאָס באַשעפעניש מיט די פאַרקוועטשטע אויגן און דעם לויזן, בלויען הייטל אויף די דאַרעביינדלעך, ווי שטעקעלעך, אויסגעקוקט עפּעס ווי אַ פּיפּערנאָטער. ס'האָרץ איז זיי איינגעפאַלן, ווען זיי האָבן עס צום ערשטן מאָל דערזען. טאַטע־מאַמע האָבן אַ לאַנגע צייט זיך געשעמט צו קוקן איינער דעם אַנדערן אין פּנים אַריין. „געוואָרט אַזויפיל יאָרן און זיך קוים אויסגעקראָצט מיט אַ פּאַרזעעניש". פון צייט־צו־צייט האָט מען בלויז אַריינגעוואָרפן אַ טרייסט־וואָרט: „ס'וועט זיך אויסוואַקסן." גיי ווייס, אַז דאָס וועט אויפגיין ווי אַ ליכטיקע שיין אויף זייער שפּעטלעכן האָריזאָנט און וועט אָנפילן יעדעס ווינקעלע פון זייער לעבן מיט פרייד.

— — — — — — — — — — — — —

און איצט, נאָך אַ לאַנגן, אָן שום פּאַרוואָס איבעררייס, זיינען די וועבערס ווידער דאָ. זיי באַלעבאַטעווען אין שטוב, קאָכן אָפּ פאַר די אומגליקלעכע עלטערן עפּעס וואַרעמס. ווער ווייסט וויפיל טעג זיי האָבן שוין ניט געגעסן. מר. וועבער האָט עפּעס אַזוי ווי אומגערן אויפגעהויבן די טעלעגראַמע פון דיל, וואָס קיינער פון די אַנדערע שכנים האָט ביז איצט ניט באַמערקט. ער האָט עס איבערגעלייענט און איז געבליבן שטיין אין דער גרעסטער פאַרלעגנהייט. אַלע אויגן זיינען געווען געווענדט אויף אים. ער האָט גאָרניט געהאַט וואָס צוצוגעבן: „ליסטעד עז דעד" (פאַררעכנט אַלס טויט). נו, ווייסט מען דאָך דאָס. ס'האָרץ האָט זיי שוין לאַנג אָנגעזאָגט די בשורה, נאָך דעמאָלט, ווען מען האָט אים אַוועקגעשיקט כלומרשט קיין טאַקיאָ. פונדעסטוועגן האָבן טאַטע־מאַמע נאָכאַמאָל איבערגעלעבט אַ שווערן ציטער און די יללה האָט זיך אָנגעהויבן אויפסניי.

אין דעם מאָמענט איז אַריינגעקומען מאַשאַ. אַלע זיינען שטיל געבליבן. קיינער האָט דעם קינד די גאַנצע צייט גאָרניט אָנגעזאָגט. פאַרקערט, מען האָט זיך געהיטן פאַר איר. זי איז צוגעפאַלן מיט איר לויטער פּנימל צו פאַניעס פינצטערן פּנים און זי הייס געקושט; געקושט אויף איר גרויען קאָפּ, אויף די צוגעמאַכטע אויגן, אויף די פאַרטרוקנטע ליפּן אירע. דערנאָך האָט זי זוועקגעלייגט איר קעפּעלע מיטן גאָלדענעם שימער אויף די ווייסע האָר, ביי זנאַנסקין אויף דער איינגעפאַלענער ברוסט. האָט געצוקט, געצוקט מיט די ליפּעלעך, ביז זי האָט זיך מער ניט געקאָנט איינהאַלטן און האָט זיך צעוויינט.

— — — — — — — — — — — — —

זינט מאַשע געדענקט זיך איז זי געווען ווי אַן אייגן קינד ביי די זנאַנסקיס. קיינער האָט זי ניט געקענט אַזוי אייננעמען ווי „פּאַפּאַ נאַנקי". ער האָט געהאַט אַ „געלענק" צו פאַרשפּילן אַ קינד. ווילסטו, איז ער געוואָרן אַ לייב: ער האָט אָנגעשויבערט זיינע האָר, האָט אויסגע־שטעלט זיינע ציינער, ער האָט אַ לייב... ווילסטו, איז ער געוואָרן אַ קאַץ און האָט געלעקט אירע פינגערלעך.

דער סדר האָט זיך געוויינלעך אָנגעהויבן אַזוי: פאַניע, ווי נאָר זי איז אַריינגעקומען, האָט זי אויסגעכאַפּט דאָס קינד; האָט עס אָנגעקושט, און אָנגעהאַלדזט, און אויסגעבאָדן. מרס. וועבער האָט דערווייל צוגעגרייט וועטשערע. דערנאָך האָט זי דאָס קינד אָנגעהאָדעוועט, איר אָנגעטאָן אַ פּאָר „אָוועראָלס", ווי איר פאָטער ביי דער אַרבעט, און האָט עס אַראָפּ־געלאָזט אויפן דיל. פון דאַנען האָט זיך אָנגעהויבן די קאָמאַנדע: דאָס קינד איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. פון זנאַנסקיס אַקסלען אויף שלמהס רוקן. טאַטע און זון האָבן זיך געריסן איבער איר. זי האָט געלאַכט און געצוויטשערט ווי אַ פייגעלע. דער פאָטער איז בעת מעשה געלעגן אויס־געשטרעקט אויף דער סאָפע און האָט גרויסמוטיק געשמייכלט, ווי איינער רעדט: זאָלן זיי זיך אָנשפּילן, די משוגעים, וועט ער צונעמען דאָס קינד און וועט עס לייגן שלאָפן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מאַשאַ איז איצט אַלט געווען צען יאָר. נאָר איר קעפּעלע, דער רונדער שטערן, די פּוכקע הענטעלעך, די מילך־בלויע אויגן, איז נאָך געווען אינגאַנצן קינד. אַ חוץ אַ פּאָר זומערשפּרענקעלעך אַרום נעזל, די פיסלעך וואָס האָבן זיך אויסגעלענגלט, האָט נאָך גאָרניט אָנגעזאָגט, אַז מאַשאַ וואַקסט זיך אויס.

צוליבן קינד האָבן זיך אַלע געמענטשלט און האָבן זיך באַמיט צו ריידן וועגן „פריילעכערע" זאַכן. מר. וועבער האָט פייערלעך צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט האָבן אויסגעצאָלט זיין „קאַר" (אויטאָמאָביל), נעמט ער זיי אַלעמען אויף אַ רייזע צום גרענד קעניאָן. פאַניע האָט שווער אָפּ־געזיפצט: „ס'זאָל אונדז שוין מער ניט פעלן". נאָר שיע האָט אַ וואונק געטאָן: —ס'קינד!

נאָר „ס'קינד" האָט זיך אַליין אומגעקערט צו דער שמערצלעכערווירקלעכקייט. זי האָט דערציילט אַז ביי זיי אין סקול רעדן די קינדער, אַז מען קאָן מאַכן אַזוי, ס'זאָל שוין קיינמאָל מער ניט זיין קיין מלחמה, און אַז קיינער זאָל מער ניט דאַרפן אַוועקפאָרן אין אַ פרעמד לאַנד זיך

שלאָגן. — יאָ, יאָ.—האָט דאָס קינד אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן גאָלע וואונדער—מ'קאָן. דער פּרעזידענט האָט אויך אַזוי געזאָגט. און דער פּרעזידענט ווייסט...

די צוויי פּאָר טאַטע־מאַמע האָבן זיך פּילזאָגנדיק איבערגעקוקט. און צום ערשטן מאָל, ווי במשך אַ לאַנגער, שווערער קראַנקהייט, האָט פּאַניע בלייך אַ שמייכל געטאָן.

# פּרעמדע

אין אַ זייטיק געסל אַרום בעלוויל איז געשטאַנען אַן אַלטער האָטעל איינגעפּאַסט אין אַ באַרג, ווי אַן אויסגעקאַרבט בילד אויף אַ שטיין. אונטן—אַ ברייטער אַריינגאַנג, מיט הויכע טירן און מעשענע קליאַמקעס. דער מיטלסטער שטאָק—פינצטער. בלויז צוויי פענצטער פוןביידע זייטן זיינען געוועזן צוגעוואַקסן צום באַרג ווי אויערן. אויבן—דער דריטער שטאָק—אויסגעשפּיצט; די ווענט זיינען זיך צונויפגעקומען איבערן קאָפּ ווי אין אַ קנופּ. אַ שמאָלער הינטער־קאָרידאָר האָט אַרויסגעפירט אויף דער גאַס פּיקסעריקו.

שוין לאַנג ווי דער דאָזיקער האָטעל איז געשטאַנען האַלב ליידיק. די אייגנטימערין, אַ מיטליאָריקע פרוי מיט שוואַרץ־חנוודיקע וואָנצעלעך, האָט שוין געטראַכט פון פאַרקויפן דעם האָטעל און קויפן עפּעס אַ שטיקל קאַפע אויפן ראָג גאַס. נאָר די צייט האָט זיך געביטן. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצופאַרדינגען די צימערן. די סיבה דערפון איז געוועזן זייער אַ פשוטע: די געניטע באַלעבאָסטע האָט זיך מיטאַמאָל געכאַפּט, אַז היינטיקע צייטן איז נישט כדאי צו פרעגן קיין צופיל קשיות, ווען אַ פרעמדער ציט זיך אַריין. און טאָמער איז געקומען אַן אינספּעקטאָר זיך נאָכפרעגן אויף אירע איינוואוינער, האָט זי אים זייער פיין אויפגענומען, דערלאַנגט אַ טרונק בראָנפן און האָט זיך מיט אים פריינטלעך צערעדט: אַזאַ מזל האָט זי שוין, אַלע מאָל איז פאַראַן ביי איר ליידיקע צימערן. אַז מען איז אַן אַלמנה האָט מען צו דעם אויך ניט קיין הצלחה. די אַלטע מאַמע אירע האָט שווער אָפּגעזיפצט: „סע לאַ ווי״ (אַזוי איז דאָס לעבן)—און איז צוגעגאַנגען נעמען אַ קנויל ביינוול פאַר איר שטריק־אַרבעט וואָס זי האָט

געהאַלטן אין די הענט; בעת מעשה האָט זי אַ קוועטש געטאָן דאָרטן וואו מען דאַרף, האָט עס אָפּגעקלונגען אין די אויבערשטע שטאָקן, איז וועמען ס׳איז געווען נויטיק, דער האָט זיך באַנוצט מיטן הינטער־קאָרידאָר, אָדער מיט איינעם פון די צוויי פענצטער. דער באַרג איז דאָ שטאַרק צונויף־געקומען און דער האָטעל איז באַרימט געוואָרן אויפן בעלוויל.

די קלוגע האָטעל־אייגנטימערין איז איצט געגאַנגען מיטן דעטעקטיוו שטאָק נאָך שטאָק און האָט אויפגעשלאָסן די צימערן.

— וואָס רעדט איר? איך וואָלט אייך ניט געלאָזט וויסן ווען ביי מיר אין הויז באַווייזן זיך עפּעס פאַרדעכטיקטע פּאַרשוינען? וואָסזשע, דאָס ערשטע יאָר אַז איך האַלט אַ האָטעל?

— אָט דאָ. — האָט זיך דער אינספּעקטאָר אָפּגעשטעלט ביי אַ טיר אויפן לעצטן שטאָק. (זי איז אימישנע דורכגעגאַנגען כדי ער זאָל זיך אָפּשטעלן)

— דאָ ? דאָ וואוינט ביי מיר שוין אַ שטיק צייט אַ מוזיקער. מ׳קאָן אַריינגיין.

אַ קלאַפּ אין טיר. וועלוול ראָש איז געשטאַנען אין אַ טונקלען כאַלאַט, מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ און באַוואַקסענעם האַלדז, ביים קראַן און האָט זיך געוואַשן די ציין.

— אַריין ! — האָט ער אַרויסגעגאָרגלט. און איז אַנטקעגן געגאַנגען מיטן גלאָז וואַסער אין דער האַנט.

— „באָן זשור, מעסיו״ (גוט מאָרגן מיין הער)! — האָט זיך דער אינספּעקטאָר פריינטלעך צעשמייכלט, ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן. — ס׳קאַצל קומט — האָט זיך וועלוול געטראַכט און געענטפערט:

— „באָנזשור מעסיו־דאַם״ (גוט מאָרגן מיין הער און דאַמע)!

אַן אַנטשולדיקונג פון דער באַלעבאָסטע; אַ פּאָר שטרויענע ווערטער וועגן געזונט און וועטער, ביז מען האָט זיך דעררעדט צום עיקר:

— איר וועט זיין אַזוי ליבנסווירדיק „מעסיו״ — האָט זיך דער דע־טעקטיוו האַלב פאַרנויגט — און מיר ווייזן אייערע פּאַפּירן.

— מיט פאַרגעניגן. — האָט וועלוול אונטערגעהאַלטן דעם העפלעכן טאָן. — אָט ליגן זיי אויפן טיש.

דער אינספּעקטאָר האָט גענומען אַ לעדערן טעשעלע מיט עטלעכע דורכזיכטיקע פּאַכן, דורך איינעם פון זיי האָט זיך דורכגעזען די קאַרט (קאַרט ד׳אַנטיטע).

—„מערסי, מעסיו״ (אַ דאַנק מיין הער)! — האָט ער צונויפגעקלאַפּט דאָס טעשעלע און סאַלוטירט.

— ברוך שפטרני! — האָט זיי וועלוול באַגלייט צו דער טיר און האָט זיך פאַרנויגט.

וועלוול ראָש איז דערווייל געווען אַ לעגאַלער אימיגראַנט. אָדער אייגנטלעך איז ער גאָר קיין אימיגראַנט ניט געווען. ער איז אַריינגעקומען אַלס סטודענט פון דער פּאַריזער קאָנסערוואַטאָריע. פונדעסטוועגן האָט ער שטאַרק געצווייפלט צי וואָלט ער געמעגט אויפהענגען אַ שילדל אינדרויסן, צי ניט? נאָר אַזוינע אויף אַ שאלה איז אַ תשובה. האָט ער קיינעם ניט געפרעגט און האָט אויפגעהאַנגען אַ טונקל־גרין שילדל מיט גאָלדענע אותיות: „וועלוויל ראָש, פּיאַניסט.״

ווער ווייסט ווי לאַנג דאָס דאָזיקע שילדל וואָלט אַזוי געהאַנגען אויף דער שטילער „רי דע סעול״ און קיינער וואָלט עס ניט אָנגעקוקט. ווען ס'גייט ניט צופעליק פאַרביי אַ קליין, פּראָווינצער מיידל, אין אַ ברעטאַ־נישער קופקע מיט אַ ברייטן קאָלנער פאַרשפּיליעט פון פאָרנט ביים האַלדז. געגאַנגען איז זי זוכן אַ דירה: האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט פון „פּלאַס דע פּעט״ מיט „בולוואַר בעלוויל״ פון וואַנען ס'האָט זיך אָוועקגעדרייט אין דער זייט אַ שמאָל געסל, „רי דע סעול.״

דאָס וואָרט „סעול״ (אַליין) האָט ערגעץ אָפּגעקלונגען ביי איר אין געמיט. זי האָט דאָס שטאַרק געפילט זינט זי איז אין דער גרויסער שטאָט, פּאַריז. אַ פאַרבענקטע האָט זי זיך אַריינגעדרייט אין געסל וואָס איז געלעגן ווי אַ האָרן מיטן שפּיץ איינגעשטאָכן אין אַ באַרג.

אַ האָטעל? יאָ. ס'אַראַ שיין שילדל. פּיאַניסט. וואָס קאָן דאָס מיינען? אַ שפּילער, צי איינער וואָס גיט לעקציעס, צי וואָס?

—„באָן זשור, מואַדמאַזעל״ (גוט מאָרגן, פריילין)!—האָט אַ מיטל־יאָריקע פרוי מיט שוואַרצע וואָנצעלעך איר איבערגעשלאָגן די געדאַנקען.

דאָס ברעטאַנישע קופּקעלע האָט זיך אַ דריי געטאָן און האָט באַוויזן אַ קליין, ליכטיק פּנימל מיט טונקעלע, פינקלענדיקע אויגן.

— גוט מאָרגן, מאַדאַם, איך זוך אַ צימער—האָט זיך די קליינע פּראָווינצערין פאַרענטפערט.

— ביטע זייער, קומט אַריין.

אַ ברייטע, ברוין־פּאָלירטע טיר, מיט שווערע, גלאַנציקע קליאַמקעס. די צוויי־טרעפּלדיקע שוועל פון ווייסן מירמלשטיין. אַ געמיטלעך פאַר־צימער מיט הויכע פענצטער. די פרימאָרגן־זון האָט אַריינגעזיפּט אירע

שטראַלן דורך דינע פירהענגלעך. אַן עלטערע פרוי מיט אַן אַריסטאָ־קראַטיש ווייסן קאָפּ איז געזעסן אויף אַ וויגשטול און האָט געשטריקט אַ ווייסן וואָלענעם זאַק.

— אַן אנגענעם הויז ביי אייך — האָט די קליינע באַמערקט. נאָר זי האָט ניט קיין צייט געהאַט זיך לאַנג אַרומצוקוקן, וואָרעם די באַלעבאָסטע האָט אַ קלונג געטאָן מיט די שליסלען און זיך געלאָזט מיט די טרעפּ אַרויף. וואָס העכער זיי זיינען געקומען, אַלץ שמעלער האָבן זיך געדרייט די טרעפּ, אַלץ גרויער, אַלץ אומהיימלעכער איז געוואָרן. די קליינע האָט פאַרלוירן געזוכט אַן אויסרייד וויאַזוי זיך אַרויסצודרייען פון די טוכלע ווענט. דאָס צימער האָט זי שוין רעכט ניט אָנגעקוקט און אַרויס איז זי שוין פונעם אויבערשטן שטאָק דורך אַ שמאָלן קאָרידאָר. מחיה איז די זיך געווען ווען זי האָט זיך דערזען אויף דער ליכטיקער גאַס. ערגעץ האָט מען אויפגעדרייט אַ פּאָמפּע און דאָס וואַסער האָט פריילעך גע־שטראָמט באַרג אַראָפּ. די פּראָווינצערין האָט געקוקט מיט אַזעלכע פאַר־גאַפטע אויגן, גלייך זי האָט נאָך אַזאַ גרויסן „טייך" ניט געזען.

צוליב דער דאָזיקער פּאָמפּע האָט זי טאַקע געדונגען אַ צימער דאָ, אויף די פּיקסעריקו. דאָס הויז ניט מיט אַזאַ עלעגאַנטן אַריינגאַנג ווי דער האָטעל, מיט אַ טויער אָנשטאַט אַ טיר. דערפאַר אָבער האָט דאָס צימער געהאַט אַ גרויס פענצטער אין הויף אַריין און אויף יענער זייט פאַרקאַן איז געשטאַנען אַ צוואַקסענער בוים.

די מיידל פון דער פּראָווינץ האָט געהייסן אַנדרעי. זי האָט אויס־געטאָן די ברעטאַנישע קאַפּוצע מיטן שיינעם קאָלנער, האָט אָנגעטאָן אַ בערעט אויפן קאָפּ און האָט זיך אַרויסגעלאָזט, מיט אַ ציטונג אין די הענט, זוכן אַרבעט.

— וואו איז בולוואַר מאַדזשענטאַ? — האָט זי געפרעגט דעם ערשטן בעסטן פּאָליציימאַן. יענער האָט גלייך דערקענט אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ פּראָווינצערין. האָט ער איבערגעלאָזט דעם גאַנצן פאַרקער אויף גאַס באַראָט, האָט זי צוגעפירט צו אַן אויטאָבוס און האָט אָנגעזאָגט דעם קאָנדוקטאָר ער זאָל זי אַראָפּלאָזן ביי דעם און דעם נומער.

— „אַ רעוואואַר" (צום ווידערזען), קליינע ברעטאַנקע — האָט ער זיך מיט איר פריינטלעך געזעגנט, דערקענענדיק לויט איר אויסשפּראַך פון וואַנען זי שטאַמט.

זי איז אָנגעקומען צו אַ גרויס הויז אין געשעפטלעכן געגנט. אינעם ברייטן טויער האָט זיך געעפנט אַ שמאָלע טיר צו אַן אויסגעשטיינערטן

הויף. צוויי רייען טירן לענגאויס האָבן געפירט לויט נומערן צו פינצטערע דירות. אויף בײדע זייטן פונעם הויז זיינען געווען טרעפּ אַרויפצוגיין צו אויבערשטע שטאָקן. אַנדרעי איז אַנגעקומען אויפן פערטן שטאָק. אַ קליין לעמפּל האָט שוואַך באַלויכטן אַ שילדל אויף דער טיר: „לעדער פלעכטעריי״. אַנדרעי האָט זיך דערפילט אַזוי ענג און צונויפגעפרעסט דאָ, גלייך דאָס גאַנצע, גרויסע הויז וואָלט זיך אָנגעזעצט אויף איר שמאָלע פּלייצעס. זי האָט שווער אָפּגעזיפצט און האָט אָנגעקלונגען. אַ קליין מיידעלע מיט אַ גרויסן הונט האָבן געעפנט. דער הונט האָט אַ ביל געטאָן און פון אינעווייניק האָט זיך דערהערט אַ מענעריש קול אויף אַ מאָדנער שפּראַך:

„זשאַנעט, טראָג זיך אָפּ מיט דיין כלב״—און צוגעגעבן אויף פראַנצויזיש: „יאָ, יאָ, מאַדאַם, קומט אַריין.״

זי איז אַריין אין אַ פּירעקיקן פּאָרהייזל אָן פענצטער. אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַ קורצער, שוואַרצער טשופּרינע, אַ פּאָר גרויסע, ווי אָנגעשוואָלענע ליפּן, איז אַרויסגעקומען. ער האָט אַריינגעשטופּט צוויי מעכטיקע הענט אין דער ברייטער קעשענע פון זיין קורץ לעדערן פאַר־טוכל און האָט באַטראַכט די קליינע פראַנצויזקע.

— וואָלסט בעסער אויפגענומען אָן אונדזעריקע—האָט אַ קליין ווייבעלע מיט חן־גריבעלעך אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ.

— ס׳פעלן דיר טאָקע צרות.—האָט דער הויכער יונג געאַרבעט מיט די שווערע ליפּן.

— קומט אַריין, אויב איר ווילט. מיר וועלן אויספּרואוון.—האָט ער זי אַריינגעפירט אין אַ קליינעם וואַרשטאַט.—קיין גרויסע חכמה איז נישטאָ דערביי. מ׳דאַרף נאָר זיין פלינק.

זי איז אַריין אין אַ לענגלעכן צימער. עטלעכע מיידלעך זיינען געזעסן ביי אַ טיש און האָבן געפלאָכטן. מען האָט זי אויך אַוועקגעזעצט ביי דעם טיש, איר דערלאַנגט עטלעכע בינטלעך מיט דינע שטרייפלעך לעדער, אַ מוסטער, און איר געהייסן פלעכטן. דאָס קליינע ווייבעלע מיט די חן־גריבלעך איז אַלעמאָל צוגעקומען און האָט איר געוויזן וויאַזוי מען מאַכט ס׳זאָל גיין פון דער האַנט.

אַנדרעין איז די אַרבעט זייער וואויל־געפעלן. גיי ווייס, אַז פון שטרייפלעך לעדער קומט גאָר אַרויס דער אויבערשטער טייל פון אַ שוך. יענער מאַן, וואָס זיצט דאָרטן איינגעבויגן, מ׳קאָן ניט אָנזען זיין פּנים, שטעפּט אַרום די אויסגעפלאָכטענע פלעצלעך, און אַ צווייטער, ביי אַ טיש,

שניידט זיי אָרום. אַנדרעי וועט זיך אויך קויפן אַזעלכע שיכלעך אויפן זומער.

אַנדרעי האָט געמאַכט אַ פּערפעקט שטיקל אַרבעט. נאָר ווער דאַרף ס׳זאָל זיין גוט, אַז מ׳דאַרף ס׳זאָל זיין שנעל. ס׳איז אַרויסגעקומען פון ערגעץ—אַנדרעי ווייסט אַליין נישט פון וואַנען—אַ יונגע מיידל מיט בלאָנדע כוואַליענדיקע האָר, טרויעריק־בלויע אויגן און אַ פּאָר פלינקע, ביינערדיקע הענט. זי האָט געגעבן אַנדרעיען צו פאַרשטיין, אין אַ גוט אַקצענטירטן פראַנצויזיש, אַז דאָס איז שטיק־אַרבעט; זי זאָל זיך ניט צאַצקען דערמיט, נאָר שיבן; אַנדערש וועט זי גאָרנישט פאַרדינען.

אַנדרעי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און צוויי פּאָר אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט וואַרעמען באַריר.

וויאַזוי האָט אַנדרעי געקאָנט שיבן פון דער האַנט, אַז די שטיקלעך לעדער אין פאַרשיידענע קאָלירן האָבן געשפּילט אין איר אויג אַריין און די פאַרבן האָבן גערייצט איר פאַנטאַזיע.

ווען מען לאָזט זי, מאַכט זי גאָר אַנדערע מוסטערן. שענערע, ווי די דאָ. און פּאַסיקעס וואָלט זי אויך געמאַכט, און טאַשן. גאַנצע גאַרניטורן וואָלט זי אויסגעאַרבעט, נישט נאָר דעם פאַדערשטן טייל פון אַ שוך.

אויפן דריטן טאָג האָט שוין דער היכער יונגערמאַן מיט די שווערע ליפּן געהאַט אין זינען אָפּצוזאָגן דער פראַנצויזקע. וואָרעם, אַז זי פאַר־דינט ניט, וואָס וועט ער זי האַלטן? נאָר אַנדרעי האָט זיך ניט איינגע־האַלטן און אַרויסגעפּלאַפּלט, אַז מען קאָן מאַכן שענערע מוסטערן, ווי די וואָס ער מאַכט. האָט ער זי אָנגעקוקט און געטראַכט: אפשר, טאַקע, לאָזן די פראַנצויזקע צונויפשטעלן עטלעכע מוסטערן און זיי אָפּשיקן אין „באַזאַר האָטעל דע וויל" (אַ גרויס געשעפט אין פּאַריז). וואָס קאָן דאָ זיין? מ׳עט פּרוּוון.

מיט די נייע מוסטערן האָט מען געשיקט טאַקע אַנדרעיען אַליין, מחמת זי איז אַ פראַנצויזקע. מען האָט איר בלויז אויסגעטאָן ס׳פּראָווינצער מאַנטעלע, איר אָנגעטאָן דער באַלעבאָסטעס מאַנטל מיטן מינקענעם קאָלנער, אַריינגעשטעקט אַ ברוין־גלאַנציקע פעדער אין בערעט, וואָס האָט זיך זייער גוט געפּאַסט צו אירע בראָנז־געלאָקטע האָר. און מען האָט זי אויסגעריכט.

---

פון דער ווייטער ברעטאַן איז אָנגעקומען אַ פּעקל מיט אַ פּאָר אויס־געשטריקטע זאָקן, אַ גערויכערטן חזיר־טייל, געטרוקנטע פיש און פרישע

קעז־און־פוטער. אין אַן אויפגעשניטענעם היימיש־געבאַקטן פלעצל איז געלעגן אַ בריוול, וואָס האָט זיך צווישן אַנדערן געלייענט אַזוי:
— און אויב, טייערע טאָכטער, דו קאָנסט זיך ניט דערשלאָגן עפּעס צו לערנען, וואָסזשע דאַרפסטו זיך אַרומוואַלגערן אין דעם פרעמדן פּאַריז? קום בעסער אַהיים. דיין חברטע, זשאַקל, איז אויך אַהיים־געקומען פון באָרדאָ, ווייל זי האָט דאָרט גאָרנישט געקאָנט געפינען.

— זשאַקל איז אויך אַהיימגעקומען—האָט אַנדרעי געטראַכט מיט בענקשאַפט.—אַך, ווי גוט ס׳מוז איצט זיין דאָרטן אין דער היים. און זי זעט די בלויע אָזערע, און זי זעט דאָס דורכזיכטיקע וועלדל מיט די דינע, הויכע ביימלעך, וואָס שניידן זיך אין פורפורנעם האָריזאָנט אַריין. אַהין פלעגן זיי גיין מיטן ערשטן שפּראָץ אויף פרילינג קלייבן בלימלעך. זי איז געזעסן אויפן ברעג פון איר בעט, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָנעם אייזער־נעם לען פונעם צוקאָפּנס.—ווען די מאַמע שרייבט נאָך איין גוט וואָרט, לאָזט זי איבער אַלע זיבן גליקן פון פּאַריז, צוזאַמען מיט דער באַשטעלונג וואָס זי האָט היינט געקראָגן אין „באַזאַר האָטעל דע וויל“ אויף אירע מוסטערן, און פאָרט זיך אַהיים. נאָר דער פאָטער מיטן ווינטיק צעשמי־סענעם פנים און דער צעפלאָשעטער באָרד איז איר געשטאַנען פאַר די אויגן און האָט געקילט די בענקשאַפט אין האַרצן. און אפילו דער מאַמעס בריוול איז אויך ניט עפּעס אַזוי, ווי אַנדרעי וואָלט איצטער באַדאַרפן האָבן. איבעריקנס, פּאַריז האָט אַזעלכע פריילעכע, ליכטיקע גאַסן. מאָרגן וועט זי קומען צו דער אַרבעט מיט דער באַשטעלונג און „מואַדמאָזעל“ סאַנדלער, וועלכע קומט אַלע מאָל אַרויס פון ערגעץ, האָט זי איינגעלאַדן צו זיך אין שטוב אַריין. זיי זיינען מאָדנע מענטשן, די „עטראַנזשעיס“ (פרעמדע), טיילן זיך מיט דיר מיטן ביסן, נאָר באַצאָלן האָבן זיי פיינט: הונדערט און פופציק פראַנק. וואָס קאָן זי טאָן דערמיט? אָבער איצטער וועלן זיי איר מוזן געבן אַן הוספה, וואָרעם מאַכן אַ מוסטער איז דאָך ניט סתם פלעכטן . . .

ווען אַנדרעי האָט באַקומען אויסגעצאָלט צוויי הונדערט און פופציק פראַנק פאַר דער וואָך, איז זי שיר ניט אַראָפּגעפאַלן פון אַלע טרעפּ. נאָך אַ גליק וואָס „מואַדמאָזעל“ סאַנדלער איז געגאַנגען הינטער איר. ביידע מיידלעך האָבן אַזוי שטאַרק געלאַכט, גלייך זיי וואָלטן נאָר וואָס אָפּגעטאָן דאָס גרעסטע שפּיצל. עסן זיינען זיי געגאַנגען אין „פרי פיקס“ און האָבן באַשטעלט צוויי זיבן פראַנקיקע מאָלציייטן.

אין רעסטאָראַן איז געווען געפּאַקט. די קעלנער האָבן זיך אַרומ־

געיאָגט אין ווייסע, קויטיקע פאַרטוכער, האָבן געפּאַכעט מיט די סער־וועטקעס און אויסגערופן די באַשטעלונגען.

אַנדרעי האָט געשיינט: צוויי הונדערט און פופציק פראַנק אין קעשענע און אַ חברטע ביי דער זייט, האָט זי זיך דערפילט זיכערער אין דער גרויסער שטאָט פּאַריז.

— פאַרוואָס זיצסטו ניט מיט אונדז אין אַטעליע? — האָט אַנדרעי זיך געבעטן ביי איר חברטאָרין — ס'וואָלט געווען אַ סך היימלעכער מיט דיר צוזאַמען. די שעהן ציען זיך אַזוי לאַנג און מיר איז אַזוי אומעטיק...

ביילקע סאַנדלער האָט אָנגענומען מיט ביידע הענט די קליינע פראַנצויזקע ביים קאָפּ און האָט איר אַריינגעקוקט אין די פינקלדיקע אויגן. שיר, אויף אַ האָר אוז זי דערציילט איר פריינדינע, אַז זי איז פון ליטע, געקומען אַהער שטודירן. זי האָט געהאַט גרויסע אַמביציעס, גאָר גרויסע, געוואָלט ווערן אַזש דאָקטער. נאָר מער ווי צוויי סעמעסטער האָט זי זיך ניט געקאָנט אויסהאַלטן אויפן אוניווערזיטעט, האָט זי אַזוי אַרום פאַרלוירן איר וואוינרעכט און קיין אַרבעט־פּאַפּירן האָט זי קיינמאָל ניט געהאַט. און... וואוהין זיך אומצוקערן צו וואָס, האָט זי אויך ניט. אַרבעט זי ביים באַלעבאָס אין שלאָפצימער, כדי, ווי אַ זאָך מאַכט זיך, זאָל זי צייט האָבן עוקר צו זיין. נאָר אָנשטאָט עפּעס צו זאָגן, האָט זי טרויעריק אַ שמייכל געטאָן און געפרעגט:

— דו ווייסט וואָס ס'הייסט: פרעמדע?

— „אָ, ווי״ (יאָ), אַן אויסלענדער. — האָט די פראַנצויזקע ראַפּטאָם געענטפערט.

— ניין, מיין קינד, דו ווייסט ניט דעם באַטייט דערפון.

אַנדרעי האָט זיך געחידושט: וואָס איז דען דאָ צו וויסן?...

אַהיימגעקומען, האָט זי זיך געזעצט אויפן בעט, ווי איר געוואוינהייט איז געווען, און האָט גענומען באַטראַכטן אירע פלענער: אויב אַזוי, וואָס־זשע זאָל זי לערנען? שפּילן, זינגען אָדער טאַנצן? אַז זי האָט טאַלאַנט, דאָס ווייסט זי; דאָס האָבן איר נאָך געזאָגט די נאָנעס אין דער קאַטוילי־שער שול. זיי האָבן איר אפילו געראָטן, אַז זי זאָל ווערן אַ נאָנע און זי וועט האָבן אַ געזיכערטע צוקונפט פאַר זיך. נאָר אַזויווי אַנדרעי האָט צו דעם ניט אַרויסגעוויזן קיין צופיל חשק, איז זי געפאָרן קיין פּאַריז. און איצט, נאָך אַזויפיל מי און בענקעניש, ווייסט זי ערשט ניט צו וואָס זיך צו נעמען. צום ליבסטן וואָלט זי געלערנט אַלע דריי זאַכן צוזאַמען. אַ שטייגער, זינגען; צי וואָס קאָן נאָך זיין אַ שענערע זאַך ווי טאַנצן?

נאָר מ׳דאַרף קענען מוזיק, כדי צו לערנען איינס פון די צוויי... דאָס גרינגע שילדל מיט דער גאָלדענער אויפשריפט איז איר געקומען אויפן זינען. שאַ, דאַכט זיך זי הערט דאָ, ניט ווייט, שפּילן אַ פּיאַנאָ. דאָס מוז זיין זייער אַ גוטער שפּילער. זי וועט אַריינגיין און וועט אויסגעפינען.

אין אַ שיינעם זונטיק אינדערפרי, ווען דאָס וואַסער האָט ווידער געשטראָמט פון דער פּאָמפּע, האָט אַנדרעי גענומען איר פּעקעלע נאָטן, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון דער היים און האָט זיך געלאָזט מיטן געסל באַרג אַראָפּ. דאָס וואַסער איז איר פריילעך נאָכגעלאָפן ביי דער זייט. אַלע פענצטער זיינען געווען אָפן ווי אויסגעשטרעקטע הענט צו דער וואַרעמער זון. פון אַן אויבערשטן שטאָק האָט זיך געהערט אַ פּיאַנאָ שפּילן אַ לייכטן מאָטיוו, ווי אַ ווינטל וואָלט געשאַרכלט. אין אַ ווילע אַרום איז זי שוין געשטאַנען פאַרן גרינעם שילדל און האָט באַטראַכט די גאָלדענע אויפשריפט. ס׳האָט זיך איר זייער ניט געגלוסט אָנצוקלינגען. זי האָט זיך שוין געהאַט אויסגעדרייט אַוועקצוגיין. — אַ, „באָן זשור, מואַדמאָזעל“— האָט די האָטעל־אייגנטימערין זי דערקענט.

— אַנטשולדיקט, איך זוך ניט קיין דירה. איך... איך האָב געוואָלט זען דעם פּיאַניסט, וואָס וואוינט דאָ ביי אייך.

— אַ כיטרע שמייכעלע איז דורכגעלאָפן דאָס מיטליאָריקע פּנים און האָט זיך באַהאַלטן אין די קלוגע וואָנצעלעך. זי האָט געפאָרשט אַנדרעיס אָנגעהויכטן פּנים, וואָס האָט געבליט אין לויטערן פרימאָרגן ווי אַ טיי־רויז.

ווידער זיינען זיי געגאַנגען מיטן ברייטן, היימלעכן אַריינגאַנג, אַרויף איבער טוכלע שטאָקן, ביז זיי זיינען אָנגעקומען העט אויבן—איז מיט־אַמאָל ליכטיק געוואָרן.

—„וואָאַלאַ“ (אָט־דאָ)—האָט די באַלעבאָסטע זי איבערגעלאָזט ביי דער טיר און האָט זיך אומגעקערט.

אַנדרעי איז געשטאַנען אַ היבשע ווייל און האָט געצווייפלט צי זאָל זי טאַקע אָנקלאַפּן, צי אפשר גאָר אַרויס מיטן הינטער־קאָרידאָר? פון אינעווייניק האָט זיך געהערט אַ צעשפּילטע פּיאַנאָ. זי האָט ניט געהאַט דאָס געפיל ווי עמיצער שפּילט, נאָר ס׳שפּילט זיך. די וועלט אַליין האָט זיך צעקלונגען אין יום־טובדיקן פרילינג. זי האָט אָנגעקלאַפּט.

— אַריין! — האָט אַ באַסאָווע שטימע פון ערגעץ אַרויסגעדרונגען. זי האָט אויפגעמאַכט די טיר און איז אַריבער די שוועל האַלטנדיק די קליאַמקע אין דער האַנט. זי האָט געהאַט געגוג צייט זיך אַרומצוקוקן; זי

האָט געזען אַ פּלייצע אָנגעבויגן און עפּעס אַזאַ מין זאַך ווי אַ קאָפּ, אָדער אַ סנאָפּ שטרוי איז אַראָפּגעהאַנגען איבער דער פּיאַנאָ.

— זעצט זיך, מאַדאַם, איך בין גלייך פאַרטיק.

ער האָט געגעבן אַ קלונג און אַ שרייב, אַ קלונג און אַ שרייב. איר האָט זיך אויסגעוויזן אַז ער ברעכט שטיקלעך טענער פון דער פּיאַנאָ און קלעפּט זיי אָן אויף פּאַפּיר. ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט איז ער געווען איבערראַשט צו טרעפן די פרעמדע אַנדרעי, קענטיק אַז ער האָט דער־וואַרט עמיצן אַנדערש.

—„מואַדמאַזעל"? — האָט ער געשטעלט די פראַגע אין אַ נייגער־ריקן טאָן.

— איך ביז פון דער פּראָווינץ. איך האָב בדעה זיך צו לערנען שפּילן, דאָס הייסט, זינגען; ניין, טאַקע שפּילן. האָב איך געזען אייער שילדל. איך האָב אייך געהערט...שפּילן—האָט זי געוואָלט צוגעבן און ניט פאַר־ענדיקט דעם זאַץ.

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ מינע, ווי איינער וואָלט געזאָגט: האָסטו פּונקט מיך אָפּגעזוכט. נאָר ער האָט זיך געכאַפּט, אַז אייגנטלעך האָט ער דאָך צו דעם צוועק אַרויסגעהאַנגען דאָס שילדל, און געענטפערט אין אַן אומזיכערן פראַנצויזיש:

—„טרעביאַן (זייער גוט), מואַדמאַזעל."

— איז וויפיל נעמט איר פאַר אַ לעקציע ?

וועלוול איז ווידער געבליבן געפּלעפּט: וויפיל נעמט ער טאַקע פאַר אַ לעקציע ? ער נעמט וויפיל ס'לאָזט זיך... און כדי אַרויסצוקריכן פון דער פאַרלעגנהייט, האָט ער צוריקגעפרעגט:

— איר קאָנט שוין עפּעס ?

— אין דער היים האָב איך געשפּילט אויף אַ קלאַוויקאָרד און . . .

— און וואָס נאָך?

— איך האָב געזונגען אין קירכע. מיר האָבן זייער אַ שיינע קירכע אין בלעין — האָט זי אים אָנגעקוקט מיט אירע פאַרבענקטע אויגן, אַזש וועלוול האָט ניט געקאָנט פאַרליידן.

— נו, גוט. איר וועט קומען מאָרגן צוועלף אַזייגער.—האָט זיך וועלוול צוריק אויסגעדרייט.

— איך אַרבעט — האָט זי שטיל געזאָגט.

— וועט איר קומען זעקס אַזייגער פאַרנאַכט.

— זעקס אַזייגער גיי איך אַרויס פון דער אַרבעט און ביז איך וועל קומען אַהער וועט שוין זיין זיבן.

— זאָל זיין אַכט.— האָט וועלוול געענטפערט מיט אַ לאַז מיך געמאַך.

אירע טונקעלע אויגן האָבן אַ פינקל געטאָן און זי האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען אַנדרעי איז אָנגעקומען דאָס ערשטע מאָל מיט איר פּעקעלע נאָטן צו וועלוול ראַש אויף אַ לעקציע, האָט ער פון איר אינגאַנצן גאָרניט געהאַלטן. ווען זי איז געקומען דאָס דריטע מאָל, האָט ער איר פשוט און גראָב געזאָגט, אַז זי האָט אַ גויאישן קאָפּ און זי וועט קיינמאָל ניט קאָנען שפּילן.

אַנדרעי איז געווען אַ קליין־געוואַקסן פראַנצויזיש מיידל, פון דעם טיפּ, וואָס מען האָט געקאָנט טויזנט מאָל פאַרבייגיין און זי ניט באַמערקן. נאָר ווען זי האָט זיך שטיל און פאַרשעמט אַרויסגעשאַרט, פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך, האָט זיך וועלוול עפּעס קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אירע שוואַרצאַפּלען פינקלען אים פאַר די אויגן און דאָס בערעטל אויפן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ שפּאַרט אים אין פּנים אַריין.—צום טייוול! וואָס האָט ער אויף איר באַדאַרפן אָנשרייען? און ער האָט אפילו ניט גענומען איר אַדרעס.—איז אים איינגעפאַלן. ער איז נערוועז געשפּרונגען איבער די קלאַווישן פון דער פּיאַנאָ און האָט אַרויס־געבראַכט אומגעלומפּערטע טענער. דערנאָך האָט ער מיט זיינע צען פינגער פאַרקעמט די ווילדע האָר אויף זיין קאָפּ און איז אַראָפּ אין גאַס. ווי נאָר ער האָט זיך דערזען אויף „פּלאַס דע לאַ רעפּובליק" איז אים היימ־לעכער געוואָרן.

פון אַלע זייטן האָבן געשטראָמט מענטשן, די לאָמפּן האָבן זיך אָנגעצונדן און פּאַריז האָט אַ בלאַנק געטאָן פאַר זיינע אויגן מיט דער גאַנצער פּראַכט. פונדעסטוועגן האָט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט. ער האָט גענומען אַן אויטאָבוס און איז געפאָרן צום מאָנפּאַרנאַס. ער איז געשטאַנען אויף דער אָפענער פּלאַטפאָרמע פונעם אויטאָבוס און האָט זיך איינגעשטאָכן מיט זיינע שטאָל־גרויע אויגן אינעם געדרענג אויף די גאַסן, גלייך ווי ער וואָלט עמיצן געזוכט.

אין קאַפע איז נאָך „קיינער" ניט געווען (כאָטש עס האָט געשוויבלט מיט מענטשן) אַ חוץ דעם מאָלער שטיינליכט, וועלכער איז דאָ געזעסן נאָך פון נאָכמיטאָג אָן און האָט זיך מוראדיק געלאַנגווייליקט. ער איז

געוועזן זייער צופרידן ווען וועלוול האָט זיך צוגעזעצט. נאָר וועלוולס בלאַנדער פּנים האָט עפּעס היינט אויך אויסגעזען זייער אַנטוישט, גלייך ער וואָלט פאַרלוירן אויף דער לאָטעריע. קיין געשפּרעך האָט זיך ניט געקלעפּט צווישן זיי, האָבן זיי גענומען צוויי טעפּלעך שוואַרצע קאַווע און האָבן אין זיי שטום אַריינגעקוקט.

דאָס העל־באַלויכטענע קאַפע איז איבערגעגאַנגען פון מענשטן, ווי קאָכעדיקע לאַווע. נאָר שטיינליכט האָט געצייכנט די איינצעלנע „בלויע געשטאַלטן„ וועלכע זייענען געזעסן ביי איינזאַמע טישלעך און האָבן אַרויסגעקוקט, געוואַרט, געהאָפט . . .

וועלוול האָט אַ ריס געטאָן דאָס פּאַפּיר פון זיינע הענט:—האָסט שוין גאָר אינגאַנצן פאַרלוירן ס'לשון? — און איז אַוועק.

אַהיים איז ער געקומען שפּעט אין אָוונט אַן אויסגעהוילטער, אַ ליידיקער. אויף מאָרגן האָט ער ניט קיין שום לעקציעס, האָט ער פּלוצלינג אַ טראַכט געטאָן:—דער רוח זאָל עס נעמען! תמיד טוט ער אַזוי: באַליידיקט מענטשן, דערנאָך, דערנאָך איז ווידער פּוסט אויפן האַרצן...

וועלוול האָט אַראָפּגעקוקט אין אַ וואָלקנדיקן פאַרנאַכט איבער שפּיציקע דעכער פון פּאַריז. פון יענער זייט טורעם האָט זיך געשניטן אַ שטיק אָנגעצונדענער הימל גלייך אין זיין פענצטער אַריין. ס'האָט אָנגענומען צונויפּרוקן איבער זיין קאָפּ. אויף אַ קליין טישל, אין אַ ווינקל, איז גענומען צונויפּרוקן איבער זיין קאָפּ. אויף אַ קליין טישל, אין אַווינקל, איז געשטאַנען אַ שפּירטום מאַשינקע און האָט געברענט. ער האָט געהערט דאָס וואַסער זידן. נאָך וואָס דאַרף ער עס, ער וויל דען טיי?

ס'האָט זיך געהערט אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר. אַזוי לייכט, אַז ער האָט ניט געוואוסט צי קלאַפּט מען טאַקע, צי דאַכט זיך אים בלויז אויס. פון נייגעריקייט וועגן האָט ער אויפגעמאַכט און אָט איז געשטאַנען אַנדרעי. ער האָט זי קוים דערזען אין פינצטערן קאָרידאָר און האָט אַזוי ברייט צעעפנט די טיר, אַז אַנדרעי האָט זיך דערשראָקן און האָט גענומען צוריקטרעטן. זי האָט אים בלויז געוואָלט זאָגן, אַז וואָס אַרט דאָס אים צי זי וועט קאָנען שפּילן צי ניט. זי וועט אים באַצאָלן פאַר יעדער לעקציע. איר געפעלט זיין שפּילן און . . .

ער האָט אַראָפּגענומען איר מאַנטל מיטן בערעט און האָט זי אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל אין מיטן שטוב. דערנאָך האָט ער פון ערגעץ אַרויסגערוקט אַ טישל, געמאַכט טיי און אַוועקגעלייגט ברויט, פּאָמעדאָרן און פאַרשימלטן קעז אויפן טיש. אַנדרעי האָט געקוקט, געקוקט און האָט

עפּעס ניט געוואוסט וואָס זי האָט צו טאָן אין אַזאַ פאַל. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן איר און אָנגעהויבן דערציילן ווי היימלעך ס'איז דאָ, אין דעם צימער, ווען די דעכער ציבדן זיך אַז אין מערבדיקן זונ־פאַרגאַנג און ווי אומהיימלעך ס'ווערט, ווען די שאָטנס הויבן אָן קריכן אויף די קרומע ווענט. ער האָט דערביי געטומען גרויסע ביסן און געגעסן אויףביידע באַקן. אַנדרעיען האָט אָנגערעגט אַן אַפּעטיט. זי האָט זיך דערפילט אַזוי היימיש, ווי נאָך קיינמאָל ניט זינט זי איז אין פאַריז. זי האָט פריילעך געפּלאַפּלט און אירע בעקלעך האָבן זיך געבראָכן אין אַ קינדישן געלעכטער.

וועלוול האָט זי ערשט איצט צום ערשטן מאָל דערזען. ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַזעלכע אויפגעריסענע אויגן, אַזש אַנדרעיען איז דער שמייכל פאַרקילט געוואָרן אויפן פּנים. נאָך דער לעקציע האָט ער זי אָפּגעפירט אַהיים און האָט אויסגעפונען, אַז זי וואוינט טאַקע אָט־דאָ אונטער דער נאָז. ער איז געווען איבערראַשט ווען זי האָט זיך אָפּגע־שטעלט אויף „רי פּיקסעריקו" פאַר אַ טויער.

—„אָ רעוואָואַר, מעסיו"—צום ווידערזען.

— דאָ?

— יאָ, דאָ. וואָס איז דאָס פאַר אַ וואונדער?

ביידע האָבן געלאַכט און זיינען נאָך געגאַנגען עטלעכע מאָל אַרויף און אַראָפּ די גאַס, ביז אַנדרעי איז פאַרשוואונדן אין יענעם טויער.

אַנדרעיס לעקציעס זיינען געוואָרן ליכטיקע שעהן, וואָס האָבן באַ־לויכטן אַ געוויסן טאָג אין דער וואָך. וועלוול האָט אויף זיי אַרויסגעקוקט, ווי מען קוקט אַרויס אויף אַ יום־טוב. ער האָט איר פאָרגעשלאָגן צו נעמען לעקציעס צוויי מאָל אַ וואָך:

—„נאָ, מעסיו"—ניין, מיין הער!

— פאַרוואָס „נאָ"?

נאָר אַנדרעי וועט אים ניט גיין דערציילן פאַרוואָס. זי האָט זיך געהאַט איר אויסרעכענונג.

—אויב איר מיינט ערנסט מיטן שפּילן, איז איינמאָל אַ וואָך ניט גענוג.

— איך מיין ערנסט מיטן שפּילן—האָט אַנדרעי אונטערגעשטראָכן.

— נאָר קיין צופיל צייט האָב איך ניט.

— איר מיינט, קיין צופיל געלט—האָט וועלוול געלאַכט.

— קאָן זיין. דערווייל וויל איך בלויז איינמאָל אַ וואָך. אין אָנפאַנג האָט איר מיך גאָרניט געוואָלט לערנען, געדענקט?...

— כמעט פאַרן זעלבן געלט קאָנט איר נעמען צוויי לעקציעס אַ וואָך.

— און כדי צו מאַכן די זאַך נאַטירלעך האָט ער געהויבן דעם פּרייז פון צוועלף אויף פופצן פראַנק.

— אפשר שפּעטער—האָט אַנדרעי זיך אָפּגעטשעפּעט פון אים און איז אַרויס.

אין יענעם אָוונט איז וועלוול ראַש געזעסן אויף „רי ברעטאָן" ביי אַ זיצונג. אַלע צימערן אין גרויסן לאָקאַל זיינען געווען אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן. ביי אַ לענגלעכן טיש אין אַ זייטיק צימער איז געזעסן די עקזעקוטיווע. אַרום און אַרום ביי די ווענט זיינען געשטאַנען די אַקטי־וויסטן. ס'האָט געפּלאָמט אַ הייסע דיסקוסיע:

— איצט אָדער קיינמאָל ניט! — האָט געדונערט איסאַק גאָרדאָן.

— ס'זיינען היסטאָרישע טעג אין פראַנקרייך. מיר האָבן היינט מער אָנזען אויף דער פראַנצויזישער גאַס ווי „זיי".

— וואָס קומט אַרויס—האָט העניך אַראָפּעלאָזט די שווערע ליפּן— מיר זיינען אינגאַנצן אָפּהענגיק פון די פראַנצויזישע פּאַרטייען, אָן זיי קאָנען מיר גאָרנישט טאָן.

וועלוול איז געזעסן מיט אַן אָנגעשטרענגט פּנים און האָט נאָכגע־פאָלגט דער דיסקוסיע: — מוזיק—האָט ער געטראַכט—איז אויך אַ טייל פונעם קאַמף, און אפשר דער בעסטער טייל.—דאָס היינטיקע לעבן דאַרף מען קינסטלעריש באַווירקן—האָט ער אַריינגעפּלאַצט ווי אַ יוון אין סוכה.

— מיט געזאַנג קאָן מען גיין אַ ווייטן וועג . . .

— קוואַטש! — איז אים איסאַק אַריינגעפאַלן אין די רייד.

וועלוול איז רויט געוואָרן. ער האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט שוין נישט געקראָגן דאָס וואָרט. שלמה סאַלאָמאָן האָט קאַטעגאָ־ריש דערקלערט, אַז מיט „זיי" איז ניט מעגלעך קיין שום פאַרהאַנדלונגען.

— פאַרוואָס איז ניט מעגלעך?—האָט „מעסיו" בענקין, דער פראַנ־צעזירטער אַריסטאָקראַט געוואָלט וויסן.

— נו, גיי דערצייל אים ערשט פאַרוואָס—האָט שלמה געציטערט:

— פון יעדן געמיינזאַמען אַרויסטריט קומען מיר אַרויס ווי אָפּגעשמיסענע.

— באַלעבאַטימלעך ! ! — האָט איסאַק אויסגעשריגן.

— איר ווייסט אפשר אַן אַנדערן אופן, וויאַזוי צו פאַרדינען אויף חיונה—האָט זיך אינגבער געפילט געטראָפן. און צוגעגעבן מיט אַ מיין:— נישט אַלע קאָנען זיין פּראָפעסיאָנאַלן...

— מיט וועמען דען וועט איר זיך פאַראייניקן, מיט דער פעדעראַציע? צי אפשר גאָר מיט דער „אַליאַנס“?

— מיט אַלע וועלן מיר זיך פאַראייניקן—האָט וועלוול גערעדט אויסער אָרדנונג—מיט זיי און מיט דער פעדעראַציע. דאָס אָפּזונדערן זיך, און בכלל דאָס צעטיילן זיך מיטן שטיקלעך אידעאַל... אַ גרויס גליק האָט עס געבראַכט דער מענטשהייט . . .

בענקין איז אַרויס פון זיינע אַריסטאָקראַטישע כלים און האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש. איסאַק האָט זיך אויפגעשטעלט. צום ערשטן מאָל אין זייער פּירערשאַפט זיינען זיי געווען אייניק.

— נישט אַזאַ הייס בלוט—האָט דער פאָרזיצער באַרויקט—אַלע ווילן מיר דאָס בעסטע.

— ביי אַזעלכע פּאָליטיקער ווי ער (וועלוול), האָט איר געפּועלט מען זאָל זיך מיט אַלעמען פאַראייניקן—האָט איסאַק זיך געהיצט.

— און זינגען לידער—האָט איינער צוגעגעבן אין דער שטיל.

וועלוול איז אַרויס נאָך איידער די זיצונג האָט זיך געענדיקט. אין פאָדערשטן זאַל און אין די צימערן אַרום האָט מען נאָך געהאַלטן אין עסן. אַ געדיכטע פּאַרע איז געהאַנגען אונטער דער סטעליע. די קעכין מיטן פאַרפעצטן פאַרטוך האָט שוין געהאַלטן אין איבערליידיקן דעם מאַרינירטן הערינג. דער סאַלאַד איז געווען געל, אויסגעווייקט און די רעשטלעך עסנוואַרג, צונויפגעוואָרפן אין אַ פאַן, האָבן זיך אַפּירגעזען פון אונטער אַ קויטיקער נעץ.

דער גרויסער זאַל איז געווען געפּאַקט: היימישע און ניי־אָנגעקומענע מיט זאָרג אויף די פּנימער, פּחד אין האַרצן, נאָר אויפגעלייגט: מען איז פאַרט אין פּאַריז, מען איז פאַרט אין ליבעראַלן פראַנקרייך...

וועלוול האָט געשפּאַרט זיינע פּלייצעס אין דער געדיכטעניש פון דער גרינער מענטשן מאַסע. ער האָט זיך געריבן אַקסל אָן אַקסל, און אים איז עפּעס געוואָרן אַזוי גוט דערפון, אַזוי גראַם, אַזוי געמיטלעך.

---

די פּופּצן פראַנק, וואָס אַנדרעי האָט געצאָלט, האָבן קוים געקלעקט אויף די צוויי מאָלצייטן וואָס וועלוול האָט צוגעגרייט צו די לעקציעס: הינערשע לעבערלעך, געמאָלן פעטדיש פלייש, פּיקאַנטער סאַלאַד, וויין, דינע, לאַנגע ברויטלעך און פאַרשטונקענעם קעז (אַזאַ דעליקאַטעסן). אין אָנפאַנג איז אַנדרעי געזעסן און זיך צוגעקוקט ווי וועלוויל מאַטערט זיך מיט זיינע צוויי לינקע הענט און ווי ער קאָן זיך קיין עצה ניט געבן

מיט דער טשופּרינע וואָס פאַלט אים כסדר אַראָפּ איבער זיין פּנים. דערנאָך איז זי היימישער געוואָרן, האָט געגרייט צום טיש און אָפּגעבראָטן דאָס פלייש. די לעקציעס פלעגן זיך געוויינלעך פאַרציען ביז נאָך צען אַזייגער. האָט ער זי אַרויפגעפירט דעם באַרג (וועלוול האָט פיינט געהאַט צו גיין מיטן הינטער־קאָרידאָר) און פאַר איינוועגס האָט ער שוין אַכטונג געגעבן אַז זי זאָל גלייך אַהיימגיין, זיך ניט אַרומדרייען אין גאַס — אַ קשיא אויף אַ פּראַנצויזקע. דערנאָך ערשט איז ער געגאַנגען צו זיצונגען אין קאַפע „טערמינוס", אין אַרבעטער היים, אַמאָל אין דער קולטור־ליגע.

וועלוול איז געווען דאָס אמתע קינד פון דער גרויסער שטאָט. דער רויש פונעם וואַלד האָט צו אים גאָרניט געמיינט. דאָס פליסטערן פון אַ טייכל האָט ביי אים מער ניט אַרויסגערופן ווי אַ שמייכל. אָבער דער טראָט פונעם מענטשן האָט אָפּגעקלונגען אין די טיפענישן פון זיין געמיט. ער איז געווען אַ מיטגליד פוןביידע ישובים אין פּאַריז: פון דער באַהעמיע אויפן „מאָנמאַרט" און פונעם עמיגראַנטישן פאָלקסלעבן אַרום בעלוויל.

— העי, וועלוויל, וואָס האָט איר אייך פאַרקליבן דאָרטן אויפן בעלוויל? כדי ס'זאָל זיך גראַמען? — האָט דער מאָלער איקס אים געפרעגט.

— פּשוט, ס'איז מיר היימלעך דאָרטן. איך גיי אַרויס אויף דער גאַס, בין איך שוין אין יידישן צענטער.

— אָבער ווי קומט דאָס צום „פּאָבור"? (פאַרקירצט, אַ געוויסע געגנט).

— ס'קומט טאַקע ניט. ווער זאָגט אייך אַז ס'קומט? אין רואיקייט קאָן איך גאָרניט טאָן. איך מוז האָבן דעם שטענדיקן קאָנטאַקט מיט מענטשן, אַנדערש בין איך אַ פאַרלוירענער.

— „נאָנסענס" — איז דעם זשורנאַליסט בן־עיר דאָס וואָרט זייער שטאַרק געפעלן: — איר זיינט נאָך אַ גרינער, וועלוול, דאָס האַרץ פון פּאַריז איז מאָנפּאַרנאַס, נישט דער בעלוויל.

— מעגלעך, נאָר איך האַלט אַז דער פּולס שלאָגט פון פּלאַץ רעפּובּליק, פון דער „בור דע טראַוואַי" (אַרבעטער־צענטער, וואו די גרויסע יוניאָנס געפינען זיך) . . .

נו, טאַקע, וויאַזוי האָט ער, וועלוול פּיוויש לייבס, דעם זשאַדעווער רבס אייניקל, געקאָנט לעבן ערגעץ אַנדערש? איז וואָס אַז ער האָט נאָך אונטערן „סטיזשאָק" (לעצטער פון דער קייט קאַרפּאַטן בערג) אָנגעהויבן לייענען דייטשע ביכער? איז וואָס, אַז ער איז נאָך אין טשערנאָוויץ געוואָרן אַ סאָציאַליסט? וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט פרעמדער סביבה?

ס'האָט אים געצויגן פריער צום הערצל־פּלאַץ, דערנאָך צו דער גרענאַדיר שטראַסע און היינט צום בעלוויל.

בעלוויל מיט זיינע עמיגראַנטישע האָטעלן, בעלוויל מיט זיינע גרויסע אַרבעטער קוואַרטאַלן, בעלוויל מיט זיינע באַהאַלטענע בעל־מלאכות, איז געלעגן אין בלוט. דאָס איז געוועזן די היים אין פרעמדער, רייצנדיקער מעטראָפּאָליע.

יידישע „פאַבריקאַנטן" הויבן זיך אויף אַכט, ניין אַזייגער פון די מאַשינען און ס'גלוסט זיך זיי נאָך זינגען. פאַרמירן זיי כאָרן אונטער פאַרשיידענע נעמען, און וועלוול האָט עפּעס צו זיי, עפּעס וויל ער פון זיי; ער גיט זיך ניט אָפּ קיין חשבון וואָס, נאָר ער טרעט ניט אָפּ פון זיי.

— הער, טענאָרן, זאָלט איר מיר געזונט זיין: אַביסעלע שנעלער. ס'נישט קיין סערענאַדעס וואָס איר זינגט דאָ. באַסן! אָפּגעהאַקט: „הער, הער, וואויל דעם שמידער, וואויל איז אים און גוט . . ."

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט: קינדער פונעם קליינעם פּוילישן שטעטל האָבן ליב אויסצוציען אַ ליד אין דער לענג און אין דער ברייט. און וועלוולס גרויסשטאָטישער ריטם קאָן דאָס ניט פאַרנעמען.

— לא עלינו, איז דאָס אַ געזאַנג! . . .

ס'איז אים געגאַנגען אין לעבן, אַז ביי דעם אינטערנאַציאָנאַלן פעס־טיוואַל אין „מיוטאַליטע" (אַ גרויסער זאַל אין פּאַריז) זאָלן די יידישע אַרבעטער־כאָרן זיין מיט לייטן גלייך...

ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שטעקעלע: — נאָכאַמאָל!

— דאַן וועלן מיר אַנדערע דעם גייסט איבערגעבן.—

זיי זאָלן פאַרטרעטן דעם קאַמף אויפן אָרט...

וועלוול איז טאַקע געוועזן נאָך אַ גרינער. ווען נישט, וואָלט ער פאַרשטאַנען דעם ווערט פון וואוינען אין גויאישן געגנט און דעם אַנזען וואָס דאָס גיט אַזאַ איינעם אויף דער יידישער גאַס. דאַן וואָלטן אפשר די שטיפערישע סאַפּראַנאָס געהאַט מער אָפּשיי פאַר אים . . .

אָבער בלויז ס'האַרץ זיינס האָט געוואָרצלט אויפן בעלוויל. די פאַנ־טאַזיע האָט געטראָגן אַהין, אַהין צו דער אָפּערא, שאַנז־עליזעי, לאַ קאָנקאָרד, דאָרטן וואו דאָס לעבן שוימט אַריבער אַלע ברעגעס; דאָרטן וואו לוקסוס און פּראַכט פאַרכאַפּן דעם אָטעם. און וועלוול האָט זיך אַ לאָז געטאָן פון זיין דאַך־שטיבל אויפן בעלוויל שווימען מיטן צויבער־האַפטן שטראָם פון פּאַריז.

נאָר עס יאָגן זיך אַרום פּאָליציילייט אויף רייטוועלאָסיפּעדן אין פּלאַ־

טערנדיקע פּעלערינעס. און מעגן זיי גאָרניט האָבן צו דיר, און מעגסטו אפילו האָבן אַלע נויטיקע פּאַפּירן ביי זיך אין קעשענע, פּנים־אל־פּנים מיט די דאָזיקע פלעדערמייז פאַרלירסטו דעם באָדן פון דער געליבטער פּאַריזער ערד.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס יידישע פראַנקרייך איז געוואַקסן: צוויי הונדערט טויזנט, צוויי הונדערט פופציק, דריי הונדערט טויזנט. נאָר מען טאָר נישט ציילן. לאַוואַל* קאָן נאָך אָן עין־הרע געבן. ער האָט בטבע פיינט „עטראַנזשעס". און ביי אים איז יעדער דריטער מענטש, מעג ער אפילו וואוינען צענדליקער יאָרן אין לאַנד, אַן „עטראַנזשעי". נאָר די אימיגראַציע האָט זיך אַריינגעשפּאַרט מיט אַ מעכטיקן שטראָם: פונעם „נייעם דייטשן רייך," פונעם „באַפרייטן" פוילן, פון רומעניע, פון . . . און צוזאַמען מיטן וואוקס פונעם גאַנצן יידישן ישוב איז אויך געוואַקסן איינער פון זיינע עמיגראַנטישע זין: וועלוול ראָש. אַ קאָנצערט אין דער פעדעראַציע, אַ קאָנצערט אויף סאַן מישעל, אין דער קאָנסערוואַטאָריע. נו, שטייגן האָט קיין שיער ניט. איבריקנס, שפּילן איז גאָרניט געוועזן וועלוולס גרעסטע באַשטרע־בונג. זיין חלום איז געוועזן געשפּילט צו ווערן . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

לאַוואַלס מענטשן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער די שטעט כדי אויס־אויסצוראָמען די וואַרשטאַטן פון די „זשווגוס" און „עטראַנזשעיס" (יידן און פרעמדע). און האָט מען איינעם געכאַפּט, איז גלייך אָן אויסווייז. נאָר וואָס פאַר אַ ווערט האָבן גזירות קעגן שוואַר־געפּראַוועטע־מאַסן? איז מען מיט דער בעלגישער גרעניץ אַרויס און מיט דער דייטשער— אַריין. דער פּאָליצייט־פּרעפעקט האָט זיך אָפּגעגעסן דאָס האַרץ, נאָר די אימיגראַציע איז געפלאָסן דורך אַלע שפּאַרעס. אַז כאָטש נעם און שטעל אָוועק דאָס ליבעראַלע פראַנקרייך אין אַן אַנדערן וועלט־טייל, אויף אַן אַנדערן פּלאַנעט.

אַרבעט! דאָס איז געוואָרן דאָס שרעק־וואָרט אין אימיגראַנטישן פּאַריז, אין גאַנץ פראַנקרייך. פאַר אַזאַ מין זאַך האָט מען אויסגעוויזן פון לאַנד, פאַר אַזאַ מין זאַך האָט מען געוואָרפן אין תפיסה. איז וואָס אַז אומגליקספאַלן האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג? און וואָס אַז שרפות האָבן אַרומגעכאַפּט גאַנצע פאַמיליעס אין פאַרשפּאַרטע פאַסטקעס? אַז

*) לאַוואַל איז דעמאָלט געווען פרעמיער־מיניסטער.

די טירן האָט מען אַלץ געמוזט האַלטן פאַרשלאָסן פאַר אינספּעקטאָר, און מענטשן האָבן נאָך אַלץ געמוזט אַרבעטן, האָבן נאָך אַלץ געמוזט לעבן...

נאָר ווי עס לעבט זיך אַזוי שאַפט זיך: זיינען, אין צרות און אין ליידן, אויפגעקומען אינסטיטוציעס ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן; פליכטלינג־קלובן, הילפס־פאַראיינען, ביליקע קיכן און... יידישע שולן. צוויי מאָל אַ וואָך — זונטיק און דאָנערשטיק — זיינען זיך צונויפגעקומען די גרינע משהלעך און שלמהלעך; האָבן זיך אויסגעפרווירן די קינדערשע ביינדעלעך און אַהיים געבראַכט דאָס וואַרעמע, היימישע יידישע וואָרט אין עמיגראַנטישער שטוב אַריין.

שטייט אַ יידישע שול אין הויף אויף די ראַמפּאַנאַ, אין סאַמע האַרץ פון דער יידישער אָרעמקייט. די ווענט פון אָפּגעווייסטע ציגל, דער דאַך אָן אַ סטעליע, דער דיל פון קאַלטן צעמענט. אין אַ ווינקל ברענט אַן אייזעלע רויט. וואַרעמט עס בלויז די פּנימלעך. די פיס שפּרינגען אָפּ פון קעלט. נאָר ווער פילט דען? אַז וועלוול, דער געזאַנג־לערער, דער־ציילט איצט די געשיכטע וועגן מאָצאַרטן: ווי צו זעקס יאָר האָט ער שוין געגעבן קאָנצערטן; צו זיבן — האָט ער געשריבן קאָמפּאָזיציעס, און גע־שפּילט האָט ער בלויז פאַר פרינצן. נאָר דער סוף איז נעבעך געווען זייער אַ טרויעריקער און ביי די קינדער שטעלן זיך טרערן אין די אויגן. וועלוול האָט שוין חרטה אויף דער גאַנצער מעשה, און כדי צוריק אויפצו־מונטערן די קינדער גייט ער איבער אויף אַ באַקאַנט לידל, וואָס זיי די קינדער, האָבן מיטגעבראַכט פון פוילן:

„פּאַטש, פּאַטש, פּאַטש,
אוז קלאַפּ, קלאַפּ, קלאַפּ.
היינט האָט חתונה אונדזער קאַץ...
אונדזער שיין קעצל, מירקע —
מיטן גרויסן קאָטער, סירקע"...

די קינדער פּאַטשן מיט די הענטלעך און טופּען מיט די פיסלעך, ווערט זיי אַביסל וואַרעמער און וועלוול האָט אָפּגעטאָן אַ גרויס שטיק אַרבעט.

אין מיטן דעם אַלעמען קומט גאָר אָן צו אים אַ פראַנצויזיש מיידל זיך לערנען שפּילן פּיאַנאָ. נו, וועלוול דאַרף פאַרדינען. אַ חוץ דעם, איז עפּעס סתם אַזוי אָנגענעם זי צו לערנען...

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַנדרעי האָט געמאַכט פּאַרשריט און איר דערגרייכונג איז געווען אַ שטעלע אין „באָ מאַרשעי" (געשעפט מיט דעם נאָמען) אַלס... פּיאַנאָ פאַרקויפערין. דאָס הייסט, נישט אַזוי אַלס פאַרקויפערין, ווי אַלס קלאַנג־דעמאָנסטרירערין. אַנדרעי האָט קיין סך ניט באַדאַרפן כדי צו זיין איבערגליקלעך. פאַר איר איז יעדער טאָג לעבן געווען אַן אַנטפּלעקונג. אַ שטראַלנדיקע איז זי געקומען צו לויפן און האָט אויסגעלייגט אויפן טיש פינף הונדערט און פופציק פראַנק פאַר צוויי וואָכן געהאַלט.

וועלוול איז געבליבן זיצן ביטער אַנטוישט. שוין־זשע, דאָס אַלץ? ער האָט אָבער באַלד געזען אַז די פראַנצויזיקע האָט ניט קיין שום מוזיקאַלישן חוש.

אַנדרעי האָט אַנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן: סאַראַ מאָדנער ער איז, דער „עטראַנזשעי".

ווען ער האָט איר אין יענעם אָוונט געגעבן צו שפּילן אַן „עטיוד" האָט ער עס ביי איר באַלד צוגענומען און איר געגעבן אַ לייכטערן. דער־נאָך איז אים דאָס אויך ניט געפעלן, האָט ער עס אַרויסגעריסן פון אירע הענט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי שפּילט אַזוי שלעכט, אַז ס'רייסט ממש ביי די אויערן. האָט ער זי אָפּגעשטופּט פון דער פּיאַנאָ און האָט אַליין גענומען שפּילן ברוגז און קאַלט. אַנדרעי האָט זיך שטיל אַרויס־געדרוקט פון צימער. און ערשט אויף די טרעפּ האָט זי זיך באַגאָסן מיט טרערן. די האָטעל־אייגנטימערין מיט אירע כיטרע וואָנצעלעך האָט איר פאַרדעכטיקט נאָכגעקוקט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווען וועלוול האָט געגעבן זיין קאָנצערט אין דער פּאַריזער קאָנסער־וואַטאָריע איז אַנדרעי געזעסן אויפן ערשטן באַלקאָן און האָט מוראדיק געציטערט. אירע בלאַסע ליפּן האָבן געשעפּטשעט אַ תפילה. ווען ער האָט אָנגעהויבן שפּילן, האָט זי גענומען ברעכן מיט די הענט. „אַ, לאַ, לאַ־לאַ־לאַ"—האָט אַן עלטערער פראַנצויז מיט אַ הדרת־פּנימדיקער באָרד, פון דער צווייטער ריי, זי אָנגעקוקט איבערן קאָפּ אַריבער. ווען דער ערשטער אַפּלאָדז איז אויסגעבראָכן איז זי געבליבן זיצן אינגאַנצן אַן אויסגעשעפּטע. זי האָט ניט געקלאַפּט, פאַרקערט: זי האָט זיך איבער־געגעבן אַ זיסער רו און איז שיר ניט אַנדרימלט געוואָרן...

אַהיים איז זי אַוועק אַליין. ניט געוואַרט אויף אים. כאָטש ער האָט איר אָנגעזאָגט וואו אים צו טרעפן נאָכדעם ווי ער וועט זיך האָבן באַפרייט

פון זיינע פריינט און באַקאַנטע. ערגעץ־וואו האָט אַ באַליידיקונג געדויעט אין איר.

דעם אַנדערן טאָג, גאַנץ פרי, האָט זי אים געטראָפן פאַרן טויער וואַרטן אויף איר. ס'איז גאַרניט געווען דערזעלבער וועלוול: אַ באַרואיק־טער, אַ גוטמוטיקער, מיט אַ שטילן שמייכל אויפן מידן פּנים.

— פאַרוואָס האָסטו ניט געוואַרט אויף מיר?

אַנדרעי האָט אַ דריי געטאָן מיטן קעפּל.

— אַ גאַנצע נאַכט האָב איך זיך אַרומגעדרייט אין גאַס. ס'איז געווען אַ וואונדערלעכע נאַכט. כ'האָב געהאָפט, אפשר וועסטו עס פילן און וועסט אַראָפּקומען.

— כ'האָב א י י ך אויסגעפעלט?

ער האָט זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— איך מוז לויפן, ס'איז שפּעט.

— מוזטו? — האָט ער זי געהאַלטן ביי דער האַנט.

— אַוודאי מוז איך.

— אפשר גייסטו היינט ניט צו דער אַרבעט — האָט וועלוול זיך געבעטן — אַז איך קאָן זיך ניט קיין עצה געבן מיט אַזויפיל פרייד...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'איז געווען אין ווינטער 1934. וועלוול האָט זיך אַרומגעדרייט מיט אַ „ווייסן פּאַפּיר" (אויסוויז) אין קעשענע. שוין זעקס וואָכן ווי ער האָדעוועט דעם אינספּעקטאָר מיט טרינק־געלט. יענער רוקט אַלץ אַריין אין קעשענע און די אַנדערע וואָך איז ער ווידער דאָ. נאָר נישט דאָס איז איצטער געלעגן וועלוולען אין זינען. ער האָט זיך אונטערגענומען צו שאַפן אַ הימן פאַרן „פראָנט פּאָפּולער"—פאַראייניקטער פראָנט—און ס'גיט זיך אים ניט איין. גאַנצע נעכט איז ער אויף, שרייבט, שרייבט איבער און צערייסט. אַ פאַרלוירענער דרייט ער זיך אַרום איבער דער גרויסער שטאָט. גייט צו פאַרזאַמלונגען, דעמאָנסטראַציעס, מיליאָנען־קעפּיקע דעמאָנסטראַציעס; וועלוול האָט נאָך אַזוינס ניט געזען. פאַריז קאָכט, פאַריז גייט איבער איבער אַלע ברעגעס און ער, וועלוול, דאָס קינד פון גרויסע מאַסן—איז שטום. ער קאָן בשום אופן ניט געפינען קיין אויס־דרוק פאַר דעם וואָס ער זעט און פילט.

אַנדרעי האָט זיך אַריינגעשאַרט אַזוי שטיל און פאַרלעגן, גלייך זי איינע וואָלט איינגאַנצן שולדיק געווען אין זיין הילפלאָזיקייט. זי האָט געפּאַרשט זיינע מינעס פון דער זייט. זי האָט מורא געקראָגן פאַר אים.

שוין עטלעכע וואָכן ווי ער גיט איר ניט די לעקציעס, נאָר פּרוּווט אויס אויף איר אַלע זיינע זיגזאַגן. אַנדרעי שפּילט און ציטערט, וועלוול שטייט אונטער דער טיר און הערט זיך איין. נאָר פּלוצלינג איז ער אַריין, זי אָנגעכאַפּט ביי דער פּלייצע און מיט איר אַזאַ טרייסל געטאָן, אַז זי האָט זיך פולשטענדיק פאַרלוירן.

ס'האָט גענומען אַ היבשע ווילע ביז זי איז געקומען צו זיך פון דעם אומדערוואַרטן אָנפאַל. ווען זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ איז וועלוול געשטאַנען אַ צעשויבערטער מיט אויפגעריסענע אויגן. זי האָט גענומען איר מאַנטל, זיך אָנגעטאָן. וועלוול האָט איר נאָכגעקוקט דערשראָקן: וואָס, דאָס וויל זי איצטער אַוועקגיין? זיינע אַקסלען האָבן זיך אַ ברעך געטאָן. ער איז צוגעפאַלן צו אירע קני און זיי הייס אַרומגענומען:

— אַנדרעי, גיין ניט אַוועק; לאָז מיך ניט איבער אַליין.

זי איז געשטאַנען גלייך ווי אַ ווירע. אירע ליפּן האָבן זיך געשניטן שמאָל און שאַרף. אירע אויגן—געצילט צו דער טיר. וועלוול איז אויפגעשפּרונגען און פאַרשטעלט מיט דער פּלייצע די טיר.

— כ'וועל דיר ניט לאָזן . . .

אַנדרעי האָט זיך אויסגעדרייט, איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און זיך אַוועקגעשטעלט מיטן רוקן צו דער פּיאַנאָ; גלייך זי וואָלט מיט איר אויך ברוגז געווען. וועלוול האָט אָנגעבויגן זיין גרויסן קאָפּ און באַהאַלטן זיין פאַרשעמטן פּנים אין קילן שויבער פון אירע האָר:

— אַנדרעי, אַנדרעי...

זי האָט ניט געענטפערט. האָט ער אָנגענומען אירעביידע הענט און זיי אַרויפגעלייגט אויף זיינע צעפלאַמטע באַקן. זי האָט אַרויסגעקוקט אין דער ווייטקייט איבער פאַריזער דעכער. אויף אַזאַ באַליידיקונג האָט זי זיך ניט געריכט. ער האָט געקושט אירע שמאָלע דלאָניעס, איר קאָפּ, איר רוקן, איר פאַרשפּילטע מאַנטעלע. ער האָט זיך ניט געקאָנט קילן ס'האַרץ. אַזאַ הייס רחמנות האָט אים אָנגענומען צו דער דאָזיקער מיידל, אַז כאָטש נעם און שפּיי אויס די נשמה פאַר איר.

און אַלץ וואָס אַנדרעי האָט געהאַט צו ענטפערן אויף דעם אַלעמען איז געווען אַ פּאָר שטומע טרערן.

— אַנדרעי, טייערע אַנדרעי! איך האָב דאָך קיינעם ניט אַ חוץ דיר. לאָמיר שוין בלייבן אַזוי צוזאַמען. גיי מער ניט אַוועק פון מיר...

אַנדרעי האָט פאַרעקשנט געשוויגן, נאָר אירע ליפּן האָבן נאָכגעלאָזט.

ערגעץ־וואו אין דער טיף האָט זיך געגאָסן אַ גרויס געוויין אין איר; אַ געוויין פון ליבשאַפט און טרויער.

— — — — — — — — — — — — — —

אַ חוץ צו קאָנצערטן, האָט וועלוול זי אין ערגעץ ניט מיטגענומען. צו וואָס האָט ער זי געזאָלט מיטנעמען, די קליינע אַנדרעי? מען זאָל זי דורכשפּיזן מיט ציניִשע בליקן?—אַ פראַנצויזקע . . .

נאָר איינמאָל האָט געטראָפן, אַז ער האָט זי יאָ מיטגענומען. דאָס איז געווען צו מעסיע און מאַדאַם דע ליאָן, אין זייער מאָדערנעם סאַלאָן. זי האָט געטראָגן אַ בלוי, שוין עטוואָס אָפּגעטראָגן, סאַמעטן קליידל. אירע לאָקן, ווי איר געמיט, האָבן געשיינט. זי האָט אַלעמען באַוואונדערט מיט גרויס פאַרערונג: ווי עלעגאַנט זיי זיינען, ווי גרויסשטאָטיש און ווי געמיטלעך.

די גאַנצע געזעלשאַפט איז דאָ געווען אַ העכסט פראַנצויזישע. מעסיע זשאַק דע ליאָן איז נאָר־וואָס אַרויסגעטראָטן פון זיין פאַרטיי און האָט זיך געקליבן אויף אַ שפּאָגל־נייער קאַריערע. זיין פרוי, אַ שטאַלטנע סאַלאָן־דאַמע, איז געווען די קרוין פון זיין ביז־איצטיקער טעטיקייט. אַדוואָקאַט מעסיע ריגאַליע (ריגאלסקי) איז היינט געקומען מיט זיין אייגענער פרוי, וואָס אַלע האָבן אָנגענומען, אַז ער ווערט שוין טאַקע אַלט. דער פאַטריאַרך מיטן זיידענעם פּנים, סקולפּטאָר מעסיע נאַאום (נחום) אַראָנסאָן, איז געקומען מיט אַ גאַנצער סוויטע „יונגע". די פליאַדע, נאָך אָן נעמען, נאָר מיט רעוואָלוציאָנערן גייסט און צעפלאַמטע פאַנטאַזיעס, האָבן געברענט מיט זייערע הונגעריקע אויגן. מואַדמאָזעל רענא מאַנדעל, אַ באַרימטע שיינהייט פון מאָנפּאַרנאַס און איר שוועסטער, אַ פּוילישע פּאַניענקע פון „וואַרשאַווא". מעסיע יאַקאָבאָ (יעקב) בענקין, אַ קענער פון קונסט און פאַכמאַן פון געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונגען. זיין חבר, איסאַק גאָרדאָן, אַ יונגער יידישער פּאָליטיקער, וואָס האָט געשריבן אַר־טיקלען אין פראַנצויזישע צייטונגען און האָט זיך דערמיט איינגעשאַפט גרויס אָנזען. אַ פּאַרשפּעקטיקטער איז אָנגעלאָפן פּראָפעסאָר לעווי (לוי). ער אייגער, האָט ניט באַוויזן אַרויפצוציען אויף זיך קיין שום פראַנצוי־זישע פּאָזע, און איז נעבעך געבליבן אַ פּשוטער, האַרציקער ייד. נאָר מחמת ער האָט געקאָנט „אַ ביסל רעכענען" איז ער געוואָרן פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק אין דער סאָרבאָן. און דאָס האָט אָפּגעראַטעוועט זיין פּאָזיציע אין דער פראַנצעזירטער געזעלשאַפט.

אַלע דאָ האָבן צו עפּעס געשטרעבט. אַלע, אפילו די עלטערע, האָבן

נאָך אַלץ געהאַלטן אין ווערן. נאָר דער „עפּעס", וואָס האָט יעדן איינעם באַהויכט, איז געווען זייער אַ פֿאַרשיידנאַרטיקער.

מען איז געווען העכסט אָנגערעגט: געגעסן, געטרונקען שאַמפּאַניער; זיך אונטערהאַלטן אויף פֿראַנצויזיש פֿאַרבראָקט מיט יידישע חכמות:

„סע טרעס אימאַבל, קאַם" חרוסת.
„לעסיי פּעיר, איל ע" פֿאַרשנאַשקעט.
„וואואַסי לע" אַ פּאָלנער פערד.

די עלטערע האָבן געראַכערט און גערעדט פּאָליטיק. די יינגערע האָבן געפלירטעוועט און געטאַנצט. מעסיע בענקין און איסאַק האָבן געטאָן אַלעס צוזאַמען. זיי זיינען געווען פירער פון איין פּאַרטיי און האָבן פאַרטראָטן צוויי באַזונדערע שטאַנדפּונקטן.

אַנדרעי האָט זיך דאָ דערפילט ווי אַ פיש אין וואַסער. זי האָט געטאַנצט מיט מעסיע גאַרדאָן. אירע בעקלעך האָבן געגליט. ער האָט זי געהאַלטן אין זיינע אָרעמס, ווי אַ פייגעלע וואָס מען כאַפּט און מען דערכאַפּט ניט. אַלע ווילע האָט זי אָוועקגעטאַנצט פון אים, זיך געדרייט אויף איין פיסל אין אַ וואונדערלעכער גראַציע. איסאַק איז נאָכגעלאָפן און האָט געהאַלטן זיין האַנט הויך איבער איר קאָפּ, כדי ס'זאָל אויסזען ווי זי דרייט זיך פאַר זיינעטוועגן.

אַ סך דערפאָלגרייכער איז געווען זיין פריינט, מעסיע בענקין. ער איז געשטאַנען צווישן ביידע שוועסטער און זיין עסטעטישער געשמאַק איז געוואַקסן ווי אויף הייוון.

נאָר דער אומגעלומפּערטער וועלוול האָט זיך הייַנט געפונען איבגאַנצן אויסגעשפּילט. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַז אַנדרעי איז גאָרניט פון דעם טייג געקנאָטן וואָס ער האָט געמיינט. זי האָט פּלוצלינג אויפגעפלאַמט מיט אַזאַ טעמפּעראַמענט, וואָס ער האָט אין איר פריער קיינמאָל ניט באַמערקט. — דאָס—האָט ער געזען—איז נישט קיין געווינלעך טאַנצן; דאָ פליט אַרום אַ שיינענדיקער מעטעאָר, וואָס אויב מען וועט אים ניט דערכאַפּן, וועט ער אַראָפּפאַלן, צעטראָטן ווערן...

אים האָט עס אי געפרייט אי געשראָקן. אַ הייסע בענקשאַפט האָט זיך צעוואַקסן אין זיין האַרץ צו דער דאָזיקער פליענדיקער מיידל. און צוזאַמען מיט איר האָבן פאַרבייגעטאַנצט פאַר זיינע אויגן זיינע ניין־און־צוואַנציק יאָר. ווי עלנט האָבן אויסגעזען זיינע אַלע וואַנדערנדיקע יאָרן נעבן דעם זוניקן ברעג פון דער קליינער פרעמדער אַנדרעי.

ער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל. זיין שווערן, בלאָנדן קאָפּ אָנגע־

שפּאַרט אָן אַ שוואַרצער מאַרמאָר סטאַטוע אונטערן שיין פון אַ באַהאַל־טענעם לאָמפּ. אַנדרעיען האָט אַזש אָנגעכאַפּט ביים האַרץ ווען זי האָט אים דערזען אַזוי שטיין אינגאַנצן אַ פאַרלוירענער. זי האָט אים שקאָציש געגעבן אַ צי אַריין אין רעדל און ווייטער געטאַנצט. ס'האָט אויסגעזען, אַז קוים האָט זי אָנגעהויבן, וועט זי שוין מער נישט אויפהערן צו טאַנצן.

צום אַהיימגיין האָט אַנדרעי זיך אָנגעטאָן אַ פאַרשייט היטעלע אויף איין זייט און אַ שטראַלנדיקע האָט זי זיך געלאָזט אַראָפּפירן די ברייטע מירמלשטיין טרעפּ. ערשט אויף דער גאַס האָט זי אים אַריינגעקוקט אין זיינע צעשטורעמטע אויגן.

— קענסט מיך נאָך?—האָט ער געפרעגט כלומרשט אַ ברוגזער.

— ניין. ווער ביסטו?—האָט זי זיך קוים איינגעהאַלטן פון געלעכטער.

— הייסט עס, אַז איך גיי מיט דיר ערגעץ אַרויס, פאַרלירסטו מיך אויפן וועג.

— אָבער איך געפין דיך דאָך צוריק.—האָט אַנדרעי זיך ניט געלאָזט בייקומען.

זיי זיינען געגאַנגען איבער דעם אייביק יונגן בולוואַר סאַן מישעל. אין דעם זונטיק פאַרנאַכט האָט אַנדרעי צום ערשטן מאָל דערפילט דאָס אמתע פּאַריז און אַ גרויסע, שפּעטרישע פרייד איז אויפגעגאַנגען אין איר האַרץ.

ער איז געגאַנגען אַ הויכער, אין אַ ברייטן מאַנטל. דאָס גוטמוטיקע פּנים אָפן אויסגעשטעלט צו דער וועלט. זי איז געווען אַ שמאָל גע־שטעלכל ווי אַ סילועט, מיט צעפלויגענע לאָקן, ווי ברוינע בלעטער אין האַרבסטיקן ווינט. האָט ער אויסגעזען ווי איר מאַמע און זי—ווי זיין יינגל.

זיי האָבן לאַנג אַרומשפּאַצירט איבער די יום־טובדיקע גאַסן. גע־גאַנגען מיט די בריקן אַהין און צוריק איבערן סעין. ער האָט אַריינ־געקוקט אין טייך, און ווי ער וואָלט עפּעס דערזען דאָרטן, האָט ער גאָר פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן:—אַנדרעי, דו וועסט זיך גיין לערנען טאַנצן. פון דיין שפּילן וועט גאָרניט אַרויסקומען. אַנדרעי האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן וואָס זיינען איר שיר ניט אַרויסגעשפּרונגען פון קאָפּ:

—„אָ, ווי", איך לערן זיך שוין. אין „עקאָל דע ראַשעל."

וועלוול האָט צונויפגעלייגט זיינע הענט אויף דער ברוסט און זי אָנגעקוקט:—גיי דערגיי אַ פראַנצויזקע, דאַכט זיך דאָס קאָן קיין צווויי נישט ציילן...

—„קעסקע וואו דיט" (וואָס זאָגט איר)?—האָט זי אים געאירצט.

דער ווינטער איז געווען אַ האַרטער און שטרענגער. די קעלט האָט געפילעוועט און די באַהייצונג פון אונטן האָט ווינציק וואָס דערגרייכט צו וועלוולען אויפן דריטן שטאָק. וועלוול האָט כמעט גאָרניט פאַרדינט. וויאַזוי האָט ער דען גערעכנט פאַרדינען, אַז ער האָט פאַרטריבן אַלע זיינע שילער? אין גאַס איז געווען „מאַרט״ סעזאָן (צווישן סעזאָן, סלעק) און דער כאַר איז אים שולדיק געווען געלט, און פאַר קיין קאָנצערט האָט ער איצט אויך קיין קאָפּ ניט געהאַט ביז ער וועט ניט האָבן געשאַפן דאָס וואָס מען דאַרף.

פון די געשמאַקע לעבערלעך איז געבליבן געזאַלצענער הערינג און ברויט מיט טיי. צום גליק האָט אַנדרעי באַקומען פינף־און־צוואַנציק פראַנק אַן הוספה אין „באַ מאַרשעי״. פון וועלוולען איז געווען נישט אויסצוהאַלטן; אַן אומרו האָט זיך אַרומגעיאָגט אין זיין געמיט, ווי אַ הונגעריקע חיה אין שנייאיקן וואַלד. אַנדרעי האָט זיך אויסגעבלייכט, זי איז געוואָרן נאָך קלענער ווי זי איז געווען.

זי האָט געקוקט פון דער זייט אויף וועלוולס פאַרברענטע ליפּן. אַ טיפער רחמנות האָט זי אַנגעפּילט צו דעם דאָזיקן אומבאַהאָלפענעם מענטשן:—זאָל שוין זיין ווי עס וויל זיך, נאָר זאָל ער בלייבן מיינער. הייליקע מאַריאַ! שטיי מיר ביי...

וועלוול האָט זיך אָנגעטאָן זיין ברייטן מאַנטל, וואָס האָט אים געמאַכט נאָך ברייטער אויסזען און אומגעלומפּעטער ווי ער איז געווען, און איז אַראָפּ אין גאַס. ער האָט געשפּאַנט אין דער לענג און אין דער ברייט פון פּאַריז, אינגאַנצן אָן אַ ציל. זיין בלאָנד באַוואקסן פּנים הפקרדיק אויסגע־שטעלט צום ווינט: אויב ער קאָן ניט שאַפן דאָס וואָס מען דאַרף, איצט, אין אַזעלכע טעג, איז אויס. אַלץ אויס! ער האָט אַזוי אַרומגעוואַנדערט, ער געדענקט אַליין ניט ווי לאַנג. אין זיינע אויערן האָבן די „אַלטאָס״ געהאַלטן אין איין אַריינברומען:

„מענטשן ווילן לעבן.—
ווילן דווקא פריי זיין.״

פּלוצלינג דערזעט ער זיך אויף „בולוואַר דע לאַ ווילעט״—זאָל זיין: לאַ ווילעט—אַ נפקא־מינה... פינף אַזייגער פאַרנאַכט האָבן זיך צעבלאָזן די סירענעס און אים אויפגעוועקט פונעם קאַשמאַר. פון די טויערן האָבן אָנגעהויבן שטראָמען מענטשן: ברייט־פּלייציקע מענער און שווער־היפּ־טיקע פרויען, און מיידלעך מיט די בערעטלעך אויף איין זייט, ממש אויפן

אויער. די מענער האָבן געקלונגען מיט די קעסטעלעך און זיך איבער־געדעדט הויך אויפן קול. וועלוול איז געקומען צו זיך, ווי אַ פאַרחלשטער פיש ווען מען לאָזט אויף אים לויפן פריש וואַסער. ער האָט זיך געלאָזט אין שטראָם מיט די מענטשן. און האָט ער איין גרופּע פאַרלוירן, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן אַ צווייטער, אָן אַ דריטער, ביז ער איז אַזוי פאַרטראָגן געוואָרן אין אָפענעם מויל פון דער „מעטראָ" (אונטערערד באַן). אים איז פּלוצלינג געקומען אויפן זינען: אָט־דאָס זייַנען זיי דאָך די פונדאַמענטן וועמען די לאַוואַלס און די דע לאַ ראָקס ווילן אונטערשווענקען. מ'שטאַרקט זיך מיטן שונא פּונקט ווי בימי ביסמאַרק... און קוקט זיי נאָר אָן, די נאַ־איווע קינדער, זיי לאַכן נאָך. „מענטשן ווילן לעבן", זשומעט עס אים אין די אויערן.—ווי טראַגיש, ווי אומגעהייער טראַגיש ס'איז דער מין מענטש, וואָס קאָן זיך דורך אַלע דורות ניט דערשלאָגן צו דעם ביסעלע געגאַרטער מנוחה. און טאָמער פאַרקוקט ער זיך אויף אַ מינוט, פאַרשפּעטיקט אַ רגע, ווערט ער אַריינגעוואָרפן אויף צענדליקער און הונדערטער יאָרן אין אַ פינצטערן תהום . . .

ער איז געלאָפן אַהיים, צום בעלוויל. ער האָט זיך געדרייט מיט די טרעפּ אַרויף, אַרויף צום דריטן שטאָק און איז צוגעפאַלן צו דער פּיאַנאָ: —איך האָב עס, איך האָב עס.—און טאַקע גלייך אָנגעשריבן. וואָרעם טאָמער פליט עס אַרויס פון קאָפּ איז ער ווידער אַ פאַרלוירענער...

אַ גאַנצע נאַכט און אַ גאַנצן טאָג האָט ער געאַרבעט. פון אַלע זייטן האָט מען געקלאַפּט ער זאָל שוין אויפהערן. נאָר ער האָט קיינעם ניט געהערט און ניט געזען.

דעם אַנדערן טאָג האָט ער זיך קוים דערוואָרט צו הערן אַנדרעיס טריט אויף די טרעפּ. ער איז איר אַנטקעגן געלאָפן און האָט איר אַראָפּ־געשלעפּט דאָס בערעטל פון קאָפּ, האָט איר אָנגעהויכט די הענט. ווי פאַר־פרוירן זי איז. דאָס ערשטע מאָל, אין אַ לאַנגער צייט, ווי ער האָט געקאָנט איינהאַלטן זיין אייגענעם דראַנג און זיך אָפּגעבן מיט איר. אַנטקעגן גע־לאָפן איז ער פאַר איר אויסצוגיסן זיין דערגרייכונג. ווי נאָר אָבער ער האָט זי דערזען, האָט ער זיך איינגאַנצן איבערגענומען מיט איר.—ווי שלעכט זי זעט אויס, ווי בלייך—האָט עס אים אַ ציי געטאָן ביים האַרצן. ער האָט איר פאַרשאַרט די האָר און אויסגעטאָן דעם מאַנטל. זי האָט זיך געלאָזט, ווי אַ קראַנק קינד, צערטלען.

די שפּירטוס מאַשינקע האָט שוין געברענט און די טרוקענע הערינג־לעך האָבן זיך געוויקלט אין אייל.

ביים עסן האָט אַנדרעי געפּלאָפּלט ווי אַ נאַר:

— היינט ביסטו אַזאַ גוטער, אַזאַ פריילעכער. פאַרוואָס ביסטו ניט אַלעמאָל אַזאַ גוטער?—און אירע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט פייכטקייט.

— קינד מיינס—האָט ער זי אַרומגענומען ווי אַ מאַמע—כ'וועל שוין איצט זיין גוט אַלע מאָל, אַלע מאָל. אַז ס'איז דאָס פאַרשאָלטענע געמיט וואָס גיט מיר ניט קיין ביסל רו. נאָר וואַרט, איצט וועט שוין זיין אַנדערש — האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן אויף די הענט און האָט זיך מיט איר אַ דריי געטאָן ווי אַ ווירבל־ווינד. — כ'האָב דאָך שוין פאַרענדיקט... איצט אַז ס'זאָל זיך מיר נאָר איינגעבן—איז ער ווידער ערנסט געוואָרן און האָט זיך אָוועקגעזעצט.

— וואָס האָסטו פאַרענדיקט ?

— אָ, ס'איז מיר דאָך געלונגען צו שאַפן אַן אָראַטאָריאָ, אַ וואונדער־לעכע אָראַטאָריע, נישט אויף קיין פּאָעמע, נאָר אויפן לעבן גופא . . .

אַנדרעי האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. זי האָט זיך אַליין געפרעגט:
— האָט ער טאַקע פאַרענדיקט, צי האָט ער ערשט אָנגעהויבן ? נאָר וועד קאָן זיי דערגיין, די „עטראַנזשעים"? . . .

# רעפּאָרטאַזשן
# און מיניאַטורן

# אינהאַלט

## דערציילונגען


פרילינג (במקום הקדמה) . . . . . . . . . 5
ציע, ציעטשקע . . . . . . . . . . 9
אַ תכלית . . . . . . . . . . 16
ער וועט קומען . . . . . . . . . . 26
אַ פאַרשפעטיקטע טובה . . . . . . . . . . 32
אידיליע אין די בראַנקס . . . . . . . . . 39
אַ טראַגישער עפּיזאָד . . . . . . . . . . 51
„דערציאונג" . . . . . . . . . . . 59
מעשה שאַפּ . . . . . . . . . . 64
די גרויסע פאַרדינערין . . . . . . . . . . 79
שיע זנאַנסקי . . . . . . . . . . 88
פרעמדע . . . . . . . . . . 103


## רעפּאָרטאַזשן און מיניאַטורן


ראַפּסאָדיע אָן פּערזן . . . . . . . . . . 133
יאַסעמיטע . . . . . . . . . . 136
פּער־לאַ־שעז . . . . . . . . . . 141
אַ פּאָרטרעטל פון אַלפּין . . . . . . . . . . 145
אַ חלום . . . . . . . . . . 148
אַחינו בני ישראל . . . . . . . . . . 151
לערער, דיין תלמיד איז געפאַלן אין נגב . . . . . . 156

# ראַפּסאָדיע און פּערזן

**אין קאַליפאָרניע** רעגנט ניט, נאָר ס'כליאַפּעט, ס'גיסט, ס'מבולט. און די ערד — זי טרינקט; גאַנצע שטראָמען טרינקט זי און ווערט פאַר־שיכורט. און עס נעמען זיך וויגן אירע אויפגעלאָפענע בערג, און עס קוועלט פון איר מיט זאַפט, מיט שפע, און מיט חלום.

נאָר האַיאָר איז אַביסעלע אַנדערש אין קאַליפאָרניע: ס'האָבן אַהער פאַרבלאָנדזשעט מאַיאָווע רעגנדלעך, וואָס קעמען אויס דאָס גראָז, ווי זיידענע האָר, ווייך, שמעקנדיק און זיס. ס'וואַקסט גאָטס ברכה אויף אַלע מדבריות. יעדעס קערנדל וואָס די ערד פאַרנעמט, גיט זי אָפּ כפל־כפלים. יעדעס ביימעלע צוויטעט, יעדעס שטענגעלע בליט, יעדער דאָרן גרינט. יאָ, אין קאַליפאָרניע בליען אפילו דערנער.

ערב פרילינג אין קאַליפאָרניע. — ס'אַראַ וואונדער ס'איז צעהאנגען אין דער לופט, ס'אַראַ פאַרביקייט עס שפּרייט זיך אומעטום! אָט טראָגט זיך אַ טשאַטע צוויטשערנדיקע פייגל. דו פאַררייסט דעם קאָפּ אַרויף צו די בלויע הויכן, רוימט דיר איין אַ ווינטעלע אַ סוד: זע, מענטש, קוק אַראָפּ אין גראָז, דאָ בלאָנדזשעט אום אַ פייגעלע אַליין, קוקט מיט צע־שראָקענע אויגן, דרייט מיטן גלאַנציקן קעפל אַהין־אַהער, ווי ס'וואָלט פון עמיצן געיאָגט געוואָרן: — פייגעלע שיינס, פייגעלע קליינס, ווער האָט דיך פאַרלוירן?

בלומען, קוויטן, ליכט און פאַרב; גאָטס בליקן קוקן פון אונטן אַרויף, פון דער סאַמע ערד צום הימל.

שטייען פאַלמען־ביימער גרופּעסווייז און שושקען זיך אין ווינט; ווער קען שפּירן זייער פרייד? שטייען פאַלמעס פאַרלעכווייז, באַרירן זיך די צווייגן; ווער קען פילן זייער ציטער? שטייט אַ פאַלמע־בוים איינער אַליין אין פעלד; ווער קען באַנעמען זיין אומעט? ער שטייט הויך פאַר־ריסן זיין קרוין, ווי אַ מענטש, וואָס פאַררייסט דעם קאָפּ, מען זאָל אים ניט אַריינקוקן אין די אומעטיקע אויגן זיינע.

שטייט אַ מאַמעדיקע פאַלמע מיט אַראָפּגעלאָזטע צווייגן און שאָקלט זיך אין טרויער — אַ דונער האָט איר ברודער־בוים געטראָפן...

וויפיל פיין ס'איז באַשערט דעם לעבעדיקן וועזן, וויפיל פרייד און וויפיל צער!

— — — — — — — — — — — — — — —

ערב פרילינג 1945; גייען אַרום מאַמעס מיט שטאָלץ אין דער ברוסט און פּחד אין האַרצן:—דער עלצטער איז אין נאָרמאַנדי — אַ יונג אַ מזיק. דער יינגסטער, נאָך גאָר אַ קינד—שוין באַלד אין בערלין.

גייען אַרום מאַמעס געקרוינטע מיט שטאָלץ און מיט העלדישקייט, מיט „פּוירפּל האַרט" און . . . טויט. גייען אַרום מאַמעס, וואָס האָבן נאָך קיינמאָל קיין קינד אין זייער שויס ניט געהאַלטן, און ווינטשן זיך: וואָלט כאָטש מיין זון געוועזן ערגעץ אויף אַ שלאַכטפעלד...

גייען אַרום מאַמעס — אַליין נאָך כמעט קינדער, מיט יונג־צעבליטער פרוכט אין לייב. און זייערע מענער? זיי שלאָגן זיך ערגעצוואו אויף די ימים, אין די סטראַטאָספערעס, אויף די אָפּגרונטן פון אָקעאַנען. זיי ווילן באַפרייען די וועלט, די שיינע, גרויסע, ליכטיקע וועלט, פאַר זיך און פאַר די וואָס דאַרפן ערשט געבוירן ווערן. בליט קאַליפאָרניע מיט האָפענונג און מיט לעבן, מיט פרילינגדיקן יום־טוב און מיט מענטשלעכן פּיין.

אויף פּוירשינג סקווער זיצן מענטשן, אויף מעין סטריט פּלאַזאַ און האַלענבעק פּאַרק; מענטשן מיט ליידיקע הענט, מיט גלעזערנע בליקן און אויסגעגאַנגענע האָפענונגען. בלויז אַ שמייכל איז געבליבן הענגען אויפן פּנים, פאַרשעמט און אָפּגעריסן. טייל גיבן נאָך אַ שאָקל מיטן קאָפּ. אַנדערע זיינען שוין איינגאַנצן אין זיך פאַרשלאָסן. צו זיי איז שוין קיין צוטריט גישטאָ. אָפּגעהאַקט דער וועג, ווי פאַר אַ פאַרשלאָסענעם טויער. זעלטן אַ פּאָר פיבערדיקע אויגן, וואָס זוכן נאָך עפּעס, ווילן זיך אָנכאַפּן אָן אַ לעצטן שטראַל; טאָמער, אפשר... וואָס זוכן פאַרלאָזענע און פאַר־געסענע ? זיי האָבן דען וועמען פאַרלוירן ?

ליכטיקע, לויטערע קאַליפאָרניע : פון וואַנען האָט זיך צו דיר אָנ־געקליבן אַזויפיל עלנט? פון וואַנען אַזויפיל איינזאַמע און דערשלאָגענע ? אין די פּאַרקלעך זעסטו זיי, אין די גאַסן, אויף די ראָגן. אויף די פּנימער זעסטו גאָרניט מער—אַ מאַסקע. נאָר פון הינטן, אויף די רוקנס, איז אויסגעגאָסן דאָס גאַנצע צעבראָכענע געמיט. דאָס זיינען פאַרבלאָנדזשעטע נשמות, וואָס שלייכן זיך אַרום, ווי פינצטערע שאָטנס, דאָ אויף דער זוניקער ערד. זיי זוכן אַ תיקון פאַר זיך און קאָנען ניט געפינען. גאָט פון רחמים! דערבאַרעם זיך איבער זוכנדיקע אויגן, דערבאַרעם זיך.

ברוקלין עוועניו, וואַטס, סענטער סטריט, און... גרינער האָבער אויף די פעלדער. ס'אַרע פּאַראַדאַקס, ס'אַרע ווידערשפּרוך! פייכטע האַרטע וואַר: אויל־ריפיינערים, גרויער אַספאַלט, גאַז און סם און אייזן גיבסטו, קאַליפאָרניע, פון זיך אַרויס, פון דיינע אויוונס און פונעם איינ־

געוויייד פון דיין געבענטשטער ערד. און דיינע זין און טעכטער דינען דיר, דינען דיר געטריי. אין די פריע פאַרטאָגן, אין די שפּעטע אָוונט־שעהען, שפּאַנען זיי, מיט ברייטע קנאַפּל, און קעסטעלעך אין די אויס־געפּרוואוטע הענט. צו דער עבודה, צו דעם גאָטעס־דינסט וואָס הייסט — אַרבעט. צי וועסטו אין זין האָבן, מיין רייכע קאַליפאָרניע, זיי אָפּצודינען אין בעסערע צייטן ? צי וועסטו זיי ניט אַרויסוואַרפן פון די פאַבריקן, ווי אָפּגענוצטע כלים ? געדענק מיין לאַנד, מיין הייס־געליבט לאַנד.

אַרום קליינע שטיבעלעך שפּרייטן זיך ווילדע בלימעלעך, וואָס קוקן דיר גלייך אין פּנים אַריין, ווי שטיפערישע קינדער. און פּרוּאוּוסטו זיי אָנרירן, פאַרדרייען זיי מיט די קעפּלעך, מאַכן צו די אייגעלעך און בעטן זיך: לאָז געמאַך, מיר ווילן אַזוי שטאַרק בליען. ס'איז דאָך פרילינג אויף דער וועלט...

אין פעלד פּאַשען זיך קי; געטשעקטע און שוואַרץ־גלאַנציקע בהמות. גייען זיי ביזן גאַרטל אין גראָז. שפּאַרן די אייטערס מיט מילך און זייערע גרויסע, קעלבערנע אויגן קוקן מיט אהבת נפש צום מענטשן, וואָס מעלקט זיי אויס און באַפרייט זיי פון דער קוועלנדיקער לאַסט.

לעקט אַ ציג איר ציגעלע און בעט זיך: גיי נעם און זויג. כאַפּט זיך דאָס ציגעלע צו. איז עס דאָך אַ ווילדע ציג, קאָן זי נישט איינשטיין. בלייבט דאָס ציגעלע מיט אַ פאַרזויפן מאָרדעלע און ס'טריפט דערפון ווייסער, פעטער שוים. און די ערד: זי קוועלט אָן, זי גייט איבער פון הנאה.

זון־געבענטשטע קאַליפאָרניע: ווי דו נערסט די האָפענונג אין מענטשנס האַרץ; ווי דו כּאָוועסט די פרייד אין קינדערשע אויגן; ווי דו פלייצסט מיט דיינע גאָלדענע שטראַלן איבער אַלע וועגן און שטעגן אָן אַ מאָס און אָן אַ טאַלק. און, אפשר, קאַליפאָרניע, וועט אויף דיינע לאַש־טשענדיקע ווינטלעך אין גיכן קומען צו שוועבן די גרויסע, ווייטע בשורה; די פון מיליאָנען מידע הערצער אויסגעבענקטע בשורה; די אויף שטאַרבנדיקע ליפּן אויסגעהויכטע בשורה — שלום!

נאָר עס קומען אָן בשורות אָנגעהייצט מיט קאַלך־אויוון; בשורות ווי שוואַרצע שאָטנס, וואָס פאַרוועבן זיך אַרום יידישע שטובן. יעדער דאָ איז דאָך אַ שטיקל אימיגראַנט. יעדער האָט דאָך איבערגעלאָזט אַ מאַמע, אַ קרוב, אַ שוועסטער. טאַנצן די בשורות דיר אַנטקעגן אַ להכעיסדיקן קאַראַהוד; דערלאַנגען מיט זייערע שפּינפינגער גלייך אין האַרץ אַריין און זעגן און זעגן. דו גייסט אין גאַס, איבער דיר הענגט אַ בלוי־צעשיינטער הימל און דיין געמיט צעבליט זיך אין דער זון. נאָר דיין אויג פאַלט אויף

שוואַרצע צייטונג־קעפּ און דיר דאַכט זיך אַז שדים שטעקן דיר אַרויס טריפנדיקע צונגען און רייצן זיך מיט דיר:—ס׳איז אמת, ס׳איז אמת, ס׳איז אמת! טאַקע אויסגעקוילעט. טאַקע אומגעבראַכט. די טאַטעס מיט די זין צוזאַמען; די טעכטער אינאיינעם מיט די מאַמעס; די פּיצעלעך צעבויפּגעוואָרפן מיט די ייִדעס. אויסגעסדרט, אויסגעסאָרטירט; ווי ברוכ־וואַרג, ווי הויפנס מיסט.

דו בלייבסט שטיין פאַרווירט:
וואוהין זיך ווענדן?
וועמען פרעגן?
צו וועמען בעטן?
נישטאָ קיין רחמים, נישטאָ!

# יאָסעמיטע טאָל

יאָסעמיטי טאָל איז אַ לענגלעך אויסגעבויגענע שיסל פון אַ ניין מייל די לענג און בערך אַן אַנדערהאַלבן מייל די ברייט, האַרט איינגעפּאַסט אין הויכע גראַניט־ווענט. אויבן, די פעלדזן־שפּיצן פירן אַן אייביקן קאַמף צווישן זיך פאַר הויכקייט, פאַר דערגרייכונג צו די הימלען. יעדער איינער פון די ריזנבערג דערציילט אַנאַנדער מעשהלע וועגן זיך: איינער, למשל, דערציילט, אַז אויף אים רוען זיך אַפּ די וואָלקנס, וואָס ציען פון מערב צו מזרח. מען רופט אים טאַקע דערפאַר: וואָלקן-רו, אויף ענגליש —„קלאַודרעסט". אַ צווייטער, „על קאַפּיטאַן", אַ שטיינמאַסע גרעסער ווי דער גיבראַלטאַר, שטייט ביים רודער פון יאָסעמיטי. ער באַרימט זיך, אַז ער לאָזט ניט צו די מדבר־ווינטן, וואָס שפּאַרן זיך מיט היץ פון אַרום בעקערספילד, פרעזנאָ און מערסעד. אַנטקעגן שטייט דער „סענטינעל ראָק". אַביסל טיפער אין טאָל שטייען זיך די דריי ברידערלעך, אַלע ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט. אויף ענגליש: „טהרי בראָדערס". „האַלבער דאָם" איז דער וועגווייזער.—דאָ—זאָגט ער—ביסטו אין מיטן טאָל, קאָנסט גיין אַראָפּ צום דרום־מערבדיקן אַריינגאַנג, אָדער אַרויף, צום צפון־מזרחדיקן אויסגאַנג. גיב אַלע מאָל אַ קוק צו מיר און איך וועל דיר שוין אָנווייזן וואו דו געפינסט זיך.

אַנטקעגנאיבער דעם „האַלבן דאָם” שטייט האַרט און שטום דער גליזער־פּונקט („גלייזשער פּאָינט”). ער קוקט בייז איבער אַלץ אַריבער. אפילו איבער די וואַרעמע, שמעקנדיקע נאָדל־ביימער, וואָס ציען זיך מיט אַלע חושים אַרויף צו דער זון, וואַקסן שמאָל און גלייך און אומגע־ווינלעך הויך. דער גלייזער פּונקט איז נישט דווקא דער העכסטער — אינגאַנצן וואַרעסע ניין טויזנט פוס די הייך. נאָר מחמת ער שטייט אַזוי שטרענג און גלייך מיט אַן אַריבערהענגענדיקן פעלדז, ווי אַ נאָז, ווייזט זיך אויס, אַז דאָס איז דער סאַמע העכסטער פון אַלע בערג, און ער גיט דעם איינדרוק, אַז זיין איז די הערשאַפט אין יאָסעמיטי. ער נעמט זיך איבער מיט נאָך אַ זאַך: דער מענטש האָט אויסגעקליבן פון זיין הויכער וואַנט אַראָפּצולאָזן אַ פייער־פאַל. אין קאָנטראַסט, אָדער אפשר, אין האַרמאָניע, מיט די ווייכע וואַסערפאַלן, וואָס גיסן זיך אַראָפּ פון אַנדערע בערג אין טאָל אַריין. דאָס דאָזיקע פייער — זאָגט מען — איז אַ זכר פון אַמאָליקן פאַרשטענדיקונגס־מיטל, מיט וועלכן עס האָבן זיך באַנוצט די אינדיאַנער, וועלכע האָבן געוואוינט אויף די בערג און זיך אַזוי אַרום צונויפגערעדט מיט די — אין טאָל.

מען שמועסט אויך, אַז דאָס איז געווען אַ מין פאָרם פון ליבע־דערקלערונג פון די שוואַרצהאָריקע יונגעלייט צו די רויטפּנימדיקע מיידלעך.

דער מאָדערנער מענטש האָט דערפון געמאַכט אַ פאָרשטעלונג; קעמפּ קאָרי, דער גרעסטער קעמפּ אין יאָסעמיטי — אַן אינסטיטוציע. יעדן אָוונט, פּינקטלעך 9 אַזייגער, ווערן אויסגעלאָשן אַלע לאָמפּן און נאָך עטלעכע סיגנאַלן, הויבט אָן פאַלן דער פייער־פאַל. ס'איז אַ פיינער ספּעקטאַקל, וואָס דויערט עטלעכע מינוט. אַ זינגערין מיט אַ שטאַרקער קאָנטראַ־אַלטאָ שטימע ענטפערט אָפּ פון דער פינצטער מיט: „ווען איי'ם קאָלינג יו...” — אַ געזאַנג, וואָס דאַרף הייסן, אַז דאָס געווינטשטע מיידל ענטפערט אָפּ גינציק אויף דעם פייערלעכן ליבע־צייכן. דער עטלעכע טויזנט קעפּיקער עולם, וואָס פאַרזאַמלט זיך אין קעמפּ קאָרי, טאַקע כדי צו זען פון דער נאָענט דעם פייער־פאַל — גאַפט. דאָס איז אָבער ניט דאָס זעלבע ווי, אַז דו קומסט צו צו אַ נאַטירלעכן וואַסערפאַל, וואָס האָט זיך אַליין אויסגעקליבן זיין וועג זיך דאָ אַראָפּצוגליטשן פונעם באַרג. דאָ הערסטו דאָס גערויש וואָס קלינגט אָפּ מיט טיפער פרייקייט; דו זעסט דעם רעגנבויגן, וואָס שפּיגלט זיך אין דער זון; אויף דיין פּנים פאַלט אַ קילער שפּריץ (שפּריי) און אַז דו ווילסט נאָר, שטעקסטו אַריין דיין האַנט אין

דעם שוימיקן וואַסער, און ס'איז אַ מחיה! נייַן, דער פּייערפּאַל איז ווייט ניט אַזוי דערפרישנדיק, ניט פאַרן אויג און ניט פאַרן געמיט.

אַז דו לאָזט זיך מיטן וועג, קרייזלסט אַרום די הויכקייטן, קריכסט אַדורך דעם בויך פון אַ באַרג (טונעל), קומסטו אָן העט אויבן אויפן גלייזער פונקט, אויפן סאַמע אָרט וואו דאָס פּייער ברענט עטלעכע שעה ביז מען שאַרט עס אַראָפּ מיט לאָפּעטעס, און ס'באַקומט זיך דער פּייערפּאַל. דאָרטן ערשט זעסטו, אַז אַנדערע בערג זיינען העכער. דו זעסט, ווי מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, דעם „ווערנאַל פאַל", נאָך העכער—דעם „נעוואַדאַ פאַל"— דאָס איז איין שטראָם. און נאָך העכער—דעם באַרג ריטער מיטן ווייסן שניי־היטל, 13,000 פוס די הויך. געאָלאָגן זאָגן, אַז פון יענע הויכן האָט זיך עס אָנגעהויבן. די טעמפּעראַטור איז אין משך פון עטלעכע מיליאָן יאָרן געשטיגן אויף עטלעכע גראַד. די שניי־וואַסערן האָבן דורכגעזעגט אַ וועג אין דער מאַסע גראַניט. די אייזבערג האָבן זיך אָנגעהויבן אַראָפּזעצן מיט אַזאַ שווערקייט, אַז זיי האָבן צעשפּאַרט די קאַרבן, וואָס די וואַסערן האָבן איינגעשניטן. איז פריער געוואָרן אַ שמאָלער קעניאָן, דערנאָך—ניט אויף אַמאָל, נאָר אין משך פון מיליאָנען יאָרן—אַ טאָל. וואָס טיפער דער טאָל, אַלץ העכער די בערג. די אַרבעט איז נאָך ניט פאַרטיק. גרויסע פעלדזן־שטיינער זיינען געבליבן שטעקן אין מיטן וועג און וואַרטן אַז עמיצער זאָל זיי אונטערטראָגן.

נאָר געאָלאָגן־שמאָגעלאָגן—יאָסעמיטע טאָל איז זיך היינט אַ געמיטלעך, מיט וואונדער אָנגעפילט אָרט. די נאַטור איז זייער פאַרזיכטיק צוגעגאַנגען אויסצופאַרמירן און אויסצוצירן דעם דאָזיקן ווינקל פון דער וועלט. אַרום און אַרום גראַניט־ווענט מיט סילועטן־שפּיצן אויף אַ בלויען האָריזאָנט. דאָ און דאָרט אַ ווייכער, האַרץ־דערקוויקנדיקער וואַסערפאַל. אונטן—טיפע, גרינע טעפּיכער, צעשניטן אין פאַרשיידענע מוסטערן (דיזיינס) דורך אַ קאַפּריזנעם וואַסער־פלוס—דער מערסעד טייך. לויט זיין ענדגילטיקן גאַנג דאַרף דער מערסעד גיין אין דער לענג פונעם טאָל צום מערב ברעג, צום ים. נאָר מחמת ס'איז אַ וואַסער אַ שטיפער (נאָך גאָר אַ יונגער צוציק) גייט ער אין דער לענג און אין דער ברייט; דרייט זיך, וויקלט זיך; דאָ שנעלער, דאָרט טיפער, דאָ לייגט ער זיך אויס רויק ווי אַ שפּיגל, דאָרט יאָגט ער זיך מיט גרויס געפילדער איבער די שטיינער, צעטיילט זיך און קומט זיך ווידער צענויף. טיילמאָל דאַכט זיך אַז ער איז אינגאַנצן ערגעץ אויסגעטריקנט געוואָרן; פאַרסט אָפּ אַ שטיקל וועג, און ער פּלאַצט אַרויס מיט אַ געלעכטער פון אונטער אַ פעלדז. דער מענטש

האָט דאָ געהאַט אַ היבש שטיקל אַרבעט נאָכצופאָלגן און צו באַבריקלען דעם דאָזיקן קאַפּריזנעם שפּיל פונעם מערסעד טייך.

דער מענטש איז אַ מאָדנע באַשעפעניש. איבעראַל שטופּט ער זיך, האָט ער זיך אויך אַרייַנגעשטופּט אַהער אין יאָסעמיטי. געווען ווען דער ערשטער מענטש איז אַהער געקומען, ווייסט מען ניט, נאָר היינט זומערט דאָ אַ באַפעלקערונג פון איבער צוועלף טויזנט נפשות, אַ חוץ בערן, הירשן, וועווריקעס, פייגל און פישלעך.

עס זיינען דאָ פאַראַן כל המינים געצעלטן: פונעם ערשטקלאַסיקן אַהאַוואַנאַ האָטעל ביז צו דער סאַמע פּרימיטיוויקייט פון שלאָפן אונטערן פרייען הימל. יאָ, דאָ לעבן טייל מענטשן אויפן סאַמע שויס פון דער ערד, באַדעכלט בלויז מיט צווייגן, וואָס די הויכע נאָדל־ביימער שטרעקן אויס פון זיך און לאָזן דורך דאָס בלויע געוועב פון הימל. די דאָזיקע קאָלאָניע, וואו יעדע „דירה" איז אַרומגעצוימט מיט אַ ליילעך, טישטוך, אָדער בלויז מיט אַ שטריקל, רופט מען אָן: „הוּאָווערוויל". דאָס האָט שוין די מאָדערנע צייט מזכה געווען די קאָלאָניע מיט אַזאַ געהויבענעם, אַזש פּרעזידענטישן נאָמען. דאָס איז לזכר דער הואָווער „פּראָספּעריטי", ווען דאָס רייכסטע לאַנד אין דער וועלט—אַמעריקע, האָט אונטער הואָווערס פּרעזידענטישער פירערשאַפט אַרויסגעשטופּט אירע בירגער צום אָפענעם דרויסן. נאָר דאָ, אין יאָסעמיטי, איז עס אַנדערש. דאָ איז עס אַ מין קבצנישער ספּאָרט. דאָ איז עס אויך אַנדערש דערפאַר, ווייל קאַליפאָרניע האָט פאַרזאָרגט, אַז עטלעכע חדשים דורכן זומער זאָל דאָ ניט רעגענען און קיין ווינטן זאָלן ניט בלאָזן. דער „על קאַפּיטאַן", וואָס שטייט ביים רודער פון יאָסעמיטי, ברעכט גלייך איבער יעדן שטורעם און די פעלדזן־בערג נעמען איבער אויף זייערע פּלייצעס אַלע דונערן און בליצן. איז אין טאָל מילד און געמיטלעך. די געטרייע קאַליפאָרניער מאַמע־די זון, וואַרעמט מיט הייסער ליבשאַפט אַלע אירע קינדער. און אַזוי־ווי די בערן זיינען זאַט, מחמת זיי ווערן געפיטערט (קיין וועלף זיינען אין טאָל נישטאָ), לויפן די הערשעלעך אַרום פראַנק און פריי איבערן טאָל. אָפט מוז זיך אַן אויטאָ אָפּשטעלן, ווייל אַ סאַרנע פירט אירע קינדערלעך איבערן אויסגעפלאַסטערטן וועג צום וואַסער אַנטרינקען. און די וועווריקלעך? זיי זיינען דאָ פאַראַן אין אַלערליי גרייס און קאָלירן; זיי זיינען די מערהייט אין טאָל—ווי אין פּסוק שטייט: „איר זאָלט אייך פּרוכפּערן און מערן"—דאָס האָבן די וועווריקלעך אָנגענומען, מיינט מען זיי. זיי קריכן דיר ממש אונטער די פיס; קומען צו דיר אין ביידל אַריין און זיינען, רחמנא לצלן, גרויסע

שנאָרערס: רק גיב זיי ניסלעך. למען האמת דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דער שוואַרצער בער האָט אויך אַמאָל ליב זיך דורכשפּאַצירן צווישן דיביידלעך, זען צי קאָן מען ניט כאַפּן ערגעץ אַ נאַש. און טאָמער באַגעגנט ער אַ מענטשן, ווערט ער חלילה ניט נתפּעל. ער גייט זיך דורך מיט וואַזשנע טריט, ווי איינער וואָלט געזאָגט:—מען מוז דאָך אַהערקומען זען, וואָס ס'טוט זיך דאָ צווישן אייך מענטשן. די איינציקע, וואָס לאָזן זיך בעטן, זיינען די הערשעלעך. דאָס איז דיר דאָס אומשולדיקסטע באַשעפעניש, און איך ווייס בכלל ניט, פאַרוואָס מען האָט שוין לאַנג פון דעם ניט געמאַכט קיין שטוב־חיה. דער „ער" האָט אַ געצווייג פון הערנער, נאָר טשעפּעט קיינעם ניט. די „זי" האָט אַ ווייסן בליץ אין אירע גוטע מאַמע־אויגן. און די קליינינקע? זיי מיינען אַז יאָסעמיטי איז ספּעציעל פאַר זיי באַשאַפן געוואָרן. אַז דו ווילסט זיי עפּעס געבן, דאַרפסטו זיך שטאַרק בעטן ביי זיי, זיי שעמען זיך. אַמבעסטן האָבן זיי ליב אייז-קרים און פרישע בולקעלעך מיט פּוטער.

יונגע, יוגנט, קינדער און עופהלעך — אַמעריקעס וואונדערלעך גערעטעניש. אויף אַלע וועגן און שטעגן זעסטו זיי. אויף אַלע סטעטשקעס און אומוועגן באַגעגנסטו זיי. איינס קריכט אַרויס פונעם ביידל און פאַלט אַראָפּ פון אַלע טרעפּלעך; אַ צווייטס האַלט זיך אָן אָן דער יונגער מאַמעס קורץ קליידל; אַן אַנדערס, אַן אַנגעטאָפּטשעט יינגעלע, קריכט אַרויס פון אַן אָפּענער דירה און שפּאַנט גלייך אַוועק צום טייכל. ער גייט אַליין, די מאַמע זיינע לאָזט אים גיין. זי ווייסט, אַז זי מעג אים לאָזן, ווייל דאָס וואַסער איז קאַלט און ער היט זיך דאָס פּעלכל. ער גיט אַ טאַפּ מיטן פּיסל און כאַפּט עס טאָקע גלייך צוריק. אַ מיידעלע מיט ווייסע הערעלעך, ווי אַ פישל, זיצט ביים ברעג און שיט זיך זאַמד אויפן קעפּל. זי האָט פאַר־געניגן דערפון. איר האָט עפּעס צו איר? פאַרלעך אין וואַלד, פאַרלעך אויף פאַרלוירענע סטעטשקעס. אַ גרויער מונדיר—אַ מיידל, אַ בלויער מונדיר—אַ מיידל. יינגל און מיידל אין גלייכע „קהאַקיס". יינגלעך מיט מאָך אונטער דער נאָז און הייזעריקע שטימען ווי יונגע הענדלעך. צוועלף דרייצן יעריקע „טאָפּיס" לאַכן אָפּ פון זייערע עלטערע ברידער און רופן זיי „פאַרליבטע". די מיידלעך שושקען זיך צווישן זיך און לאַכן אַ הילכיק, פריי געלעכטער. זיי אַלע רעדן מערסטנס פון שול, קעגנשטאַנד און לערער, נישט פון ספּאָרט, ווי ס'איז די אַנגענומענע מיינונג, הגם דאָס אויך. איין לערער, למשל, איז אַ „סקאַנק" (טכויר); דער צווייטער—אַ „דענדי" (טייערער); געשיכטע איז אַ „פּיטש" (פּירה) און געאָמעטרי שטינקט.

זיי פֿאַרקרימען מיט די נעזלעך. מען רייט אויף פֿערד, מען קריכט אויף די בערג, מען פּליושקעט זיך אין וואַסער, מען טאַנצט, מען אַרבעט מעשׂים.

שיין איז אַמעריקעס יוגנט—אַך, ווי שיין! עס מינען זיך קאָלירן פֿון ווייס־בלאָנד ביז פּעך־שוואַרץ. מיט שטאַרקע מוסקולן די ייִנגלעך, מיט זינגענדיקע גלידער, די מיידלעך; הויך און גלייך ווי די טאָפּאָלן, וואָס ציען זיך פֿונעם טאָל אַרויף צו דער זון. און אַז דו זעסט זיי, ווערט דיר אַזוי גוט אויפֿן האַרצן און דיר ווילט זיך בענטשן: „פּרו ורבו ומלאו את הארץ.“

# „פּער־לאַ־שעז“

**זינט דאַן** ווען דער טויט איז געוואָרן מיינער אַזאַ נאָענטער קרוב, בין איך געוואָרן אַן אָפֿטער אַריינגייער אויפֿן בית־עולם. און נישט נאָר אויף „מיין“ בית־עולם, נאָר אויף בית־עולמס בכלל. איך האָב געוואָלט אַריינדרינגען אינעם „לעבן“ פֿון די טויטע, זיך באַהעפֿטן מיט זיי און דערגיין דעם סוד פֿון זייער נישט זיין.

איך בין זיך מודה, אַז איך בין גאָרניט דערגאַנגען. נאָר איין זאַך האָב איך זיך יאָ דערוואוסט, אַז אַ בית־עולם איז נישט נאָר פֿאַר די טויטע. אפשר איז עס אין אַנדערע שטעט אַזוי, אָבער נישט אין פּאַריז. דאָ איז עס אַ מין טרויערדיקער „ראַנדעוואו“ פּלאַץ, וואו עס טרעפֿן זיך צענויף די לעבעדיקע מיטן פּיקסירטן אָרט פֿון די טויטע. ס׳איז האַלב אַ בלומען־גאָרטן, האַלב אַ קונסט־מוזע, אַ וואַנדערוועג פֿאַר פֿאַרלוירענע נשמות איז דאָס דאָזיקע אָרט, וואָס מיר רופֿן אַן בית־עלמין.

דעריבער הערשט דאָ אַ שטענדיקער פֿאַרקער: באַזוכער, אייגענע און פֿרעמדע, נאָענטע און ווייטע, און סתם שפּאַצירנדיקע. דאָ זעט מען אפֿילו מאַמעס מיט קינדער־וועגעלעך אין די אַלייען צווישן קברים.

זעלטן אַז מען זעט אין פּאַריז אַ קבר אָן אַ מצבה. און אויב מען זעט אַמאָל אַ בערגל הויך אויפֿגעשאָטן מיט ליים, איז עס באַדעקט מיט בלומען־קראַנצן און אויפֿשריפֿטן מיט די לעצטע שבחים—אַ סימן אַז דאָס איז אַ נייער מיטגליד צוגעקומע צו דער טויטן־מלוכה...

דער סאַמע לעבעדיקסטער פון אַלע בית־עולמס איז דער פּער־לאַ־שעז. אין צענטער פון שטאָט, אַרום און אַרום געדיכט באַפעלקערטע גאַסן, עוועניוס און בולוואַרן, קאַפעען און געשעפטן, מיט אַ גרויסן און לעב־האַפטן פּאַרקער. און אין מיטן דעם אַלעמען, אַ באַרג אַרומגענומען מיט אַ מויער באַוואַקסן מיט גרינס — פּער־לאַ־שעז.

דער הויפּט־אַריינגאַנג איז פון בולוואַר מענילמאָנטאַנט. אַ ברייטער, אייזערנער טויער אויפגעפּראַלט, ווי איינער וואָלט געזאָגט: ביטע, קומט אַריין, אַדרבא. דער ברייטער וועג אַרויף צום בית־עולם צעטיילט זיך אויף צווייען. אין דער מיט — בייטן מיט בונטע בלומען; אַ ראַפּסאָדיע פון קאָלירן אַרומגעצוימט מיט גרינעם גראָז, ווי אַ סאַמעט. די צוויי וועגן פאַראייניקן זיך ווידער ביים אָפּהאַנג פון באַרג, ביי אַ גרויסער, פּרעכטיקער סטאַטוע—דער סימבאָל פון טויט. מאַסיווע, ברייטע, פלאַכע טרעפּ פירן באַרג אַרויף, ווי צו אַ פּאַלאַץ. פון ביידע זייטן קברים; קברים מיט מצבות, מיט סטאַטועך, מיט אויספּאַרמירטע בייטן מיט בלומען. איין בייט — אַן אויפגעריסן הארץ; דאָס צווייטע — אַ ווייסער שניי־פּאַל; דאָס דריטע — אַ בעט אויף אַ וואָלקן. אַ וועלט מיט קונסט ליגט באַגראָבן אויף דעם דאָזיקן בית־עולם. יאָרהונדערטער פון קונסט. דאָס ווערט אָפּגעהיטן, געפּלעגט און דערהאַלטן. דער פראַנצויז האָט זין פאַר קולט און טראַדיציע. דער פראַנצויז שרייבט צו אין אַ נאָרמאַלן טאָג עטלעכע שורות געשיכטע. שוין אָפּגערעדט פון יענע טעג ווען ער שרייבט גאַנצע בלעטער. ער טוט עס באַוואוסטזיניק און מיט גרויס פאַרשטענדעניש.

פון די טרעפּ — אַ ברייטער, משופּעדיקער וועג שניידט איבער דעם באַרג אויף צווייען ביז גאַמבעטאַ. פונעם הויפּט־וועג צעצווייגן זיך אַלייען פאַרשפּינט זיך אַ נעץ פון וועגן און שטעגן אויפן זעלבן סטיל ווי דאָס לעבעדיקע פּאַריז: אָן אַ באַשטימטן סדר, נאָר קאַפּריזנע, לויט איינפאַל, לויט שטימונג; אַ געסל אַהער, אַ שטעגל אַהין, שיף, רונד, קרומלעך. נאָר דאָ האָט עס עפּעס אַ באַזונדערן חן, אַ באַזונדערן רייץ. דאָ איז פאַרוועבט קונסט און נאַטור אין איין גרויסער האַרמאָניע. און אַ פייערלעכע אַטמאָספערע איז צעהאַנגען אין דער לופטן.

פון גאַמבעטאַ לינקס—די קאָמונאַרן־וואַנט, מיט בילדער פון די קאָמונאַרן און אויסקריצונגען אין שטיין, וואָס דערציילן וועגן זייערע גרויסע וואונטשן, וועגן זייער הייליקן קאַמף. אייביק איז די דאָזיקע וואַנט באַהאַנגען מיט בלומען; אייביק זיינען דאָ פאַראַן מענטשן; אייביק וועט דאָס פאָלק געדענקען זיינע העלדן. הגם דאָס איז גאָר ניט דער

קבר וואו זיי ליגן באַגראָבן, נאָר דאָס אָרט, וואו די מיליטערישע רעאַקציע האָט זיי מאַסנווייז צעשאָסן.

פונקט אַנטקעגנאיבער דער קאָמונאַרן־וואַנט — די רויטע גראַניט־סטאַטוע פון אַנרי באַרביס (דער רויטער מירמלשטיין איז געבראַכט געוואָרן אַזש פון די אוראַלן). אין באַרג איינגעגראָבן, ווי אַ קאָפּ צווישן פּלייצעס, שטייט דער דאַזיקער מאַרמאָר־פּעלדז און דערמאָנט אָן איינעם פון די גייסטרייכסטע שלום-קעמפער אויף דער וועלט.

באַרג אַראָפּצו ליגן אין אַ שמאָלן, געמיינזאַמען קבר די פיר מאַר־טירער פון זעקסטן פעברואַר, 1935 — אַ פּלאַכע, באַשיידענע מצבה, וואָס מען זעט קיינמאָל נישט אַרויס. זי איז שטענדיק איינגעדעקט מיט בלומען. רעכטס — אַ שמאָלער וועג גאַרטלט אַרום דעם באַרג. אין אַ ווינקל האָט זיך ווי באַהאַלטן די מצבה פון שרה בערנאַרד. אַ הויכער, אַלטערטימלעכער טיש אויף פיר שטיינערנע זיילן. אונטערן טיש — אַ שטיין־געדעקטע טרומנע מיט אַ ברייטן צלם פאַר אַ צודעק. דו בלייבסט שטיין פּיינלעך איבערראַשט: שרה בערנאַרד איז געווען אַ יידישע... בשכנות מיט איר ליגט די וועלט־באַרימטע קינסטלערין ראַשעל. אין אַ ווייס־געטאַקט קעסטעלע פון שטיין, עפּעס ווי זי וואָלט זיך מיטגענומען אַהער איר אויסשטייער...

איינס נעבן אַנדערן — לאַפאָנטיין און מאָליער,ביידע מצבות פון ענלעכן סטיל קוקן זיך פריינטלעך אָן. ווייטער, מיטן שמאָלן וועג באַרג אַראָפּ — אַ באַשיידענע מצבה פון דער פאַמיליע הוגאָ. אַ יונג אויסגע־שטאָרבענע משפחה. וויקטאָר הוגאָ אַליין ליגט אין פּאַנטעאָן (צוזאַמען מיט נאַפּאָלעאָנען). ביים הויפּט־וועג רעכטס שטייט אַן אַלטע און פעסטע מויער, די מצבה פון ראַסין. טיף קעגנאיבער פון אַ געדיכטן גרינעם אַנוואוקס קוקט אַרויס דער בראָנזענער קאָפּ פון אַלפאָנס דאָדע. ווייטער, פון גאַמבעטאַ, רעכטס, ביים הויפּט־וועג שטייט אויף אַ הויכן פּעדעסטאַל דער ביוסט פונעם אייביק־פאַרערטן באַלזאַק. צו דער פאַרהערלעכונג פון דער אַלטער אָפּטיילונג געהערן די קברים מיט די מאָנומענטן פון שאָפּען און טשוריביני.

פער־לאַ־שעז איז דער איינציקער בית־עולם אין פּאַריז, וואו דער טויטער „קאָן האָפן" אויף אייביקער רו. אויף די אַנדערע בית־עולמס איז מען קיינמאָל ניט זיכער מיטן שטיקל רו־פּלאַץ. ס'שטייט תמיד די געפאַר אַז די לעבעדיקע זאָלן פאַרדרענגען זייערע טויטע ברידער און פאַרבויען זייערע קברים מיט הייזער. פער־לאַ־שעז איז אַריינגעוואַקסן אין

דער שטאָט, אין דער געשיכטע און אין דער אייביקייט. נישט נאָר זעט מען אויף פּער־לאַ־שעז דעם גייסט פון קונסט און קולט, פון טראַדיציע און געשיכטע, נאָר אויך דעם גייסט פון געלט און מאַכט: גענעראַלן און מאַר־שאַלן, גראַפן און באַראָנען, פּרינצן און סתם געלט-זעק.

די ריזיקסטע פון אַלע מצבות אויף פּער־לאַ־שעז איז די פון רוסישן פּרינץ דעמינאָף. פון שוואַרצן מאַרמאָר, וואָס שפּיגלט אָפּ די שאָטנס אַרום זיך. אַ גאַנץ הויז מיט אַן אַריינגאַנג און אַן אַרויסגאַנג. אַ טעראַסע אויפן צווייטן שטאָק און אַ טורעם וואָס פאַררייסט דעם שוואַרץ־גלאַנציקן קאָפּ גלייך אין הימל אַריין. (ניט איין לעבעדיקער אין פּאַריז וואָלט זיך געוואונטשן צו וואוינען אין אַזאַ הויז)

דאָ שטייען מצבות וואָס וועלן, דאַכט זיך, שטיין אַן אַבסאָלוטע אייביקייט. אַלע מלוכות וואָס האָבן אנטייל גענומען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען דאָ פאַרטראָטן מיט זייערע מאָנומענטן פאַרן אומ־באַקאַנטן זעלנער. אַ דענקמאָל—דעם טויט; אויסגעכישופט פון קינסט־לערישע הענט, וואָס דאַרף סטימולירן די יונגע דורות צום... שטאַרבן. אַלע פעלקער פון דער וועלט זיינען דאָ פאַרטראָטן מיט זייערע שפּראַכן און סטילן: אינדיש, אַראַביש, כינעזיש, טערקיש — אַן אינטערנאַציאָנאַל פון מצבות אַוועקגעשטעלט אין גרעסטער פּראַכט — אַ לויב דעם... הערליכן טויט.

דאָס צוציענדיקע אויף דעם בית־עולם איז די היימלעכקייט. מאָסן מענטשן אין פאַרשיידנסטער טראַכט. שטענדיק זיינען דאָ פאַראַן באַזוכער, אייביק בלומען. די קברים ווערן געפלעגט און די טויטע ניט פאַרגעסן.

דאָס איינציקע וואָס טיילט אָפּ דעם בית־עולם פון לעבעדיקן אַרום איז דער פריער פאַרנאַכט. זעקס אַזייגער ווערן די הויכע טויערן גע־שלאָסן און דאַן צעגיסט זיך אַזאַ טרויעריקע שטילקייט איבער די קברים. די זון צינדט אָן די בוימער־שפּיצן, ווי צו אַ הייליקער תפילה, און צע־וואַרפט איר גאָלד אויף אַלע וועגן און שטעגן, וואָס פירן אַרום אויף דעם בית־עולם, ווי אין אַ פאַרכישופטן קרייז. לאַנגזאַם פאַרוועבן זיך די שאָטנס אַרום די מצבות. אַ שטיל, היימיש ווינטעלע שלייכט זיך אַדורך מיט צאַרטן באַריר, ווי דער קוש פון אַ מאַמע; שלעפט איין און לייגט זיך אַראָפּ צופוסנס פון באַרג. די זון וואַרפט איר אָפּשיין אין לעצטער גסיסה.

דעמאָלט, אין יענע בין־השמשות שעהן, שטייען זיי אויף די נישט־דערלעבטע לעבנס, און דו הערסט קינדער וואָס וויינען צו זייערע טאַטע־מאַמע; דו זעסט פּיצעלעך, וואָס שטרעקן זיך צו דער מוטערס ברוסט;

און דו זעסט געשטאַלטן, וואָס בויגן זיך איבער זייערע אייגענע קברים און טרויערן אויף זייער יונג-פאַרשניטענעם גורל. און דו פילסט ווי זייערע געקוילעטע טעג בלוטיקן ביי דיינע פיס. נאָר זייער פּיין ווערט שוין פון קיינעם נישט געהערט און זייער צער—פון קיינעם נישט פאַרנו־מען. ס׳ווערט איינגעשלונגען פונעם לעבעדיקן, טומלדיקן, קאָכעדיקן פּאַריז.

# אַ פּאָרטרעטל פון אַלפּין

**איר ווילט** וויסן ווער אַלפּי איז? גיט אַ קוק אויף גיילס פּליים, אַרום שלום־עליכם הויז, אויף די פייער־טרעפּ, אָדער אויפן פּלויט, אָדער אונ־טער יענעם אויטאָמאָביל, וואָס שטייט דאָרט אַנטקעגן. אויב איר וועט זען עפּעס אַזוינס, וואָס ס׳האָט אַ בלאָנד גזשיוועקעלע מיט שטאַרק פאַרטו־ענע אויגן און אַ לייכט שמייכעלע, ווי פון אַ חלום אַרויס, זאָלט איר וויסן זיין אַז דאָס איז אַלפּי.

— ס׳איז איינגעטונקען אין בלאָטע—זאָגט איר? אַוודאי איז עס איינגעטונקען. וואָסזשע, ס׳פּעלן עפּעס בלאָטעס אַרום שלום־עליכם הויז? און אפילו ס׳פּעלן, אַלפּי זוכט זיי שוין אָפּ, די בלאָטעס.

איר דאַרפט וויסן, אַ דאָ, נישט ווייט איז פאַראַן אַ בערגל, קאָן מען זיך אויסשטרעקן, אין דער גאַנצער לענג, און זיך אַראָפּקאָלערן. און דאָרט אַראָפּצו איז פאַראַן אַ גרוב, קאָן מען פאַרהאַלטן דאָס וואַסער און אויסבאָדן די טשערעפּאַכע. אַי ווי אַלפּי האָט ליב די טשערעפּאַכע! אַז ער וויל זי זאָל אַריינצינען דאָס קעפּל, גיט ער איר אַ קלאַפּ אויפן האַרטן רוקן, ווייסט זי גלייך וואָס עס מיינט. אַי וואָס זי איילט זיך ניט אַזוי שטאַרק? אַלפּי האָט צייט. אַז ער וויל גיט ער זי אַ כאַפּ און לויפט מיט איר אונטער. דערפאַר קאָן זי אָבער שווימען. און אַז זי שווימט, שטעקט זי אַרויס דאָס קעפּל און מאַכט מיט די לאַפּקעלעך.

איר ווייסט נאָך אַלץ ניט ווער אַלפּי איז? טאָ וואַרט שוין צו ביז אין אָונט, ווען זיין מאַמע וועט אַהיימקומען. זי וועט נעמען אַ שטיק זייף מיט אַ באַרשט און אים אויסבאָדן, וועט איר זען, אַז אונטער דעם קויטיקן שיכט איז פאַראַן אַ ייִנגל, און אַ בלאָנדס נאָך דערצו. אמת, דאָס וואַסער

אין וואָנע ווערט געדיכט ווי טינט, נאָר אַלפי קומט דערפון אַרויס אַ געלייטערטער, אַ ווייסער.

אַלפי האָט פיינט צו גיין אין סקול—נאָר ער גייט. ער האָט פיינט צו לערנען—נאָר ער לערנט. ער וויל ניט קענען—נאָר ער קען. ער ווייסט אַליין ניט וויאַזוי ס׳מאַכט זיך אים עפּעס אַזוי וואָס ער קען. און אַז דער לערער גיט אַ פרעג דעם קלאַס:

— קינדער, אין וועלכער העמיספער לעבן מיר?—רייסט זיך אַלפי ממש אַראָפּ פונעם בענקל; אָ, אָ, אָ, ער קאָן ניט צוריקהאַלטן דעם ענטפער:
— אין דער מערבדיקער העמיספער.—מיט אַ קוועטש אויפן מערב. און פאַרלויפט דעם לערער דעם וועג:—דער סאָוויעטן־פאַרבאַנד געפינט זיך אין דער מזרחדיקער העמיספער.—מיט אַ קוועטש אויפן מזרח.

אין דער יידישער שול וואָלט עס דווקא יאָ געגאַנגען. ס׳איז דאָרט אַזוי היימלעך און פריילעך, מען שפּילט זיך אַ סך. נאָר ווען מען לאָזט אים גיין דורכן פענצטער. ס׳איז גאָר עפּעס אַנדערש ווען ער גיט אַזוי אַ קריך אַריין דורכן פענצטער און איז שוין דאָרטן דאָ. נישט ערשט אָנהויבן צו גיין דורך דער טיר, שמיר. . .

און אַז דער לערער גיט זיך אַזוי אַ זאָג:—אַלפי, דו ביזט פאַראַכטאָגן פרייטיק נישט געווען אין שול ביים זינגען, וואָס וועט זיין פון דיר? גיסן זיך אַלפּין אָן די אויגן הער, העט ביז איבער די ברעגעס און ער לאָזט אַראָפּ דאָס בלאָנדע גזשיוקעלע איינגאַנצן אַ פאַרשולדיקטער. דעם אַנדערן פרייטיק קומט ער שוין צולויפן אין איין אָטעם; זעצט זיך אַוועק אין ווינקל, נעבן דער פּיאַנאָ און זינגט און זינגט, ווי אַ פרומער ייד ביים דאַווענען; מיט התמדה, מיט געשמאַק. נאָר קוים וואָס דער לעצטער קלאַנג פאַרקלינגט—פּיו! נישטאָ אַלפי. אַרויסגעפלויגן דורכן פענצטער.

איך זאָג אייך, גיט אַ קוק אויף אַלפּין, אויב איר ווילט הנאה האָבן פונעם לעבן. און זאָל אייך ניט אַרן וואָס ר׳איז אַזוי אויסגעשמירט. כ׳געמיטל איז לויטער ווי די זון אין תמוז.

— כאַ־כאַ־כאַ: שבטים איז מערצאָל פון שבט און שופט איז איינער פון די שופטים. מיר לערנען דאָס אין געשיכטע און ער קען ניט די גראַ־מאַטיק. כאַ־כאַ־כאַ . . .

— אַלפי, זיי שטיל!

נאָר גיי זיי שטיל, אַז ס׳לאַכט זיך אים אַרויס פונעם אויפגעשפּיליעטן העמדל. פון די קעשענעס לאַכט אים אַרויס. ס׳לאַכט אים אַראָפּ פונעם אונטערגעשוירענעם גזשיוקעלע. — כאַ־כאַ־כאַ—קאָן זיך אַלפי ניט איינ־

האַלטן. און די דאַרע פיסלעך ווערן אים צעטאָפּעט פון געלעכטער.

שפּילט אַלפי מאַנדאָלין. וויל ער ניט שפּילן, נאָר ער שפּילט. און שפּילט גוט. איז געפעלט אים, שפּילט ער פון די נאָטן; נישט, שפּילט ער זיך אויס אַ ניגון, גלאַט אַזוי, פאַר „פאַן״—שפּאַס, הייסט עס.

זיצט אַלפי ביים טיש און זינגט יידישע לידער:

„ביי דעם שטעטל שטייט אַ שטיבל
מיט אַ גרינעם דאַך. . . ״

— און אַרום דעם שטיבל וואַקסן בלימעלעך אַ סך—גיט אַלפי אַ מורמל אָפּ.

ער זינגט, ווייל ער איז הונגעריק; צי ווייל דער טאַטע איז שוין אַהיימגעקומען; צי ווייל . . . ער זינגט, ווייל עס זינגט זיך אים.

ווישט זיך דער טאַטע די הענט אָנעם האַנטוך און גיט אַ זייטיקן קוק צו דער מאַמען. דרייט זיך די מאַמע אויס צום אויוון און שמייכלט אַריין אין טעפּל. שמייכלען מיט דעם טאַטנס קנייטשן, שמייכלען די ווענט, שמייכלט די קיך און זיס איז דער אָרימער מאָלצייט ביים טיש. שלינגט דער טאַטע אַראָפּ אַ ביסן און פרעגט:

—פון וואַנען קאָנסטו די אַלע לידער, אַלפי?

— פון שול, פּאַפּאַ, פון דער יידישער שול — שטעלט אַלפי אָן אַן ערנסט פּנימל.— מיר לערנען אפשר טויזנט לידער אין שול.

— טויזנט לידער? — פרעגט דער פּאַפּאַ איבער מיט אַ קנייטש.

— יאָ, פּאַפּאַ, הונדערט זיכער, כ׳לעבן.

— אייסעך וואָס ער פּלאַפּלט דאָרטן.—קאָן די מאַמע קיין עוולות נישט פאַרליידן.

זעצט זיך אַלפי אַוועק מיט די דאַרע קניעס אויפגעשטעלט העט, ביז אונטערן קיילעכדיקן גאָמבעלע און זינגט אַזוי און זינגט.

„גייט אַ יינגעלע אויף קרומע וועגן,
קומט אַ הינטעלע אים אַנטקעגן . . . ״

איין ליד דערמאָנט אים אָנעם צווייטן, דאָס צווייטע אָנעם דריטן, אָנעם פערטן, ביז ער זינגט אַזוי אַריין אַ טוץ לידער און זיין קולכל קלינגט, קלינגט, ווי אַ זילבערן גלעקל. אַז טאַטע-מאַמע האָבן אָפּגעציילט אין דער שטיל גאַנצע צוועלף לידער, גלויבן זיי אים שוין די איבעריקע אַכט-און-אַכציק אויפן וואָרט.

זיצט דער טאַטע, קוקט אויף אַלפין און שלינגט גאַנצע שטיקער ברויט מיט פרייד. זיצט די מאַמע, קוקט אויף אַלפין און ליב ווערט די

זאָרג אויף איר פּנים. ליגן צוויי פּאָר אויסגעהאָרעוועטע הענט אויפן טיש און רוען זיך אָפּ. נאָר אַלפּי זעט גאָרניט און הערט גאָרניט. ווייל...

„אונדזער ליד איז פול מיט טרויער—
דרייסט איז אונדזער מונטערגאַנג . . . "

* * *

ש־ש־ש שאַט, איצט שלאָפט אַלפּי; שלאָפן זיינע צען גרינע זומערן. שלאָפן זיינע יידישע לידער, שלאָפן די ביכלעך, שלאָפט דער בלייער, שלאָפט דער באַל, שלאָפט דער טעדי־בער מיט די אָפּגעריסענע אויערן אין שול. שלאָפט די טשערעפּאַכע אין שיסל. שלאָפט דאָס גאָלד־בלאָנדע גזשיווקעלע זיינס. באַלד וועט ער עפענען די בלויע הימל־אויגן, וועט אויפגיין די זון . . .

# אַ חלום...

**זיבן** זיינען זיי געווען, אין איר חלום. איינס קלענער פונעם אַנדערן, איינס ליכטיקער פונעם צווייטן. אַ גאָלדענע לייטער צום הימל זיינען געשטאַנען אירע זיבן זין — אַלע אין טאַטן געראָטן: אַלע מיט הויכע שטערנס, מיט ברייטע, אָפענע פּנימער און ליכטיקע אויגן. דער עלטס־טער האָט געגרייכט דעם טאַטן ביז די אַקסלען, דער יינגסטער—ביז די קניעס. זי איז געשטאַנען מיטן פּיצל אויף די הענט, ס'איז געווען אַ מיידל, נאָר אַלץ מיטן טאַטנס קרעפּטיקן פּנימל, מיטן טאַטנס פייכטן שימער אין די מילך־בלויע אויגן. סאַראַ אוצר, סאַראַ שפע...

* * *

זי איז געלעגן אַ בלייכע, אַ ווייסע, אַ רואיקע. נאָר די טונקעלע וויעס האָבן פון צייט צו צייט אַ ציטער געטאָן—אַ סימן אַז זי לעבט.

פון אַזאַ חלום איז שווער געווען צו דערוואַכן. עטלעכע מאָל האָט זי זיך אויפגעכאַפּט, נאָר זי איז גליקלעכערוויז צוריק איינגעשלאָפן, און דער חלום האָט זיך ווייטער געשפּינט, ווי אַ גאָלדענער נעפּל.

... זיי זיצן ביי אַ לאַנגן, נידעריקן טיש. דאָס קליינע, דאָס מיידעלע וויל מער ניט איינזיצן אויף דער מוטערס שויס. זי רייסט זיך אַראָפּ, קריכט אויף אַלע פיר גיך, גיך, ביז זי קומט אָן צום טאַטן. ער

הויבט עס אויף און זעצט עס אַנידער, מעשה בחור, ביי זיך אויף דער קני. דאָס קליינע מיטן פּאַסאַליע־נעזל, מיטן פאַרריסענעם שטערן, איז אַ שטיפערקע נאָך ערגער פון די זיבן יינגלעך: זי רייט, זי פאָרט, זי פליט ממש אַראָפּ פונעם פאָטערס קני.

ס'איז חנוכה. אַכט ליכטלעך מיטן שמש ברענען העל. אַכט פּנימלעך מיטן פאָטער שטיפעריש צעפלאַמט. הייסע לאַטקעס שטייען אויפן טיש. אַ ווייסע פּאַרע קרייזלט זיך אַרויף, אַרויף, ביז צו דער סטעליע. מען עסט ניט, מען שפּילט אין דריידל. (אַ לייכטער שמייכל גליטשט זיך אַדורך איבערן בלאַסן, שלאָפנדיקן פּנים) אין יעדן קער און ריר פון די אַכט קינדער, זעט זי אים, דעם פאָטער. אַלע ווי פון איין שטיק געשניטן. אפילו דאָס פּיצל שטרעקט דאָס הענטעלע צום דריידל מיט אַזאַ אימפּעט, ווי ער אַליין וואָלט עס געטאָן. דעם טאַטנס באַקן שיינען אַראָפּ איבערן קינדס צעשטראַלטן קעפּל. פּלוצלינג ווערט אַ טומל. דער דריידל טאַנצט אַראָפּ פון טיש. דער טאַטע מיט די זיבן בנים, מיט דער איינ־ציקער טאָכטער לאָזן זיך נאָך אים, נאָכן דריידל. נאָר מען טאָר עס ניט אָנרירן. דאָס דריידל דרייט זיך אַלץ גיכער און גיכער, ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער, וואַקסט מיט אַ שווינדלענדיקער שנעלקייט ביז... עמיצער רעדט איר אַריין אין אויער:—וויאַזוי פילט איר, מאַדאַם?

זי האָט אויפגעמאַכט די אויגן. זי זעט ווי עטלעכע מענטשן אין ווייסן דערווייטערן זיך פון איר בעט. וויאַזוי פילט זי; וואָס האָט זי דען צו פילן?

פרויען אין ווייסע פאַרטוכער גייען אַרום, וועקן און רייסן די צודעקן פון די בעטן. מענטשן קרעכצן און איר טוט עפּעס אַזוי ווי, אַזוי ווי, נאָר זי ווייסט ניט געווי וואו, אויף וועלכן אָרט. זי האָט געוואָלט צוריק איינשלאָפן, צוריק אין איר חלום אַריין, נאָר דאָס ליכט האָט געשניטן אין די אויגן און פון דרויסן האָט זיך אַריינגעריסן אַ גרויער טאָג.

וואָס איז דאָ געשען? ווי קומט זי אַהער? אַז זי איז אין שפּיטאָל, דאָס זעט זי שוין, נאָר וואָס אַזוינס ס'האָט פּאַסירט, דאָס געדענקט זי ניט. זי האָט מורא צו פרעגן. עפּעס איז איר אַזוי שווער. טרערן שטעלן זיך איר אין האַלדז. זי שלינגט זיי איינציקווייז אַראָפּ, ווי גרויסע פּילן. ס'קומט צו אַ קראַנקנשוועסטער, ווישט איר אָפּ דעם שוויס פון פּנים און נעמט זי איבערבינדן. זי קוקט אויף אירע אָפּגעדעקטע לענדן און דערקענט זיי ניט, זיי ליגן אַזוי בלאַס און פאַרשעמט.

וואָס איז דאָ מיט איר פאָרגעקומען? זי פאָרשט דער שוועסטערס

בליק, נאָר יענע איז יונג און מיד און גלייכגילטיק. זי בינדט איבער די קראַנקע און גייט אַוועק.

זי האָט געהאָפט אויף אים, אַז באַלד וועט ער קומען; באַלד וועט ער אוועקשטעלן זיין ליבן, ברייטן פּנים פאַר איר, וועט זי אויסגעלייזט ווערן. זי וועט אים אַלץ דערציילן, ווי אומענדלעך שלעכט איר איז, כאָטש זי ווייסט ניט פאַרוואָס. זי האָט אָנגעשטעלט די אויגן אויף דער טיר. די אויערן אָנגעשפּיצט אויף יעדן טראַט. אַז ער איז איין טאָג ניט געקומען האָט זי געהאָפט אויפן צווייטן, אויפן דריטן, אויפן פערטן—ביז זי האָט דעם חשבון פאַרלוירן און האָט אַלץ געהאָפט. זי האָט מורא געהאַט זיין נאָמען צו דערמאָנען, נאָר ביי זיך אין האַרצן געשעפּטשעט אַ תפילה, פאַרבאָרגן אפילו פון גאָט אַליין:—שעפּסעלע מיינער, טייער, קום און לייז מיך אויס. ווייז מיר נאָך איינמאָל דיין פּנים. לאָז מיך דיך נאָך איינמאָל זען. נאָך איינמאָל, נאָך איינמאָל . . . פּלוצלינג גיט זי זיך אַ כאַפּ: נאָך איינמאָל? ניין, רבונו של עולם! ניין, ס׳קאָן ניט זיין.

ערגעץ אין דער טיף האָט אַ זעג מיט שאַרפע ציין גענומען זעגן אַ נאָך שאַרפערע ניכטערקייט. עפּעס וואָס האָט פּאַסירט מיט אים, מיט איר, אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט פון זיבן טעג. זי געדענקט עס קוים . . .

ס׳איז צוגעקומען די אויבער־קראַנקנשוועסטער מיט אַן אויסגע־פּרעסט קופּקעלע אויפן קאָפּ און אַ פּאַרטיקן שמייכל אויף די ליפּן:

—דער דאָקטאר האָט געזאָגט, איר וועט שוין קאָנען מאָרגן אַהיים־גיין.

— אַהיים־גיין, אַהיים־גיין — האָט זי אָנגעקוקט די שוועסטער מיט אַ פרעמדן, ווייטן בליק.

— יאָ, אַהיים־גיין—האָט יענע קאַלט געשמייכלט — זיינט איר ניט צופרידן?

— צופרידן.— האָט זי אַראָפּגעלאָזט אַ פּאָר שוואַרצע וויעס, ווי אַ שלייער איבער די פייכטע אויגן. די אויבער־שוועסטער האָט שוין גע־שמייכלט צו אַן אַנדער בעט.

דעם אַנדערן טאָג האָט זי זיך גענומען אָנטאָן מיט אירע צוויי לאַנגע אויסגעבלייכטע הענט, וואָס האָבן פאַרבאָרגן אַ שטיל געוויין אין די צעקנייטשטע קליידער. וואָס נעענטער זי איז צוגעקומען צום אַרויסגאַנג פון שפּיטאָל, אַלץ ווייטער איז געוואָרן די היים, אַלץ אומזעעוודיקער דער וועג וואָס האָט געפירט צו איר. זי האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ נעפּלדיקן טאָג, אויף אַן אומבאַקאַנטער גאַס, אין אַ פרעמדער שטאָט זוכן די היים, וואָס איז אויסגערונען צוזאַמען מיט איר גאָלדענעם חלום...

# אחינו בני ישראל...

**ווער** עס איז ניט געווען דאָנערשטיק, דעם 6טן אויגוסט, אין קאָמיוניטי צענטער אויף סאָטאָ און מישיגען, בעת עס איז אַראָפּגעקומען אַ „יוניט" פון רויטן קרייץ קיין באָיל הייטס, כדי צו זאַמלען בלוט פונעם געגנט פאַר די פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן, דער ווייסט ניט ווי גרייט אונדזער פאָלק איז צו געבן: צו געבן זין, צו געבן טעכטער, צו געבן בלוט פאַרן הייליקן קאַמף צו באַפרייען די וועלט און צו דערראַטעווען דאָס, וואָס עס לאָזט זיך נאָך ראַטעווען.

גאַנצע משפחות זיינען געקומען: טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער און ברידער, מאַן און ווייב, חתן און כלה; מען איז געגאַנגען ווי צו אַ חתונה; מען איז געקומען אין אַ שרעקלעך הייסן טאָג, נאָך אַכט און צוועלף שעה אַרבעט—אויסגעהאָרעוועט און אויסגעשוויצט, נישט געגעסן און נישט געטרונקען; מען איז געקומען מיט אַזאַ גרייטקייט, אַז קיין ברעם האָט ביי קיינעם קיין ציטער ניט געטאָן.

ווייזט אויס, אַז מען האָט זיך גאָרניט גערעכנט אויף אַזאַ גרויסן עולם. וואָרעם דער „יוניט" וואָס איז אַהער אַראָפּגעקומען פון רויטן קרייץ, איז ווייט ניט געווען צוגעגרייט צו „באַדינען" אַזויפיל הונדערטער מענטשן. ס'איז דעריבער אויסגעקומען צו וואַרטן שעהן־לאַנג. טייל האָט געוואַרט ביז צען אַזייגער אין אָוונט. אַנדערע האָבן זיך גאָרניט געקענט דערוואַרטן און האָבן געמוזט אַוועקגיין, ניט דערפילנדיק זייער וויליקייט אָפּצוגעבן דאָס ביסל בלוט פאַרן פאַרוואונדעטן.

אַז דו ביזט אַ געניטער אין די זאַכן און דו ווייסט שוין די גאַנצע פּראָצעדור, איז דיר אומפאַרמיידלעך אויפגעפאַלן די „איינגעהאַלטענע" באַציאונג, וואָס די מענטשן פון רויטן קרייץ האָבן אַרויסגעוויזן צו דעם באָיל־הייטסער בלוט־געבער. ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי דער „יוניט־סטעף" האָט פאַרגעסן מיטצוברענגען די העפלעכקייט, מיט וועלכער זיי באַדינען די בלוטגעבער אין אייגענעם צענטער. ס'האָט זיך אויך געקאָנט אויסוויזן, אַז דער „יוניט" איז גאָרניט אַזוי צופרידן, וואָס דאָ זיינען זיך צונויפגעלאָפן אַזויפיל בלוטגעבער. (ס'קאָן זיין אַז דאָס איז שוין די יידישע סופּער־סענזאַטיווקייט.) מען האָט געקאַרגט אַ וואָרט, און נאָך מער—אַ שמייכל. זעט איר, ווען ס'איז געקומען זעקס אַזייגער פאַר־

נאַכט, האָט דער „יוניט" געלאָזט דעם גאַנצן פאַרשמאַכטן עולם וואַרטן און מען איז אַרויסגעגאַנגען עסן וועטשערע—אין דער באַשטימטער צייט, צו דער שעה, צו דער מינוט. ווייזט אויס, אַז ס'איז גאָר קיינעם פונעם „יוניט" ניט איינגעפאַלן, אַז ווען עס זיצט אַן עולם, נאָך אַ טאָג אַרבעט, ניט געגעסן און ניט געטרונקען, און וואַרט צו געבן בלוט, וואָלטן אַנגעשטעלטע פונעם רויטן קרייץ אויך געמעגט צוּוואַרטן מיט זייער וועטשערע. נאָר אַחינו בני ישראל האָבן אויסדויער. בלויז געציילטע עטלעכע, די וואָס האָבן קליינע קינדער, זיינען אַוועקגעגאַנגען. די גרויסע מאַסע מענטשן איז געדולדיק געזעסן און געוואַרט. און אַז מען וואַרט, דערוואַרט מען זיך.—איז יעדער אָנגעקומען אין דער ריי.

וואָס אַן אמת—דערנאָך האָט מען שוין געמאַכט „האַריאַפּ". מען האָט חלילה ניט פאַרלוירן קיין איבעריקע מינוט מיטן בלוטגעבער. ס'איז שוין ניט געווען קיין צייט אויף אָפּצורוען זיך. און מחמת דעם אויבן־דערמאָנטן צושטאַנד, האָט מען געחלשט אויף רעכטס און לינקס. קיינמאָל פריער איז ניט אויסגעקומען צו זען אַזויפיל פאַרחלשטע ביים בלוט־געבן.

אָבער היימלעך איז געווען אין יענעם פינפטן אויגוסט אין קאָמיוניטי צענטער, היימלעך ביז גאָר. האָסט זיך דאָרט געקאָנט טרעפן מיט אַלע באַקאַנטע—מיט מענטשן וואָס דו האָסט שוין יאָרנלאַנג ניט געזען. ס'איז געווען מער ווי היימלעך, ס'געווען משפּחהדיק. אַז אַ מאַמע איז געקומען מיט איר איינציקער טאָכטער, האָט זי דען זיך אין זין געהאַט? האָט זי דאָך געהאַלטן אין איין קוקן דעם קינד אין די אויגן אַריין. נאָר „דאָס קינד" האָט זיך אויסגעלאַכט:—איך בין אָלרייט.—אַז דיך האָט פאַרקלעמט ביים האַרצן און דו האָסט אַ קוק געטאָן נעבן דיר פאַרוואַרפט דעם קאָפּ דיינער אַ נאָענטער באַקאַנטער, איז דיר געווען זייער היימלעך צו חלשן...

ווער עס איז געווען אין יענעם טאָג אין קאָמיוניטי צענטער און האָט אַ קוק געטאָן אויף עמדן, דער מוז זיין שטאָלץ אויף אַ פאָלק, וואָס ווייסט פאַרוואָס און פאַרוועמען אָפּצוגעבן זיין בלוט. אַז דו האָסט אַזוי געוואַנדערט מיט דיין בליק איבער די פאַרשיידן עלטערדיקע פּנימער (צווישן אַכצן און זעכציק), האָט דיך עפּעס אָנגעכאַפּט אַ גרויסע ליבשאַפט ביים האַרצן. צו וועמען? צו אָט־דער יידענע דאָרטן, וועלכע ווישט זיך דעם שווייס פונעם פּנים; צי צו מיס האָראָוויץ מיט איר ברודער, דעם סאַרדזשענט, וועלכער איז געקומען אויף אורלויב; צי צו דעם עלטערן מאַן, וואָס זיצט אָנגעגורט ווי אַ העלד; צי צו דיין נאָענטן שכן, בען געל־

פֿאַנד, וועלכער ליגט דאָרטן מיט גרויסע טראַפֿנס טוי אויפֿן שטערן; צי צו דעם טאַטן פֿון דער שיינער מיידל, וועלכע זיצט און שמייכלט מיט אַ בלייך פּנים. אָ, דאָ זעט מען אַ סך פּנימער, וואָס דו וואָלסט גערן צוגע־גאַנגען און זיי אויסגעקושט יעדן איינעם באַזונדער, ווי גוטינקע קינדער. אויב מ׳האָט ווען עס איז געקאָנט הנאה האָבן פֿון בלוט־געבן, איז עס געווען יענעם טאָג אין יידישן קאָמיוניטי צענטער, צווישן אחינו בני ישראל.

— — — — — — — — — — — — — — —

וואָס פֿילט דער בלוט־געבער?

מערקווירדיק, די מערסטע פֿרויען האַלטן זיך שטאַרקער ביים בלוט־געבן ווי די מענער. זיי קומען אויך אין אַ גרעסערער צאָל. זיי טראָגן אַקעגן דאָס ביסל בלוט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, און אין האַרצן ווינטשן זיי צו: זאָל זיין צו געזונט! אמת, עס זיינען אויך פֿאַראַן איינ־צעלנע, וואָס אַז זיי דערזען די קראַנקן־שוועסטער מיט די מכשירים, רינט זיי אויס דער מאַמעס מילך פֿונעם פּנים. ביי אַנדערע לויפֿט דער פּולס אַוועק צוויי הונדערט מייל אַ מינוט. אָבער קיינער קערט זיך ניט אום. קיינער האָט ניט קיין חרטה און די מערסטע זיינען רואיק.

ווען דו ליגסט אַזוי אויסגעשטרעקט, ווי אַ פּריץ, אויפֿן בעטל און ס׳צאַפּט זיך דיר דיין בלוט, האָסטו צייט צו טראַכטן: אַן וועמען וועט דיין ביסל בלוט אָנקומען? וועט עס ראַטעווען אַ טאַטנס אַ זון, צי אַ מאַמעס אַ קינד? צי גאָר אַ חתן פֿאַר אַ יונגער כלה, וואָס שפּינט זיך, אפֿילו איצט, אין אַזעלכע טעג, איר גאָלדענעם חלום, גלייך ווי גאָרנישט. צי גאָר אַ מאַן פֿון אַ פֿרוי, אַ טאַטע פֿון קינדער, וועמען וועט דיין ביסל בלוט דער־האַלטן ביים לעבן? און כאָטש דו פֿילסט, אַז ס׳לאָזט זיך דיר ערגעץ עפּעס אויס, פֿאַרדריסט דיך שטאַרק, פֿאַרוואָס מען נעמט בלויז איין „פּיינט״, בערך אַ גלאָז. מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס פֿאַר אַ באַטרעף דאָס איז אין אַנבליק פֿון גרויסן ים אָפּגעריננען מענטשלעך בלוט. נאָר מער נעמט מען ניט. דו מעגסט אפֿילו גרייט זיין אָפּצוגעבן דעם לעצטן טראָפּן. אַז דו ביזט זיך אַ מענטש, וואָס באַשטייסט אויף דיינעם, קומסטו אין זעקס וואָכן אַרום נאָכאַמאָל.

ווען דו ליגסט שוין די איבעריקע פֿאַר מינוט און דו רוסט זיך אָפּ, נאָכדעם, ווי דיין בלוט איז שוין אַוועקגעגאַנגען פֿון דיר און געפֿינט זיך שוין אין אַ פֿאַרזיגלטן פֿלעשל, ווי עפּעס אַ פֿרעמדע זאַך, דערפֿילסטו זיך ערשט זייער שטאַרק דערהויבן. אַ גאַנצן טאָג שוועבן דיר פֿאַר די אויגן

קראַנקע, פאַרוואונדעטע, שטאַרבנדיקע. נאָר דיין אָרעם ביסל בלוט טריפט פון איינעם צום צווייטן, וועקס און רופט צוריק צום לעבן. און דו זעסט אַ בלייך שמייכעלע באַווייזט זיך אויף אַ פּאָר אויסגערונענע ליפּן און דו פאַרנעמסט אַ שטראַל פון לעבן, וואָס קומט צוריק אויף אַ מענטש־לעך פּנים. און דיין האַרץ ווערט דיר עפּעס אַזוי געשטאַרקט, אַז דו פילסט, בפועל ממש, ווי דאָס אָפּגעצאַפּטע ביסל בלוט דיינס גיט דיר אַ וועלט מיט כח . . .

— — — — — — — — — — — — — — — —

„און גרייט איז מיין בלוט, אויב דו וועסט עס דאַרפן
אין דיינע אָדערן זיך איבערצוגיסן . . .״

אַזוי האָט געזונגען און אַזוי האָט געפילט דער אייביק־יונגער דיכ־טער, שניאור וואַסערמאַן, בעת מיר זיינען צוזאַמען געגאַנגען געבן בלוט פאַר דער הגנה אין יענע גורלדיקע טעג פון 1948. אויף זיין רייזע איבער די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אים פאַרכאַפּט די מלחמה אין ישראל גראַד אין לאָס אַנדזשעלעס. ער האָט זיך גלייך אָפּגעשטעלט ביי דער „בלוט־באַנק פאַר ישראל״ און האָט אָפּגעגעבן זיין ביסל בלוט פאַר די קעמפער. עפּעס האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרצן, וואַסערמאַנען, און ער האָט געחלשט. נעבן אים אויף אַ בעטל האָט געגעבן בלוט אַ סטודענטקע פון אַן אַכצן־ניינצן יאָר—צאַרט און דין ווי אַ ליליע אויף אַ שטענגל. זי האָט זיך אפילו קיין קרים ניט געטאָן, ווען מען האָט אַריינגעשטעקט דעם אַפּאַראַט אין איר אָרעם. זי האָט געקוקט אויף אים, דעם גרויסן בחור, מיט מאַמעדיקן צער אין די גרויסע, בלויע אויגן. וואַסערמאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט. . . .

נאָכן בלוט געבן האָבן מיר זיך נייגעריק אַרומגעקוקט: אַ זאַל מיט פעלד־בעטלעך. אויף די בעטלעך—בלוטגעבער. רויט בלוט פליסט פון מענטשלעכע אָדערן אין פלעשלעך אַריין. ווער זיינען עס די בלוט־געבער, וואָס האָבן זיך דאָ פרייוויליק פאַרזאַמלט? יוגנט, יוגנט—כמעט לויטער יוגנט. זעלטן אַ מיטליאַריקער מענטש. מיר האָבן אונדזערע אויגן ניט געגלויבט.—און מיר האָבן געמיינט—האָט דער דיכטער גע־זאָגט מיט פאַרוואורף צו זיך אַליין—און מיר האָבן געמיינט, אַז די אַמעריקאַנער יידישע יוגנט קאָן בלויז שפּילן בייז־באָל. ווי גרוילעך מיר האָבן אונטערגעשאַצט.

— אָבער דאָס איז נישט בלויז יידישע יוגנט.

— דאָ זיינען פאַראַן אויך אַנדערע, אַ חוץ אחינו בני ישראל?

— יאָ, דאָס איז אַמעריקעס פילפאַרביקע יוגנט, אַמעריקעס ברכה פון גאָט. איר זעט דאָרט יענעם יונגנמאַן?—וואַסערמאַן האָט זיך אויפ־געזעצט—ער איז אַ שוואַרצער.

— זיין בלוט איז רויט, פונקט אַזוי ווי אונדזערס.

—„סי, סעניאָר" באַרואיק זיך—האָט אים איבערגעשלאָגן אַ קליין־געוויקסיקע קראַנקן־שוועסטער מיט אַ שוואַרץ גלאַנציקן קאָפּ האָר. זי האָט אים אַרויפגעלייגט אַ וואַרעמע האַנט אויפן קילן שטערן און האָט אים אַריינגעקוקט אין פנים אַריין:

— וועסט זיין אַלרייט.—וואָס אויף יידיש וואָלט עס געמיינט: ס'וועט דיר גאָרניט שאַטן. . .

וואַסערמאַן האָט זיך געוואונדערט: ווי קומט זי אים צו זאָגן „סי סעניאָר"? פון וואַנען ווייסט עס אָט־די שוואַרץ־חנוודיקע קראַנקן־שוועס־טער, אַז ער קומט פון אַרגענטינע און רעדט שפּאַניש? אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז זי ווייסט גאָרנישט. זי איז גלאַט אַ מעקסיקאַנער מיידל, אַ גראַדואירטע פון הויפּט־שפּיטאָל (קאַונטי האָספּיטאַל) האָט זי וואָלונ־טירט איר פרייען טאָג אַרויסצוהעלפן דאָ אין דער „בלוט־באַנק פאַר ישראל." זי האָט אים אונטערגעלייגט אַ גרויס קישן אונטער די פיס, אים געהייסן רוען נאָך אַ האַלבע שעה און איז אַוועק צו אַנדערע בעטלעך. וואַסערמאַן איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ טיפן שווייגן. . .

# לערער, דיין תלמיד איז געפאַלן אין נגב

**צי געדענקסטו**, טייערער חבר, די שול אויף וואַבאַש עוועניו? דו מוזסט זי זיכער געדענקען. זי שטייט נאָך עד היום אַזוי שטיל און פאַר־טראַכט און הילכט אָפּ ערשט אין די שפּעטע נאָכמיטאָג־שעהן, ווען די קינדער הויבן זיך אָן אַריין־ און אַרויסצושאָטן פון איר, מיט זייער שפּיל, געזאַנג און געפּילדער.

צי געדענקסטו, חבר לערער, אַז ביי דיר אין קלאַס, אין דער וואַבאַש שול, האָט זיך געלערנט אַ הויך אויפגעשאָסן יינגל, מיט אַן אומרואיקן קנאָפּ אויפן האַלדז. פּייוול האָט ער געהייסן—פּייוול באַלקין. ער האָט זיך תמיד אַרומגעשפּילט מיט אַ פּילפּעדער אין האַנט און האָט קיינמאָל ניט געהאַט וואו אַהינצוטאָן די לאַנגע פיס זיינע. נאָך אַ סימן וועל איך דיר אָנגעבן: אַז פּונקט דעמאָלט, ווען דו האָסט געלערנט אין דער וואַבאַש שול, איז ער געוואָרן בר־מצוה. אַ גרויסער בחור געוואָרן, פּייוול. זיין טאַטע, דער קאַמאַשן־שטעפּער, זיין מאַמע, די שוואַרץ־חנעוודיקע בעטי, זיין עלטערער ברודער דזשעק, און זיין קליין שוועסטערל, שוירלי, האָבן אים געמאַכט אַ גרויסע בר־מצוה פּאַרטי (שמחה). און דו, רב לערער, ביסט טאַקע געווען דער סאַמע ראש הגדול, האָסט געפּראַוועט די שמחה על התורה ועל הלייט.

נו, דער תלמיד דיינער איז געוואַקסן. געוואַקסן דין און הויך, ווי אַ באַנאַנע־בוים אין זיין משפּחה שטאַם. און מיט אים צוזאַמען איז גע־וואַקסן אַזאַ פייערל, וואָס האָט תמיד געברענט אין זיינע טונקעלע אויגן. געוואַקסן איז אויך מיט אים אַ שטיפער, אַ לאַכער, אַ קונדס, וואָס האָט געלאַכט מיט אַ הילכיקן, קינדערישן געלעכטער.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן איז פּייוול גלייך אַוועק און האָט זיך פאַרשריבן אין אַמעריקאַנער פלאָט. ער וועט פאַרטרייבן אַלע פאַ־שיסטן פון דער וועלט און וועט גלייך אַהיימקומען. די מאַמע דאַרף וועגן דעם ניט וויינען. און די מאַמע האָט טאַקע ניט געוויינט. זי האָט צערטלעך געשמייכלט צו איר קליינעם זון, וועלכער האָט זיך אַזוי שטאַרק געאיילט אויסצוואוואַקסן. . .

דער אָפיציר פון אַמעריקאַנער פלאָט האָט אויסגעהערט פּייוולען מיט קאָפּ. ער האָט אים אָנגעטאָן אַ מונדיר, מיט אַ רונדיק ווייס היטעלע

(פּייוול האָט דערין אויסגעזען מלא חן) און האָט אים דערוויל אָפּגעשיקט צוריק אַהיים. אָנגעזאָגט האָט ער אים, אַז ווי נאָר זיינע אַקסלען וועלן אויסוואַקסן צו דער ברייט און דער מאָס, זאָל ער גלייך קומען צוגיין.

דער טאַטע האָט געאַרבעט איבערשטונדן און האָט אויסגעצאָלט דאָס שטיבל אויף מאַלאַבאַר סטריט, אין וועלכן די משפחה האָט געוואוינט. די מאַמע האָט געקעכלט די קינדער און האָט געזונגען פּאַר מלחמה־רעליף. דער עלטערער ברודער, דזשעק, איז שוין לאַנג געווען אויפֿן פּאַסי־פישן פּראָנט און האָט געשריבן פון דאָרטן קורצע און ערנסטע בריוולעך. דאָס קליינע שוועסטערל, שוירלי, איז געגאַנגען אין שול און האָט זיך גע־שפּילט מיטן הינטל. און פּייוול? פּייוול האָט זיך געמאָסטן צי ער וואַקסט...

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווען די ענגלענדער זיינען באַפאַלן יידישע שיפן מיט קוים פון גיהנם אַרויס אָפּגעראַטעוועטע לעבנס, האָט זיך אין פּייוולס קינדערישע אויגן צעפלאַקערט דאָס פייערל, וואָס האָט תמיד, אָן פּייוולס וויסן, גע־טליעט אין זיי. ער איז גלייך אַוועק און האָט זיך פאַרשריבן אין דער הגנה. צו זיין גרויסער דערשטוינונג האָט ער דאָרטן געטראָפן זיין עלטערן ברודער דזשעק, וועלכער איז נאָר וואָס געהאַט צוריקגעקומען פונעם פּאַסיפישן פראָנט און האָט נאָך ניט באַוויזן פון זיך אַראָפּצוואַרפן דעם מונדיר. יענער איז זיך אַזוי געשטאַנען, געשמועסט מיט אַ חבר, אַ רואי־קער שמייכל אויף זיין פּנים. ווי נאָר ער האָט דערזען פּייוולען, איז ער צום ערשטן מאָל, זינט פּייוול געדענקט אים, אַרויס פון די כלים: „וואָס טוסטו דאָ, מר. פּייוול?" ער האָט אים אָנגענומען ביים אויער, האָט אים אַזוי אָפּגעפירט אַהיים און אים אַ וואָרף געטאָן גלייך צו דער מאַמען אין שויס אַריין: „נאַדיר, אָט האָסטו אים, דעם תכשיט דיינעם. פרעג אים נאָר וואו ער איז געווען..."

— — — — — — — — — — — — — — — —

די מאַמע האָט געוויינט, דער טאַטע האָט געבעטן, שוירלי איז גע־פאַלן די ברידער אויפן האַלדז. אפילו דאָס הינטל, אַ שטומע חיה, האָט עס דערפילט אַז עפּעס איז ניט גלאַט. האָט עס צעגויפגענומען די פיר קליינע הינטעלעך, האָט זיך אַרומגעזעצט מיט זיי און גענומען לעקן פּייוולען די פיס. פּייוול האָט אויפגעהויבן יעדעס הינטעלע באַזונדער, האָט עס אויס־געקושט פונעם קעפּל ביזן עקל, דערנאָך האָט ער אַרומגענומען די מאַמע. פון איבער אירע אַקסלען האָט ער אַ קוק געטאָן צו זיין עלטערן ברודער, דזשעק. יענער האָט ערנסט, שוין אָן כעס, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און

ביידע ברידער זיינען צוגעגאַנגען צום פֿאָטער, וועלכער איז געשטאַנען אַ פֿאַרלוירענערביים פֿענצטער און האָט עקשנותדיק אַרויסגעקוקט.

— גוד־באַי, פּאַפּ, גיב אַכטונג אויף דער מאַמען.— און ביידע האָבן זיך אַרויסגערוקט פֿון דער שטוב, ווי צוויי פֿאַרשולדיקטע.

פּייוול האָט אַ קוק געטאָן אויף צוריק. ער האָט נאָך געוואָלט אָנזאָגן שוירלין זי זאָל ניט פֿאַרגעסן אָפּצושניידן דאָס גראָז ביי דער טיר:— „קאַט די לאָן"— האָט ער צוריקגעשריגן.

דזשעקן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אפֿשר איז איצט דער מאָמענט דעם קליינעם איבערצודברן. ער האָט אַזוי פּאַר זיך, גלייכגילטיק, אַ זאָג געטאָן:—אפֿשר וואָלסטו געבליבן אין דער היים, אַכטונג געבן אויף דער שטוב, אויפֿן גערטנדל? אויף שוירלין קאָן מען זיך ניט פֿאַרלאָזן. און דער טאַטע אַרבעט שווער. שאַ, וויסטו וואָס? וואַרט צו ביז איך וועל דיר שרייבן.

אַ בליץ פֿון פּייוולס אויגן איז געווען דער ענטפֿער: „סמאַרט גאַי"! (חכם) ווייסטו גאָר וואָס? — האָבן פּייוולס פֿלאַמיקע אויגן געשפּילט דעם עלטערן ברודער אין פּנים אַריין — בלייב ד ו אין דער היים, און איך וועל ד י ר שרייבן. ווען שפּעטער קומען צופֿאָרן מיט דער „קווין מערי"... (ענגלישע שיף „קווין מערי")

ווי נאָר די יינגלעך זיינען אַרויס פֿון שטוב האָט זיך בעטי, די מאַמע, ביטער צעוויינט:—קוים באַוויזן צו זען דזשעקן אַהיימקומען אַ לעבעדיקן; אַז ס׳איז גאָרניט דערזעלבער דזשעק. אוועקגעפֿאָרן אַ יינגל, אַ קינד; אַהיימגעקומען איז עס אַן אַלט געמיט. און איצט נאָדיר אַזאַ מעשה...— זי איז געזעסן אויף דער סאָפֿע מיט די פֿיס אונטער זיך און האָט געקלאָגט אויפֿן קול:—פּייוול, דזשעק, גיט אַכטונג וואו איר גייט. — דער טאַטע, באַלקין, האָט געטרייסט, אַ ברירה האָט ער געהאַט:—זאָלן זיי גיין, די יונגען, ס׳וועט זיי גאָרניט שאַטן! — אַליין האָט ער געפֿילט, אַז עפּעס רייסט זיך אים אָפּ אין האַרצן.

— — — — — — — — — — — — — —

קיין סך צייט פֿון וועג צו שרייבן האָט מען ניט געהאַט. די רייזע איז געווען אַ שווערע, אַן אונטערערדישע. אַראָפּ פֿון שיף איז מען אין מיטן ים, דווקא ניט ווייט פֿון דער אַראַבישער שטאָט יפֿו. (כדי די ענגלענדער זאָלן מיינען אַז דאָס גנבענען זיך אַראַבער...) מען איז געגאַנגען ביזן האַלדז אין וואַסער און קוים באַוויזן צו ברענגען דאָס שטיקל לעבן צום

ברעג. ווען נישט דזשעק, דער דערפֿאַרענער סאָלדאַט פֿונעם פּאַסיפֿישן פֿראָנט, וועלכער האָט געהאַלטן דעם קליינעם ברודער זיינעם פֿעסט ביי דער האַנט, וואָלט פּייוול פֿאַרטראָגן געוואָרן פֿון די כוואַליעס, ווי אַ שפּענדל אויפֿן וואַסער.

דער אַזוי אויך הייסער נגב האָט געפֿלאַקערט. די רייען, אַרומגענומען פֿון פֿלאַמען און שראַפּנעלן, זיינען שיטערער געוואָרן. די נייאַנגעקומענע האָבן זיך געשטעלט אין דער מיט. פּייוול געדענקט ניט ווילאַנג די בראַנד האָט גענגעהאַלטן, ווילאַנג ס'האָט אַזוי געדויערט ביז ס'איז עטוואָס שטילער געוואָרן. ער, מיט זיין חברותא האָבן ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז זיי וועלן ניט גיין קיין שפּאַן צוריק. ער האָט אויסגעצויגן זיינע לאַנגע פֿיס און אָפּגעמאָסן אַ גרויסן שפּאַן, רעדנדיק אויף שטום־לשון צו זיין תימנער חבר, זכריה. (מערקווירדיק, יענער האָט אויסגעזען ווי אַ דריטער, קלענערער ברודער פֿון די באַלקינס) — כן, זאת היא אַרצנו — האָט אים זיין דראָבנער חבר געפֿינקלט מיט די ווייסע ציין אין די אויגן אַריין.

— „ש ו ר" — האָט פּייוול אויסגעצויגן — מיר'ן דאָ פֿלאַנצן „גרייפּס" (ווייַנטרויבן). — לא „גרייפּס"! — האָט זיך אַ ריר געטאָן אַ זאַמדיק בערגל מיט ליכטיק־בלויע אויגן: — לא ענבים, אלא תפוחי־זהב, תפוזים לכל אירופה . . .

שוין העט, העט, ביי די שטילשטאַנד פֿאַרהאַנדלונגען, ווען דער מענטש האָט זיך גענומען אָפּטיילן פֿון זאַמד; ווען מען האָט אָנגעהויבן אַרומווישן דעם ברודיקן שוויס און אַרומוואַשן, מיטן קאַרגן ביסל וואַסער, די וואונדן, האָט זיך פּייוול ערשט אויסגעגלייכט אין זיין גאַנצער דינער הייך. ער האָט, צו זיין גרויסער איבערראַשונג, אויסגעפֿונען, אַז ער איז, ליגנדיק דאָ אין זאַמד, אויסגעוואַקסן אויף אַ גאַנצן אינטש. ער האָט זיך הילכיק און פֿריידיק צעלאַכט, ווי אַמאָל, אין קלאַס פֿון דער יידישער שול, אַזש פֿונקען האָבן געשפּריצט פֿון זיינע אויגן: — זע, דזשעק . . .

אַ שוואַרץ אויג פֿון אונטער אַ ווייסער אַבאַיע, אויף יענער זייט פֿראָנט, האָט אויך באַוואונדערט פּייוולען. עס האָט געצילט און געטראָפֿן. פּייוולס קינדעריש געלעכטער איז געבליבן הענגען אין דער צעגליטער לופֿט. ער איז אומגעפֿאַלן אַזוי גלייך ווי ער איז געשטאַנען. דאָס פֿייער אין זיינע טיפֿע, טונקעלע אויגן האָט זיך ניט אויסגעלאָשן, בלויז אָפּגעשטעלט.

אַ צעקנייטשטע, ברודיקע האַנט פֿון אַ „דזשענטלמאַן" מיט פֿאַרנעפּלטע אויגן האָט אַ קלאַפּ געטאָן דעם אַראַבער אויף דער פּלייצע:

„וועל דאָן“ (גוט געטאָן), מיין פריינט. — און ביידע האָבן זיך געדריקט די הענט.

דער עלטערער ברודער, דזשעק, האָט זיך אויך דאָס מאָל ניט פאַר־לוירן. ווי אַ שווער־געפּרואווטער וועטעראַן, האָט ער געוואוסט אַז אויך דאָס קאָן פּאַסירן. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ שטיק פון אַ ווייס טישטוך, וואָס איז אים גראָד געקומען צו דער האַנט, דערמיט איינגעהילט דעם קאָפּ פון זיין קליינעם ברודער, ווי מען הילט איין אַ קינד. ער האָט אים גענומען צערטלעך אויף די הענט, אים איינגעטוליעט צו זיך. . .

פאַרנאַכט, ווען די אונטערגייענדיקע זון האָט גענומען פאַרבן די מדבר און אַ ווילדע ראַפּסאָדיע פון קאָלירן האָט זיך אויפגעוויקלט פאַר די אויגן, האָט ער אויפגעזעצט און אָנגעשפּאַרט פּייוולען אָן אַ הויפן זאַמד. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס ווייסע לייוונט פון זיין פּנים. פּייוול האָט אויסגעזען ווי ער שלאָפט אַ שווערן, קינדערישן שלאָף. און דזשעק האָט אים געוועקט:—זע, פּייוול, די מדבר איז רויט, נישט נאָר פון דער זון, נאָר פון חרפּה, פון חרפּה וואָס אירע זאַמדן טרינקען אַזויפיל אומשולדיק בלוט. וואַסער! שרייט די מדבר, וואַסער, דו הערסט, פּייוול? נאָר אָנשטאָט ריין, קיל וואַסער, גיט מען איר וואַרעם, קלעפּעדיק, מענטשלעך בלוט. ווי דורשטיק איז די מדבר ! . .

ער האָט צוריק איינגעוויקלט פּייוולען אין ווייסן לייוונט. אים נאָך אַ הייסן קוש געטאָן אויף זיין קאַלטן שטערן און אים אַראָפּגעלאָזט אין דער וואַרעמער ערד פונעם נגב. אַליין האָט ער אַ כאַפּ געטאָן ביידע ביקסן—זיינע און פּייוולס—און האָט זיך געשטעלט אויף דער וואַך. די נאַכט האָט אַראָפּגעלאָזט אַ גרויען צודעק איבער דער מדבר, איבער דעם בערגל וואָס הייסט, פּייוול באַלקין, איבער די איינזאַמע פאַרפּאָסטנס, וואָס זיינען געשטאַנען מיט אָנגעשפּיצטע חושים אויף דער וואַך.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און שוין. דאָס איז דער סוף פון דיין נײַנצן־יאָריקן תלמיד.

שטעל זיך אויף, טייערער חבר לערער, בויג אָן טיף דיין מלמדישן קאָפּ פאַרן אָנדענקען פון דיין תלמיד, פּייוול באַלקין, וועלכער איז געפאַלן, כדי דאָס פאָלק זאָל אויפשטיין.